STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04442

MESHULAM SURKIS

Meshullam Surkis

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משולם סורקיס

תל־אביב . תשל"ח . 1978

צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט: **ישראל רודניצקי**

הילע: **י. שערף**

אַ האַרציקן דאַנק אַלע אונדזערע קרובים און פריינד, וואָס האָבן מיט זייער שטיצע אונדז דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

מלכה און אלכסנדר איוואַניר

Meshulam Surkis
© 1978

אַרויסגעגעבן פון דער משפחה
נדפס בישראל תשל"ח
סידור, עימוד וגראפיקה: משה חמיאל
הדפסה: "חבצלת", הרצליה

1976 — 1899

אַנשטאָט אַ הקדמה

יוליאַן שוואַרץ:

צו די וואָס האָבן געהאָלפן דער בויונג פון אונדזערע קולטור-פּאָזיציעס אין אַמאַליקן רומעניע, נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה ביז 1940, געהערט אויך דער טאַלאַנטירטער און חנעוו-דיקער יידישער אַקטיאָר משולם סורקיס, וועלכער איז געוואָרן איצט 65 יאָר; איך וויל ניט זאָגן „אַלט", ווייל ער איז נאָך פול מיט ענערגיע און אַ טעטיקער פּובליציסט.

משולם סורקיס איז געבוירן געוואָרן דעם 21סטן דעצעמבער 1899 אין אַ חסידישער משפּחה. זיין פאָטער, אַן אָנגעשטעלטער, האָט אים אַוועקגעשיקט לערנען אין דער ישיבה פון באָראָטשין, וווּ ער בלייבט צוויי מיט אַ האַלב יאָר.

אים האָט אָבער געצויגן פון קינדווייז אָן צו טעאַטער. אין יאָר 1920 הייבט ער אָן שפּילן אין די בוקאָווינער יידישע דראַמקרייזן, אין טשערנאָוויץ, כאַראַקטער-ראָלעס, ווי צום ביישפּיל: לייזער בדחן אין יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", מלכיאל אין „מטורף", אליהו הנביא אין אַ קינדער-ספּעקטאַקל „יוסף מוקיר שבת", אין וועלכן דער שפּעטער באַרימטער זינגער יוסף שמידט האָט מיטגעשפּילט און געזונגען סאָלאָ. ער צייכנט זיך אויס מיט זיינע פּרויען-ראָלעס, באַזונדערס אין דער אינטערפּרעטאַציע פון שלום-עליכמס פּרויענטיפּן.

צום ערשטן מאָל האָב איך באַגעגנט סורקיסן זומער 1929. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פּשוטער, געזונטער עמך, מיט חוש פאַר פאָלקסטימלעכן הומאָר. מיט התמדה און אומדערמידלעכקייט האָט ער מיטגעהאָלפן ביים געבורט און וווקס פון דער טעאַטער-סטודיע „קאַמעלעאָן",

אין איינעם מיט באַראַק און דעם איניציאַטאָר שׂימחה שוואַרץ. אַלע דרײַ האָבן געהאַט צו באַזאָרגן זייערע פֿאַמיליעס, אָבער טראָץ דעם האַרטן קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, האָבן זיי אָפּגעריסן צײַט פֿאַר דער קינסטלעריש-געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט.

אין די גראַטענע „קאַמעלעאָן"-ספּעקטאַקלען האָט משולם סורקיס אַ וואָגיקן בײַטראָג.

און ווער געדענקט ניט דאָס שאַרפֿע אויג און צונג פֿון דעם קאָנפֿע-ראַנסיע משולם סורקיס אין די „קאַמעלעאָן"-פֿאָרשטעלונגען? „שאַרף, וויציק, אונטערהאַלטלעך" — האָבן די צײַטונגען באַצייכנט משולם סורקיסן ווי דעם קאָנפֿעראַנסיע אין שׂימחה שוואַרצס סאַטירע אין צוויי אַקטן — „שאַנדרע-באַנדרע".

ניט איין טורנע האָט ער אָרגאַניזירט, מיט פֿאָרלעזונגען, הומאָר און סאַטירע. אַליין פֿאָרגעטראָגן אַ גאַנצן אָוונט! ביז אין די קלענסטע אָרטשאַפֿטן האָט ער דערפֿירט די שאַפֿונגען פֿון שלום-עליכם, י. ל. פּרץ, משה נאַדיר, פֿראַדל שטאָק און אַנדערע.

אַן איבערגעגעבענער ייִדיש-פֿרײַנד און ייִדיש-קענער, האָט ער געגרינ-דעט אַ פֿיליאַל פֿון דער טעאַטער-סעקציע פֿון "שולפֿאַראיין" אין סאַדאָגוראַ, געשריבן טעקסטן פֿאַר דעם דראַמקרײַז, רעזשיסירט און מיטגעשפּילט. בעת די טורנעען, בעת דער אַרבעט מיט די דראַמאַטישע קרײַזן, פֿלעגט משולם סורקיס שרײַבן רעפּאָרטאַזשן (אונטערן טיטל „אַ גאַסט אויף דערווײַל"), אין וועלכע ער האָט דעמאַסקירט די מושלים פֿון שטעטל. טראָץ זײַן שווערער מאַטעריעלער לאַגע פֿלעגט ער איבער-געבן אַלע הכנסות פֿון זײַנע קינסטלערישע אונטערנעמונגען דער לאָקאַ-לער אַרבעטער-באַוועגונג, דער רויטער הילף („מאָפּר"). דאָס איז אויך געווען אַ סיבה פֿאַר דער סימפּאַטיע, מיט וועלכער מען פֿלעגט אים אויפֿנעמען בעת די אויפֿטריטן.

אין יאָר 1928 איז ער געווען איינער פֿון די סעקרעטאַרן בעת דער פֿײַערונג לכּבֿוד דעם 20סטן יאָרטאָג פֿון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפֿערענץ.

ווי אַ פּובליציסט האָט ער יאָרן לאַנג מיטגעאַרבעט אין דער פּראָגרע-סיווער פּרעסע פֿון רומעניע און אויסלאַנד. אין די יאָרן 1929-1939 האָט ער רעגולער געשריבן אין ש.א. סופֿרס טשערנאָוויצער בלעטער טעאַטער-רעצענזיעס און פֿאָלעמישע אַרטיקלען, מיטגעאַרבעט אין זלמן רייזענס ווילנער טאָג.

בעת דער מלחמה קעגן די נאַצישע פאַרכאַפּערס איז ער מאָביליזירט געוואָרן אויף אַרבעט אין טאַשקענט. אויך אין יענע שווערע צײַטן און באַדינגונגען האָט ער אָרגאַניזירט אַ שלום-עליכם-אָוונט, אין יאָר 1942, אין איינעם מיטן דיכטער יוסף קאָטליאַר.

בעת דער מלחמה האָט ער פאַרלוירן כמעט זײַן גאַנצע משפּחה. זײַן געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אָבער האָט ער ניט איבערגעריסן. ער דרוקט אָפט אין דער **נײַע פּרעסע** און אין דער וואַרשעווער **פאָלקס-שטימע** אַרטיקלען, וועלכע ווערן איבערגעדרוקט אין דער פּראָגרעסיווער ייִדי-שער פּרעסע פון דער וועלט.

דעם גײַסטרײַכן און איידעלן מענטש, דעם אַקטיוון און טרײַען חבר משולם סורקיס, צו זײַנע 65 יאָר — נאָך אַ סך זאַטע און פריידיקע יאָרן!

„נײַע פּרעסע“, 1964.12.23

משולם סורקיס אין יאָר 1934

י. קאַראַ:

אַזוי קען איך אים זינט 40 יאָר; לעבעדיק, פול מיט הומאָר און ענטוזיאַזם, פאַרליבט אין ייִדישער קולטור, אין ייִדישן טעאַטער, אין ייִדישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. מיט אַ ברייטן פּראָגרע-סיוון קוק אויף אַלגעמיינע און ייִדישע פּראָבלעמען, אַ האַרציקער חבר, אַן איבערגעגעבענער טוער, אַן עכטער מענטש, אַן אמתער פֿאָלקס-אינטעליגענט.

אין דעם בוקאָווינער שטעטל בערהאָמעט, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן סוף 1899, דאַכט זיך אין דעצעמבער, האָט משולם סורקיס אײַנגע-זאַפּט אין זיך דאָס טראַדיציאָנעלע ייִדישע לעבן און דערציִונג. דאָס רײַכע ייִדישע פֿאָלקסשאַפונג און, דער עיקר, דאָס פֿאָלקסטימלעכע, געזונטע, האַרציקע געלעכטער, דעם ייִדישן הומאָר, וואָס העלפט גובר זײַן אַלע צרות, דאָס ייִדיש לשון, דעם ייִדישן קנייטש.

יונגערהייט איז ער געקומען קיין טשערנאָוויץ, ווו ער האָט אָפּגע-אַרבעט אַ לעבן ווי אַ בוכהאַלטער, אויפגעבויט אַ היים, דערצויגן אייניקלעך. די ניט-קליינע פּרנסה-זאָרגן זענען בײַ אים געווען אַ נעבנ-זאַך. דער עיקר איז בײַ אים געווען די קולטור-אַרבעט אין טשערנאָווי-צער „שולפאַראיין", אין דער טעאַטער-סעקציע פון אָט דער וויכטיקער קולטור-אינסטיטוציע אונטער אליעזר שטיינבאַרגס אויפזיכט.

שפּעטער, זינט 1930, איז ער אין איינעם מיט אבנר באַראַקן געווען צווישן די וויכטיקסטע שפּילערס, מיטגרינדערס און מדריכים אין דעם קליינקונסט-אַנסאַמבל „קאַמעלעאָן", ווו שׂימחה שוואַרץ איז געווען דראַמאַטורג, רעזשיסאָר, קאָמפּאָזיטאָר, מאָלער, אָרגאַניזאַטאָר און שוישפּילער.

משולם סורקיס האָט זיך דאָרט אויסגעצייכנט מיט זײַן סאַטירישער אַקטואַליזאַציע, אומפּרעטענציעזן, פֿאָלקסטימלעכן הומאָר; ווי מחבר און אינטערפּרעטאַטאָר האָט ער ניט געהאַט זײַנס גלײַכן. זײַנע אימפּראָ-וויזאַציעס אויף חברישע באַגעגענישן, זײַנע עקספּראָמפּטן האָבן תּמיד אַרײַנגעבראַכט פרייד און פאַרגעניגן.

אין משך פון לאַנגע יאָרן איז ער געווען טעאַטער-רעצענזענט אין ש. אַ. סופרס „טשערנאָוויצער בלעטער". כּמעט אַלע ייִדישע ספּעקטאַקלען זענען פון אים אָפּגעשאַצט געוואָרן. ער האָט אומקאָמפּראָמיסלעך געפירט אַ קאַמף קעגן שונד, הפקרות און געשמאַקלאָזיקייט, וועלכע זענען געווען אַן אָפטער גאַסט אין דעמאָלטיקן ייִדישן טעאַטער. גלייַכ־צייַטיק האָט ער אָבער געשטיצט יעדן טאַלאַנט, יעדע פּאָזיטיווע דער־גרייכונג אויף דער ייִדישער בינע. דערמיט האָט ער מיטגעהאָלפן צו דערהייבן די מערכה פונעם ייִדישן טעאַטער אין רומעניע.

ניט וויניקער וויכטיק איז געווען זייַן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין דעם לינקן „שולפאַראיין", דער עיקר אין די זומער-קאָלאָניעס פאַר קינדער: זייַן שוישפּילערישער טעמפּעראַמענט, זייַן פּעדאַגאָגישער טאַ־לאַנט, זייַן ליבע צו קינדער האָבן אַרויסגערופן סימפּאַטיע און פאַר־ערונג צו אים.

צו זייַן 70סטן געבוירן-טאָג, צו זייַנע קנאַפּע 50 יאָר געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט, שרייַבערישער טעטיקייט און האַרציקער חברשאַפט ווינטשן אים אַלע זייַנע פרייַנד אַ סך געזונטע, שאַפערישע יאָרן לטובת דער ייִדישער קולטור!



משולם סורקיס (ערשטער פון רעכטס) מיט חברים אויף דעם באַרימטן צעצינאַ־באַרג לעבן טשערנאָוויץ

יצחק שמידט:

סוף 1974 איז חבר משולם סורקיס אַלט געוואָרן פינף און זיבעציק יאָר עד מאה ועשׂרים. ווען ס׳ווערט דערמאָנט דער נאָמען משולם אָדער משולם סורקיס, דער עיקר פאַר מענטשן וואָס שטאַמען פון די קאַנטן פונעם אַמאָליקן גרויס-רומעניע און דער דעמאָלטיקער קולטורקאַמף איז זיי באַקאַנט געווען, שטײַגט אויף אין זייער זכּרון אַ פּילפּאַרביקע, רײַכע און אינטערעסאַנטע עפּאָכע פון חלום און קאַמף.

משולם האָט אין זײַן לעבן געדינט אַ סך אידעען. ער איז געווען אַ פּאָליטישער קעמפער, אַ טעאַטער-מענטש, אַ זשורנאַליסט, אַ רעציטאַטאָר און אַלץ געטאָן אָן פּערזענלעכן מאַטעריעלן נוצן, ווי געווען אַ מאָל דער שטייגער — פּרנסה באַזונדער און כּלל-אַרבעט באַזונדער.

ער האָט אָנגעהויבן זײַן פּאָליטישן קאַמף מיט די אָנהייבן פון דער פּועלי-ציון - באַוועגונג אין דער דעמאָלטיקער עסטרײַך - אונגאַרישער, שפּעטער רומענישער פּראָווינץ — בוקאָווינע. געווען איז ער אַ מיטאַרבעטער פון די גרינדער פון דער פּועלי-ציון-פּאַרטײַ בערל לאָקער, ד״ר מאיר ראָזנער, שטערנבערג, פּראָפ׳ חײַם קראַפט, שטײַנמעץ א״אַ. ער איז געווען בשעתו דער אָנפירער פון דער פּועלי-ציון-יוגנט.

פאַרשפּרייטן די פּועלי-ציון-תּורה איז געווען ניט לײַכט, אויך ניט אין דער בוקאָווינע, אַ פּראָווינץ וואָס האָט ניט פאַרמאָגט קיין אינדוסטריע און אַזוי אַרום ניט קיין פּראָלעטאַריאַט און, נאַטירלעך, ניט קיין יידישן פּראָלעטאַריאַט. דערצו האָט די פּאַרטיי געמוזט קעמפן קעגן דעם בירגערלעכן ציוניזם פון דרויסן און צווישן לינקס און רעכטס אין דער פּאַרטיי גופא. בעת דער שפּאַלטונג אין 1920 האָט זיך משולם אָנגעשלאָסן מיט זײַן גאַנצן אימפּעט אין דער לינקער גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפ׳ חיים קראַפט און איז פאַרבליבן זײַן מיטאַרבעטער אויף אַלע פראָנטן פון פּאָליטישן און קולטורעלן קאַמף.



משולם סורקיס אויף דער סצענע פון
קליינקונסט־טעאַטער „קאַמעלעאָן"

אין בוקאָווינע האָבן געוווינט צוזאַמען אוקראַיִנער, פּאָליאַקן, רומע־נער און ייִדן. אַ גרויסע טייל פון די ייִדישע אײַנוווינערס דווקא זענען געווען די טרעגערס פון דער דײַטשער שפּראַך און קולטור. די עסטרײַ־כישע אַדמיניסטראַציע האָט געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „דויטשער שול־פערײַן", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן דײַטשע שפּראַך און קולטור.

כ׳מיין, אַז אונטער דער השפּעה פון ד"ר נתן בירנבוים, וואָס האָט אויך אַ צײַט לאַנג געוווינט אין טשערנאָוויץ, האָבן יונגע ייִדישע אינטע־לעקטועלע, פאַרליבטע אין דער שפּראַך פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן, געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך אַקעגנשטעלן דער אַסימי־לאַציע און זי אָנגערופן: „ייִדישער שולפאַראיין פאַר דער בוקאָווינע".

מיט דער הילף פון ייִדיש האָט די אָרגאַניזאַציע געפּרוווט אַרײַנדרינ־גען צווישן די מאַסן, זיי דערנענטערן צו ייִדיש, ליב האָבן ייִדיש, זיך באַקענען מיט די נאַציאָנאַלע קולטורווערטן און אַזוי אַרום פאַרשטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזײַן און פאַרהאַמעווען דעם וועג פאַר דער אַסימילאַציע.

משולם סורקיס — ערשטע ריי (זיצט), דריטער פון לינקס

צווישן די גרינדערס פון ייִדישן שולפֿאַראיין געפֿינען מיר אַ סך פּועלי-ציון-חברים: ד״ר מאיר ראָזנער, ד״ר גבריאל ראָזענרויד, פּראָפ׳ לעקער, פּראָפ׳ חייִם קראַפט, ד״ר שלמה ביקל, יצחק זינגער, פּראָפ׳ שעפּלער, דער מאָלער אַרטור קאָלניק, משולם סורקיס, שמריה שמידט, ד״ר פורמאַן, גרודער און נאָך אַ סך אַנדערע חברים.

נאָך דער פֿאַראייניקונג פון די פּראָווינצן בוקאָווינע, בעסאַראַביע און טראַנסילוואַניע מיט דעם אַזוי גערופֿענעם אַלט-רומעניע און דער אַנט-שטייונג פון גרויס-רומעניע, זענען צוגעקומען אַ סך ווערטפֿולע כּוחות. קודם-כּל דער משלים-דיכטער אליעזר שטיינבאַרג, דער פּאָעט און רעזשיסאָר יעקב שטערנבערג, דער שרײַבער משה אַלטמאַן, דער מאָלער שלמה לערנער, אַבנר באַראַק, שׂימחה שוואַרץ און אַנדערע, וואָס האָבן אַ סך בײַגעטראָגן צו דער ראָלע וואָס דער ייִדישער שולפֿאַראיין האָט געשפּילט אין קולטור-לעבן פון רומעניע.

אליעזר שטיינבאַרג האָט געשאַפֿן אַ לאָזונג, וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן דער לאָזונג פונעם גאַנצן שולפֿאַראיין: „ווען איך דערזע אַ פונק, בלאָז איך״. אַזוי האָט זיך צעפֿלאַקערט דאָס קולטור-לעבן.

אויף אַלע פראָנטן פון פּאָליטישן און קולטורעלן קאַמף, וואָס דער שולפֿאַראיין האָט געפֿירט, האָט משולם סורקיס גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. מ׳וואָלט באַדאַרפֿט זיך אָפּשטעלן אויף די טעאַטער-אויפֿפֿירונ-גען פֿאַר קינדער, געשאַפֿענע פון אליעזר שטיינבאַרג, אין וועלכע ס׳איז אַגב אויך אויפֿגעטראָטן דער שפּעטער וועלט-באַרימטער טענאָר יוסף שמידט. אין אַן אַרטיקל וועגן יוסף שמידט שרײַבט משולם: „ס׳איז מיר אויסגעקומען מיט שמידטן צו שפּילן אין אליעזר שטיינבאַרגס קינדער-פּיעסעס, וואָס איך האָב באַטראַכט פֿאַר איינע פון מײַנע זכיות אין לעבן״. נאַטירלעך, האָט זיך משולם אויך אַקטיוו באַטייליקט אין שׂימחה שוואַרצס „קאַמעלעאָן״, אין קליינקונסט-טעאַטער, צוזאַמען מיט אַבנר באַראַק. אַ סך דערמאָנען זיך מיט נאָסטאַלגיע אין די רעצי-טאַציעס פון משולם סורקיס. משולם איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער אין פּאַרטיי-אָרגאַן די פרײַהייט, און אין די **טשערנאָוויצער בלעטער**, רעדאַגירט פון ש. אַ. סופר. סורקיס האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער פֿאַרלעגערישער אַרבעט פונעם שולפֿאַראיין, וואָס האָט אַרויסגע-געבן דעם **אַלף-בית** פון א. שטיינבאַרג, זײַנע משלים מיט 14 האָלצ-שניטן פון אַרטור קאָלניק, די ערשטע אויפֿלאַגע פון שטיינבאַרגס משלים א״אַ.

דער ייִדישער שולפּאַראיין האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט סאָציאַ-לער אַרבעט און געגרינדעט זומער-קאָלאָניעס פאַר אָרעמע ייִדישע קינ-דער. ניט קיין לײַכטע אַרבעט געווען, צו שאַפן די נייטיקע פאָנדן. שווער האָט געהאָרעוועט דער ביז גאָר געטרײַער חבר יצחק זינגער, דער לאַנג-יאָריקער פאָרזיצער פונעם שולפאַראיין, מיט אַ קליינער גרופּע חברים צו וועלכע ס׳האָט, נאַטירלעך, געהערט סורקיס, דורכצופירן די קאָלאָניעס.

משולם האָט אויך אָנטייל גענומען בײַם גרינדן דעם ייִדישן טעאַטער אין טשערנאָוויץ און אַליין מיטגעשפּילט מיט דערפאָלג אין שלום-עליכמס 200.000. דאָס איז שוין געווען אונטער דער סאָוועטן-מאַכט.

אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט-מלחמה איז משולם פאַר-וואָגלט געוואָרן אַזש אין דעם ווײַטן טאַשקענט, זיך גוט אָנגעמוטשעט, ביז צום אומקערן זיך אין יאָר 1945 קיין טשערנאָוויץ. פאַרזוכט אויך דעם טעם פון תּפיסה. נאָך אַ סך שווערקייטן עולה געווען קיין ישׂראל אין יוני 1972.

משולם סורקיס פאַרנעמט זיך אַצינד, מ׳קאָן זאָגן, מיט אַ הייליקער אַרבעט. ער שטעלט אַוועק קולטור-מצבות זײַן עפּאָכע און זײַנע חברים מיטקעמפערס. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען געווידמעט ד״ר מאיר ראָזנער, יוסף שמידט, שׂימחה שוואַרץ און חיים קראַפט. ער אַרבעט אויך איבער אַ סעריע אַרטיקלען וועגן ייִדישן שולפאַראיין.

איך ווינטש מײַן גוטן חבר און פרײַנד, וואָס איך האָב דאָס גליק געהאַט צו זײַן אַ שטיקל צײַט זײַן מיטאַרבעטער אין ייִדישן שולפאַר-איין — אַ סך געזונט און כּוח, צו פאַרווירקלעכן זײַן אויפגאַבע: באַ-קענען די וועלט מיט אַן אינטערעסאַנטן קאַפּיטל פון ייִדישן קולטור-קאַמף אין אַ ווײַטער גלות-מדינה.

„פאָלקסבלאַט“, נומ׳ 4־3 (77־76), מאַרץ־אַפּריל 1975

י. צ. שאַרגעל:

היינטיקן חודש ווערט אונדזער ליבער חבר און חשו-
בער מיטאַרבעטער משולם סורקיס 75 יאָר. איז עס
זיכער אַ פּאַסיקע און אָנגענעמע געלעגנהייט אים צו
באַגריסן, פאַרצושטעלן אים פאַר אונדזערע לייענערס
און אים מכבד צו זיין מיט אַ גאַנצן זאַק מיט ברכות.
וואָרעם משולם סורקיס האָט זיך דאָס אַלץ כשר
פאַרדינט.

אַן אַקטיאָר און טוער אַרום די ייִדישע אַקטיאָרן, אין זיין בוקאָווינע,
און דער עיקר: אין איר הויפּטשטאָט טשערנאָוויץ, האָט ער זיך איינ-
געקויפט אין ליבע ביי אַלע, וואָס האָבן זיך מיט אים באַגעגנט און מיט
אים געהאַט בשותּפותדיקס. אין אָנהייב 1926, אויף מיין אומלעגאַלן
וועג קיין ארץ-ישראל, האָבן מיר זיך באַקאַנט אין די קרייזן פון די
לינקע פּועלי-ציון דאָרט און אין ייִדישן שולפאַראיין און... זיך באַלד
אין אים פאַרליבט. קודם-כּל — זיין ליבע, חברישע באַציִונג צום מיט-
מענטש. זיין וווּנדערלעכע ייִדישע היים. און זיין אייגנאַרטיקער טאַלאַנט
צו שפּילן און אינטערפּרעטירן שלום-עליכמס פּרויענטיפּן!

משולם איז אויך באַקאַנט מיט זיין געבענטשטער פעדער — ווער איר
לייענען זיין טעאַטער-קריטיק און דער עיקר זיינע זכרונות פונעם
קולטור-לעבן אין טשערנאָוויץ אונטער די פאַרשיידענע רעזשימען,
וואַקסט אויס פאַר אייך אַ פולבלוטיק געשטאַלט פון אַ ייִדישן קינסט-
לער, זשורנאַליסט און קולטור-טוער, אויף וועמענס צעקנייטשטן
פּנים עס שיינען און לייכטן טעטיקייטן און ווייען, שאַפונגען און
יסורים און ועל-כּולם — די אומגעהייערע פרייד צו זיין אין אייגענעם
לאַנד, וואָס דאָס איז געווען זיין שטרעבן פון די ייִנגסטע יאָרן זיינע אָן.

ווען איך זע אים, ווען איך זע זיין נאָמען — זע איך תּמיד דאָס

ייִדיש-ייִדישע טשערנאָוויץ מיט אירע שרײַבערס, אַקטיאָרן און קול-טור-טוערס, מיט אליעזר שטיינבאַרג און איציק מאַנגער בראָש, כ'זע דעם ייִדישן שולפאַראיין מיט זײַנע דיפּלאָמירטע אָנפירערס און די מאַסן פאָלקס-אינטעליגענטן און אים, דעם גײַסטרײַכן משולם, אין דער שפּיץ פון אָט די טעטיקייטן.

ווען מיר אים ווינטשן נאָך אַ סך יאָרן פון שרײַבערישער אַקטיווי-טעט בײַ אונדז, און אַ געזונטע נחתפולע עלטער.

„ישׂראל־שטימע", 1974.12.5



מיט דער משפחה אין טשערנאָוויץ (1963)

פון לינקס אויף רעכטס: מלכּה איוואַניר (טאָכטער פון מ. סורקיס), אסתּר סורקיס (משולמס פרוי), מ. סורקיס, יוסף בורג, ל. ווייַנשטאָק, י. קאַראָ, חיים לעקער, מאיר חריץ, אַלכּסנדר איוואַניר; אונטן — דאָס אייניקל בעלאַ איוואַניר

משולם סורקיס (אין צענטער) אויף אַ משפּחה־פֿייַערונג

מ. סורקיס מיט זײַנע אייניקלעך בעלאַ באַטעלמאַן,
מאַרק (אין מיטן) און בעלאַ איוואַניר

משולם סורקיס (ערשטער רעכטס) מיט זײַן משפּחה



דאָס לעצטע בילד (נאָוועמבער 1975). מיט זײַן איידעם און אייניקל

26סטער אַפּריל 1976

■

נאָך איין ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן אין אונדזער גאָלדענער מנורה. דער ערשטער: נפתלי הערץ כּהן, נאָך אים — יעקב פרידמאַן, שפּעטער — יעקב שטערנבערג און איצט דו — אונדזער טײַערער משולם סורקיס.

ס'איז געווען אַ גרויסער תּענוג צו זײַן מיט דיר אין איין סביבה. ס'האָט געשפּרודלט פון דיר מיט חכמה, מיט וויץ, מיט דײַנעם, פײַנעם הומאָר, מיט פרײַנדשאַפט און איבער-געגעבנקייט פאַר נאָענטע און פרײַנד. מיר, דײַנע חברים, האָבן געגאָסן פון די אַלע גרויסע מעלות דײַנע, מיט וועלכע די נאַטור האָט דיך באַשאָנקען. האָסט זיי צעטיילט מיט דײַן גוטער האַנט און מיט דײַן ייִדיש-מענטשלעך האַרץ. מיר האָבן דיר געצאָלט מיט דער זעלביקער וואַרעמקייט און ליבע.

דײַנע עסייען פלעגן מיר לייענען מיט הנאה און אינטע-רעס און באַוווּנדערן דײַנע קענטעניש און דײַן פּאַראַנט-וואָרטלעכקייט פאַר אַלץ וואָס האָסט געשריבן. ווער וועט איצט פאָרזעצן און דערפירן ביזן סוף דײַנע היסטאָרישע עסייען וועגן ייִדישן טשערנאָוויץ — דאָס געזאַנג פון דײַן לעבן?

והנה נדם הנגון לעד!

בײַ דײַן פרישן קבר שטייען מיר — דײַנע נאָענטע און ליבע, דײַנע פרײַנד, געזעגענען זיך מיט דיר און זאָגן דיר: טײַערער משולם, מיר וועלן דיך געדענקען און האַלטן טײַער דעם נאָמען דײַנעם ווײַל דו האָסט דאָס ערלעך פאַרדינט.

„ישׂראל־שטימע“, 1976.5.26

יאָסל לערנער

■

עס גלייבט זיך ניט, אַז מיר באַגלייטן היינט אונדזער משולם סורקיס אין זיין לעצטן וועג. אַ לאַנגיאָריקער פריינד זיינער, האָב איך אים געקענט ווי אַ האַרציקן, באַשיידענעם מאַן, וועמען די נאַטור האָט באַשאָנקען מיט אַרטיסטישער באַגאַבונג, מיט אַ זאַפטיקן פאָלקסהומאָר, מיט אָראַטאָרישע פעיִקייטן און מיט אַ געבענטשטער פען אין דער האַנט. און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן — אין טעאַטער, אין דער פובליציסטיק און ווי אַ קולטור-בויער, איז געווען אָן פרעטענסיעס, פשוט: פון ליבשאַפט צו ייִדיש, צו אונדזער פאָלקסקולטור און צום פשוטן מענטש.

חיים נחמן ביאַליק ז"ל האָט געזאָגט אַ מאָל אויף אַ ייִדישן שריפטשטעלער, אַז „ער אַנטלויפט פון כּבוד, נאָר אָפט מאָל קוקט ער זיך אום צי לויפט אים דער כּבוד ניט נאָך". אונדזער משולם סורקיס האָט זיך ניט אומגעקוקט. ער האָט געשפּאַנט קוקנדיק תּמיד פאָרויס...

ווען די געשיכטע האָט נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה משדך געווען די צוויי שכנותדיקע פּראָווינצן בעסאַראַביע און בוקאָווינע, איז משולם פון די ערשטע טעג געוואָרן אין בעסאַראַביע אַן אייגענער. דער אונטערשייד אין לעבנס-נוסח און קולטור איז ניט געווען קיין שטער צו געפינען דאָס קרובהשע צווישן זיי, און מיט זיינע אָפטע אויפטריטן אין כאָטין, בעלץ, סאָראָקע און אַנדערע שטעט איז ער באַליבט און פּאָפּולער געוואָרן ביי דער אָרטיקער אַרבעטער-אינטעליגענץ.

אונדזערע חז"ל זאָגן, אַז יעדע טרער, וואָס פאַלט בעת דער אבידה פון אַ נאָענטן, קלייבט גאָט זאָרגזאַם צונויף אין זיין

קאַסע-סייף און פון צײַט צו צײַט שפּיגלט ער זיך אין זיי. מיטן אַוועקגיין פון משולמען אין דער אייביקייט אַרײַן וועט גאָטס סייף זיך אָנפּילן מיט די טרערן פון אַ סך זײַנע בעסאַראַבער פרײַנד אין וועמענס זכּרון זײַן גײַסטרײַך, כּשר געשטאַלט האָט זיך פאַרקריצט אויף אייביק.

שלום טשערקעס

■

דיר, טײַערע מלכּהלע און אויך אַלע נאָנטע בני-בית, דריק איך אויס מײַן טיפסטן ווייטיקדיקן מיטגעפיל צו דער גרויסער אבידה, וואָס ניט נאָר איר, נאָר די גאַנצע שארית-הפליטה פון דעם חורבן-טשערנאָוויץ האָט געהאַט, פאַרלירנדיק אַ געשטאַלט, וואָס איז געווען די פּאָפּולערסטע, פאַרדינסטפולסטע, באַליבטסטע אין אונדזער געוועזענער היימשטאָט טשערנאָוויץ.

אין דעם טאָג פון דער לוויה בין איך אַ פּיזיש קראַנקער געלעגן און געווייטיקט, וואָס איך בין ניט אין שטאַנד געווען צו באַגלייטן צו זײַן אייביקער רו מײַן טײַערן אַלטן פרײַנד ז״ל.

זײַט שטאַרק, מײַנע ליבע, און לאָמיר פאַרהייליקן דעם אָנדענק פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן אַוועקגעגאַנגענעם.

אײַער, מיט אײַך טרויערנדיקער

יצחק פאַנער

בּאָסטאָן 27 אַפּריל 1976

ווײַט פון די בוקאָווינער קאַרפּאַטן, פון די ברעגעס בײַם טשערעמוש און פּרוט, פון אים באַשריבענע און באַזונגענע מיט וואַרעמער ליבשאַפט, איז אין שווערע ליידן אַוועק פון דער וועלט איינער פון די ליכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פונעם ייִדישן טשערנאָוויץ, אונדזער האַרציקער פרײַנד און ליבער חבר משולם סורקיס.

אַ פּילזײַטיק באַגאַבטער מענטש, אַ גענײַטער פּובליציסט און טאַלאַנטירטער רעציטאַטאָר, אַ טעאַטער-קריטיקער און געזעל-שאַפטלעכער טוער, איז ער זײַן גאַנץ לעבן געווען געקניפּט און געבונדן מיט אַלע געביטן פון דער פאַרצווײַגטער ייִדישער קולטור-אַרבעט און ליטעראַרישער טעטיקייט אין בוקאָווינע צווישן ביידע וועלט-מלחמות.

געקומען פון די סאַמע פאָלקס-טיפענישן, האָט ער שוין פון דער פריסטער יוגנט זיך אַרײַנגעוועבט, ווי אַ לויטערער פאָדעם, אין דעם גרויסן פאָלקסגעוועב און מיט איבערגעגעבענער געטרײַ-שאַפט געטראָגן צווישן די ברייטסטע מאַסן דאָס ליכט פון פאַר-געשריטענער ייִדישער קולטור.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז ער געווען איינער פון די גרינדערס פונעם באַוווסטן ייִדישן שולפאַראיין, די היים פון אַזעלכע שרײַ-בערס ווי אליעזר שטיינבאַרג, איציק מאַנגער, יעקב שטערנבערג, דיכטערס פון זײַן דור, פון זײַן קרײַז, וועגן וועלכע ער האָט שפּעטער מיט יאָרן דערציילט מיט גרויס ליבשאַפט און ייִראת-הכבוד אין זײַנע זכרונות אויף די שפּאַלטן פון דער „פאָלקס-שטימע" און „נײַע פּרעסע".

זײַנע גײַסטרײַכע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען, אָנגעהויבן פון ש. אַ. סופרס „טשערנאָוויצער בלעטער", האָבן שטענדיק פאַר-כאַפּט דעם לייענער מיט זייער שפּראַך, בילדערישקייט און ליב-

שאַפט צו די היימישע קאַרפּאַטן, און צו זײַנע פולבלוטיק געשאַ־פענע געשטאַלטן פון ייִדישע שרײַבערס און קולטור־טוערס.

עד־היום קאָנען ניט פאַרגעסן ווערן זײַנע אַרטיסטישע אויפ־טריטן אין שׂמחה שוואַרצס קליינקונסט־טעאַטער „קאַמעלעאָן" און די גוואַלדיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס ער פלעגט באַקומען פונעם באַגײַסטערטן עולם.

באַזונדערס האָט זײַן אייגנאַרטיקער טאַלאַנט זיך אַנטפּלעקט אין שפּילן שלום־עליכמס פרויען־געשטאַלטן. אָנגעטאָן אַ טיכל אויפן קאָפּ, און שוין לעבט אויף גיטל פורישקעוויטש, די ייִדענע פונעם „טעפּל" און אַנדערע.

אַן אומדערמידלעכער טרעגער פון ייִדישער קולטור, איז סורקיס אָנהייב זעכציקער יאָרן, ווי נאָר ס׳האָט זיך באַוויזן דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" געוואָרן זײַן הייסער פּראָפּאַגאַנדיסט און פאַרשפּרייטער.

שווער צו גלייבן, אַז ס׳איז ניטאָ מער אונדזער ליבער, נאָענטער משולם. די ידיעה האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט צער, און מיר דער־מאָנען מיט טיפן ווייטיק אין האַרצן: „תהיה נשמתו צרורה בצרור החיים" — עס וועט דײַן שיינע און לויטערע נשמה לעבן מיט אונדז און אין אונדז.

משה אַלטמאַן, טשאַרנע באַרלאַס,
יוסף בורג, סידי־טאַל,
מאָטל פּאַליאַנסקי,
פּנחס פאַליק, בערל רויזן.

"נײַע פּרעסע", נומ׳ 75, 1976

צו די שלושים נאָך דער פּטירה פון דעם זקן שבחבורת-הטשערנאָוויצער משולם סורקיס שטייען מיר בײַ זײַן קבֿר, פאַר דער אַנטהילטער מצבֿה, ווי אַן עדה אָבֿלים, טיף אין צער, וואָס ער איז פון אונדז אַוועק. מיט געפיל פון טיפער פיעטעט זאָגן מיר וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ „הולך תמים ופועל צדק ודובר אמת בלבבו". ער איז זײַן גאַנץ לעבן געגאַנגען בתמימות, געשטרעבט צו גערעכטיקייט און זײַנע מחשבות זענען געווען אמת.

...מיר האָבן אים געקענט פון אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן; מיר זענען אַלע געווען נאָך יונגוואַרג, נאָר וואָס געשטעלט די ערשטע טריט אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. יונגע סעמינאַריסטן, לערערס, סטודענטן און אַרבעטערס, אין דער תקופה פון נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, נאָך פאַרן נצחון פון היטלעריש באַרבאַריזם, ווען אין גאַנץ מיזרח-אייראָפּע האָבן זיך מעכטיק פונאַנדערגעוויקלט די געזעלשאַפטלעכע ייִדישע באַוועגונגען און מיט זיי — די ייִדישע קולטור-באַוועגונג.

אין היסטאָרישן רעטראָספּעקטיוו איז טשערנאָוויץ דעמאָלט געווען, לויט די ווערטער פון משולם סורקיס ז"ל, די יבֿנה פון רומעניע, די גײַסטיקע מעטראָפּאָליע פון ייִדיש-רומעניע.

מיט פולער אחריות קאָנען מיר זאָגן, אַז אין יענער תקופה האָבן זיך גרופּירט אַרום ייִדישן שולפאַראיין אין טשערנאָוויץ אידעאַליסטישע, האָפענונגספולע, יונגע שאַפערישע כוחות פון דער ייִדישער בוקאָווינע און צום טייל אויך פון בעסאַראַבישע שטעטלעך, ווי דער אַוואַנגאַרדישער קערן פון דער שטורמיש אויפגייענדיקער ייִדישער קולטור-באַוועגונג.

צווישן די אָנפירנדיקע געשטאַלטן פון „ייִדישן שולפאַראיין פאַר דער בוקאָווינע", צוזאַמען מיט יצחק זינגער, שׂימחה שוואַרץ און אַבנר באַראַק, איז געווען משולם סורקיס ז"ל.

אין 1919 איז ער איינער פון די אַקטיווע גרינדערס פון ייִדישן שולפאַראיין; 1921 נעמט ער אַקטיוו אָנטייל אין אָרגאַניזירן די ערשטע אַלרומעניש ייִדישע קולטור-באַראַטונג, ווו ס'ווערט גע- גרינדעט די „ייִדישע קולטור-פעדעראַציע" פון רומעניע. אין יאָר 1928 איז ער סעקרעטאַר פון יובל-קאָמיטעט אָפּצוצייכענען 20 יאָר נאָך דער ייִדישער שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. צוזאַ- מען מיט אַבנר באַראַק געגרינדעט דעם דראַמאַטישן קרײַז בײַם ייִדישן שולפאַראיין און איז געווען באַליבט בײַ דער ייִדישער יוגנט ווי אַ רעציטאַטאָר און טעאַטער-מענטש.

ס'האָבן אים כאַראַקטעריזירט זײַן פּשטות און פאָלקסטימלעכ- קייט, זײַן חכמה און ענערגיע, זײַן שפּרודלדיקער הומאָר, זײַן ענטוזיאַזם פאַרן ייִדישן קינסטלערישן וואָרט, זײַן ליבשאַפט צום ייִדישן פאָלקסמענטש און צום ייִדישן קינד, זײַן איבערגעגעבנקייט צום ייִדישן לשון און צו אַלע מאַניפעסטאַציעס פון דער ייִדישער קולטור.

ער איז אַרויסגעוואַקסן פון די טיפענישן פון בוקאָווינער ייִדנ- טום, פון אַ סביבה פון תּורה און חסידות, אייראָפּעיִשער קולטור און פון דער פּועלי-ציון-באַוועגונג. אונדזער דור האָט דעמאָלט געגלייבט אין תּיקון-העולם און אַז אויך מיר, ייִדן, וועלן קענען לעבן פרײַ צווישן די אומות־העולם, אין אַן אַטמאָספער פון שלום און יושר און פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר אַלע קליינע פעלקער.

איז געקומען די צווייטע וועלט-מלחמה און מיט איר — דער ייִדישער חורבן. דאָס מאָראַלישע פּנים פון אייראָפּע האָט זיך אַנטפּלעקט אין זײַן סאַמע שענדלעכסטער און אַכזריותדיקער פאָרעם. די וועגן פון אַ סך פון אונדז זענען זיך פונאַנדערגעגאַנ- גען... אַ גרויסער טייל פון אונדזער שארית-הפּליטה איז עולה געווען קיין ישׂראל... משולם סורקיס איז פאַרבליבן דאָרטן. ערשט צוריק מיט דרײַ יאָר איז ער געקומען קיין ישׂראל און אויפן וועלט-צוזאַמענפאָר פון די בוקאָווינער ייִדן אין „הילטאָן" האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט. גרויס איז געווען די פרייד זיך

ווידער צו טרעפן מיט אים, מיט איינעם פון די וועטעראַנען פון אונדזער אַמאַליקער ייִדישער קולטור-באַוועגונג. ס'איז געווען ווי אַ סורעאַליסטישע שפּיל פון חלום און וואָר.

טיף אין האַרצן האָבן ווידער זיך געוועקט קלאַנגען פון אַ מאָל און אַ ווילן צונויפצונעמען אונדזער שארית-הפליטה כּדי ווידער צו פּרווון, ביַי די פאַרענדערטע היסטאָרישע באַדינגונגען, דאָ אין מדינת ישׂראל צו שטאַרקן דעם צונויפבונד פון אונדזערע חברים, מיטן ציל צו באַנייַען אין אַן אָרגאַניזירטן קרייַז די בשותּפותדיקע קולטור-טעטיקייט.

דער געדאַנק האָט אים שטאַרק גערירט און ער האָט מיר באַלד געשיקט עטלעכע בריוו און מיך מזכּה געווען מיט זיַינע אַרטיקלען און זכרונות וועגן דעם זינגער יוסף שמידט, וועגן אליעזר שטיינבאַרג און וועגן „ייִדישן שולפאַראיין”. דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיַין פולער פּראַכט משולם סורקיס דער פּענמענטש, זיַין שטאַרקער זכּרון און אינטעלעקט און זיַין טיפע פאַרבונדנקייט מיט יענער רומפולער תּקופה פון אונדזער לעבן.

משולם סורקיס איז געווען, ווי ער האָט דאָס מיר עניוותדיק געזאָגט, אַ שפּראָץ פון ב"ח (דער בעל „בית חדש”, איינער פון די לעצטע גרויסע פּוסקים און תּלמוד-גלאָסאַטאָרן פון פּוילן).

וועט משולם סורקיס, דער מחבר, דער ייִדישער קולטורמענטש און קינסטלער, בלייַבן לעבן צווישן אונדז און מיר וועלן שטיל טראָגן אין אונדזער האַרץ זיַין געשטאַלט. ער וועט פאַרבלייַבן אין פאַנטעאָן פון דער ייִדישער קולטור פון רומעניע און פון דער גאָרער וועלט.

„ישׂראל־שטימע”, 1976.6.23

עזריאל שראַגער

■

צוריק מיט איבער פערציק יאָר, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען קיין טשערנאָוויץ האָב איך געהאַט דעם אַדרעס פון אַ קולטור-געזעל-שאַפטלעכער אינסטיטוציע — משולם סורקיס האָט זי געהייסן.

אין דער שטאָט פון דער ייִדיש־קאָנפערענץ, פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע- און קולטור-טעטיקייטן, וווּ עס האָט געלעבט אליעזר שטיינבאַרג — דער סימבאָל פונעם יונגן ייִדיש-רעדנדיקן און ייִדיש-שאַפערישן דור אין גרויסרומעניש קעניגרײַך, וווּ עס האָט אַרומגעפלאַטערט מאַנגערס שכינה, איז סורקיס געווען איינער פון די פאַרליבטע אין ייִדיש, אין אירע גײַסטיקע און קינסטלערישע ווערטן. ער איז געווען פון די קולטור-האָרעפּאַש-ניקעס וואָס האָט זיך ניט געמיאוסט מיט קיין שום „שוואַרצער אַרבעט". ער האָט אַלץ געטאָן מיט יונגער ליידנשאַפט און באַ-גײַסטערונג, אָן אייגננוץ-פּניות — אַפילו ניט צוליב כבוד לשמה. ער האָט אָפּגעגעבן דער בוקאָווינער הויפּטשטאָט אַ שטיק פון זיך, פון זײַן איידלקייט, אידעאַליזם, אינטעליגענץ.

ער איז געווען אַן עכטער ייִדישער אינטעליגענט. דאָס האָט מען פאַרשטאַנען אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון זײַן אָפּענער, גאַסט-פרײַנדלעכער שטוב, וווּ די אָנהייבנדיקע יונגע שרײַבערס האָבן געקענט אונטערהאַלטן דאָס האַרץ ניט נאָר מיט אַ ביסל רוחניות. דאָס האָט מען פאַרשטאַנען לויט די פּאָליצעס מיט טײַערע ביכער — זײַן וואַרשטאַט וווּ ער האָט אויסגעשמידט זײַן אידעיִשע וועלט, זײַנע ייִדיש-וועלטלעכע השקפות, וואָס האָבן געפונען אַן אויס־דרוק אין זײַנע איידעלע טווּנגען.

און וואָס האָט משולם ניט געטאָן? ער האָט געשריבן אין דער יידישער פרעסע אין לאַנד און אין אויסלאַנד — עסייען, פאַרצייכענונגען, אַרטיקלען אויף קולטור-פראַגעס; ער האָט צוגעלייגט די האַנט צו אַ קליינקונסט-טעאַטער — סיי צום דראַמאַטורגישן מאַטעריאַל און סיי ווי אַ שוישפּילער; ער איז געווען אַקטיוו אין קאָמיטעטן און פאַראיינען, געווען דער איניציאַטאָר און דער טרייַב-כּוח; ער האָט מקרב געווען און דערמונטערט יעדן ווער עס האָט נאָר געפּרוּווט אַרויסשטאַמלען דיכטעריש זייַנע יונגע חלומות; ער האָט ליב געהאַט מענטשן און ער איז געווען דער דעמפער און פאַרטויבער פון די אַנטאַגאָניזמען צווישן צעאַמפּערטע צדדים.

משולם האָט געהאַט וואָס צו דערציילן וועגן דער קולטור-באַוועגונג אין רומעניע צווישן ביידע וועלט-מלחמות, וועגן אירע מנהיגים און וועגן די שרייַבערס מיט וועלכע ער איז געווען נאָענט און מיטגעאַרבעט. זענען זייַנע זכרונות, וואָס ער האָט די לעצטע צייַט געשריבן, פון גרויס אינטערעס. ווער עס וועט אַ מאָל אויפשטעלן דאָס בילד פון יענער תּקופה, וועט אין אַלע טעטיקייטן געפינען משולמס גרויסן אָנטייל.

צוריק מיט פיר יאָר איז ער עולה געווען קיין ישׂראל. דאָ האָט ער באַנייַט זייַן פּובליציסטישע טעטיקייט און איז, ווי תּמיד, געווען אַרומגערינגלט מיט פרייַנד וואָס האָבן אים געשעצט און ליב געהאַט. זייַנע גייַסטיקע פאַראינטערעסירונגען האָבן ניט אויפגעהערט ביז זייַן לעצטן אָטעם.

דער וועג פון אַ מענטשלעכן לעבן ווערט געמאָסטן, זאָגט מען, ניט לויט זייַן לענג, נאָר לויט די שפּורן וואָס ער האָט אויף אים געלאָזט. קערן מיר אום דעם בליק צו משולמס לאַנגן וועג — לייַכטן אונדז אויף זייַן אידעאַליזם, זייַנע טוּונגען, זייַן איידעלער בייַשפּיל.

מאָטל סאַקציער

■

שיידנדיק זיך מיט אַ חבר אַצינד,
מיט וועמען אַ פרײַנדשאַפט אַ גרויסע מיך בינדט,
כ'דערמאָן מיך די יאָרן
איידער אַ מבול געטאָן ס'האָט אַ צאָרן
פון רישעות אויף אונדז און פון חיהשער שׂינאה — —
ס'איז אונדזער הויפטשטאָט פון בוקאָווינע
אַ שײַנדל געווען צווישן ייִדישע שטעט אין דער וועלט,
אַ גײַסטיקער צענטער,
מיט בתי־מדרשים, ווו קיין מאָל עס האָט ניט געפעלט
צום מנין קיין צענטער...
מיט שולן, וווּ ייִדיש־לשון האָט מיט קינדער געקנעלט,
מיט ביבליאָטעקן, וואָס פלעגן די שטאָט דאַן באַשײַנען,
מיט קלובן, פאַראיינען,
מיט יונגוואַרג — אַלע חנעו,
וואָס האָט זיך צו בילדונג געצויגן,
געחלומט, געזוכט נײַע וועגן, צום הימל געפלויגן — —
און אין די פאַרקן, ווען ס'צוויטעט דער פלידער —
ייִדישע האָבן געהילכט און העברעיִשע לידער.
און מ'האָט זיך געקהלט, מ'האָט זיך געאַמפּערט —
די הערצער מיט האָפענונג פולע —
אויף רעכטס, צי גאָר לינקס
איז קירצער דער וועג צו גאולה — —
איך דערמאָן זיך די שול, דעם פאַראיין, די דראַמקרײַזן,
דאָרט ווו משולם פלעגט זיך באַווײַזן, —

דאָ מיט אַ רעדע, שאַרפזיניק, מיט גלי,
דאָרט אין אַ פאָלקסשפּיל,
דאָ טרייסטן,
אַ ווייטיק דאָרט לינדן,
און מיט זײַן שטייגעריש וואָרט, פול פאָלקישן חן
דעם גלויבן אין מענטשלעכן האַרץ אָנצינדן...
געמונטערט, ניט בלײַבן אין וועג מע זאָל שטיין,
אין שעהען אין שווערע אַ שטיין צו אַ שטיין
געטראָגן צום בנין פון פרעסע, פון שול, פון טעאַטער——

משולם, משולם, מיט יאָרן אַ זאַטער,
און אויך פון די „גליקן די רויטע",
ער האָט סוף־כּל־סוף אַהיים זיך דערשלעפּט.
כאָטש ערנסט שוין קראַנק, נאָר מיט האַרץ און מיט גלי
ער האָט נאָך צו טאָן עפּעס דאָ זיך באַמיט —
דער גלייביקער, פריילעכער ייִד,
דער פון יעדן געשעצטער.
און אָט איז פאַרענדיקט זײַן וועג שוין דער לעצטער——
אין דער היים, וווּהין אומקערן זיך ס'איז געווען אים באַשערט —
אָ, זאָל אים כאָטש גרינג זײַן די היימישע ערד!——

לייבו לעווין

עסייען

מאַרמאַראָש, ווו ייִדן האָבן ניט אָנערקענט דעם ווערסאַלער טראַקטאַט און זיך אָריענטירט לויט זייערע רבישע הייפן

ביי די ברעגעס פון באַרגטייַך טיסאָ (טייס), אַרומגעהילט מיט דער קאַרפּאַטן־קייט „פּיעטראָסיל״, ליגט צעשפּרייט די פּראָווינץ מ אַ ר מ אַ ר אָ ש.

ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען דאָרטן געווען קאָמפּאַקטע ייִדישע יישובים: ווישעוועס, קרעטשענעוו, סעפּינקע, פּאָליען, באָרשע, סיגעט און אַנדערע, ווו פאַרשיידענע רביים האָבן געקעמפט פאַר העגעמאָניע.

מאַרמאַראָשער ייִדן זענען געווען באַוווּסט מיט זייער חסידישן פאַנאַטיזם און מיט זייער ליבשאַפט צו אַרבעט.

שטעקל־דרייערס, „ווו נעמט מען אויף שבת״־זוכערס, זענען אין מאַרמאַראָש, ווי געוויינטלעך אין אַנדערע חסידישע קאַנטן, כּמעט ניט געווען בנימצא.

חסידישע עשאַלאָנען

יאָרן לאַנג האָבן מיך פאַרפאָלגט בילדער פון מייַן פריסטער יוגנט, ווען איך פלעג מיט מייַן פאָטער פאָרן אויף ימים־נוראים קיין ווישניצע צום רבין, ווו־הין עס פלעגט אָנקומען דער „סעפּאַראַט־צוג״ מיט 5000־6000 חסידים פון מאַרמאַראָש צום „וויזשניצער״ אויף ימים־נוראים.

ווער זענען געווען די פּאַסאַזשירן פון דעם „סעפּאַראַט־צוג״? געווען אַ צוויי צענדליק גבירים, אייגנטימערס פון ברעטער־טאַרטאַקן און סתּם גרויסע וואַלד־סוחרים, וועלכע האָבן אָפּגעדונגען ביי דער עסטרייַכישער אייַזנבאַן־פאַרוואַלטונג דעם „סעפּאַראַט־צוג״, בשעת די מאַסע חסידים זענען געווען האָרעפּאַשניקעס, צום גרעסטן טייל טאַקע זייערע אייגענע אַרבעטערס, וואָס פלעגן אָפּצאָלן די רייַזע־הוצאות פון זייערע גראָשנדיקע אַרבעטלוינען.

דער „סעפּאַראַט־צוג״ איז געשטאַנען אין ווישניצע איבער ראש־השנה און יום־כּיפּור און במשך פון אַט דער צײַט האָט דאָס באַרגשטעטל אין גאַנצן געביטן זײַן אויסזען.

אַ סך יאָרן איז געווען בײַ מיר אײַנגעבירגערט דער אײַנדרוק, אַז ווישניצע איז, אַחוץ דעם רבינס הויף, עפּעס אַ זיך כּסדר בויענדיקער קאָמבינאַט.

לעבן יעדן הויז, אין יעדן הויף, ווו נאָר אַ פרײַ שטיקל פּלאַץ, האָט מען געמײַסטרעוועט, אויפגעשטעלט פון ברעטער־אָפּפאַל בײַדלעך, ווו די מאַרמאַראָשער געסט האָבן איבערגענעכטיקט די 10־12 נעכט (זייערע באַלעבאַטים, די „פינאַנסיסטן״ האָבן, פאַרשטייט זיך, געוווינט אין די צוויי שטעטלשע האָטעלן און גלאַט אויף אַכסניות).

מיט בערד און פּאות ביזן גאַרטל און נאָך לענגערע ארבע־כּנפותן אויף זייערע לענדן, האָבן זיי גערודעוועט מיט העק און מיט זעגן, מיט האַמערס און צוואַנגען, אויף לייטערס און אויף טישן. זיי האָבן געסטרויעט די בײַדלעך, און פאַרבײַגייענדיקע הוצולן (באַרג־פּויערים) זענען געבליבן פאַרבליפט: ווי אַזוי ייִדן קענען עס אַרבעטן!

צו וועמען געהערט מאַרמאַראָש?

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די עסטרײַכיש־אונגאַרישע אימפּעריע איז זיך צעפאַלן, האָט דער ווערסאַלער טראַקטאַט אויך געמאַכט אַ קייזערשניט אין מאַרמאַראָש און זי צעטיילט אויף דרײַ חלקים, דער גרעסטער טייל מיט דער הויפּטשטאָט סיגעט איז צוגעפאַלן צו רומעניע, בשעת מיט די קלענערע צוויי טיילן האָט מען אײַנגעטיילט טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן.

מאַרמאַראָשער ייִדן אָבער האָבן ניט אָנערקענט די באַשטימונגען פון ווערסאַלער שלום־טראַקטאַט, זיי האָבן זיך אָריענטירט לויט זייערע רבישע הייפן.

דאָס כאַראַקטעריזירט צום בעסטן דער פאָלגנדיקער אַנעקדאָט: אַ מאַרמאַראָשער ייִד איז געקומען זיך היילן צו אַ ווינער פּראָפעסאָר. דער דאָזיקער פּראָפעסאָר האָט עפּעס אַ מאָל געהערט וועגן מאַרמאַראָש, ווען ס׳איז נאָך געווען עסטרײַכיש־אונגאַריש, האָט זיך אָבער שוואַך פונאַנדערגעקליבן וואָס מיט מאַרמאַראָש איז געשען נאָך דער מלחמה, האָט ער געפרעגט זײַן פּאַציענט: צו וועמען געהערט אייגנטלעך מאַרמאַראָש? דערויף האָט דער ייִד געענטפערט: „אַ מאָל האָט מאַרמאַראָש געהערט אין גאַנצן צום „ווישניצער״, זאָל לעבן, נאָר זינט די ספּינקער שקצים (געמיינט חסידים) האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, געהערט אַ העלפט צו ווישניצע און אַ העלפט צו ספּינקע...״

נאָך 25 יאָר, אין 1939, ווען איך האָב אויף מײַנע וואַנדערונגען איבער די מאַרמאַראָשער בערג זיך באַגעגנט מיט מאַרמאַראָשער ייִדן, סײַ אין די וועלדער בײַם האַקן וואַלד, סײַ בײַ די וואַרשטאַטן און ברעטער־זעגן, ווי אויך אין זייערע שטעטלשע היימען, זענען מיר אויף ס׳נײַ געוואָרן לעבעדיק די בילדער פון די קינדער־יאָרן און כ׳האָב זיך איבערצײַגט, אַז דער אַנעקדאָט איז כמעט ניט קיין אַנעקדאָט.

דער שמש וועט רופן...

נאָך אייניקע טעג קלעטערן איבער די קאַרפּאַטן־בעסקידן האָבן מיר (מײַן חבר ל. פּאַדריאַטשיק און איך) אין אַ דאַנערשטיק בײַ נאַכט דערגרייכט באַרשע־כאַנדאַל, אַ קוראָרט־פּעריפעריע פון שטעטל באַרשע.

איבערגענעכטיקט בײַ אַ ביז גאָר גאַסטפרײַנדלעכן פערשטער (וואַלד־פּאַר־וואַלטער), האָט אונדז דער לעצטער אויפמערקזאַם געמאַכט: „בײַ אונדז אין כאַנדאַל זענען פאַראַן צוויי ברעטערזעגן, איינע איז דאָס אייגנטום פון מאַשקאָ־וויטשן, בשעת די צווייטע, די קלענערע, געהערט צו געשטעטנערן. פאַר אײַך, טוריסטן, וועט זײַן אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט דעם אַרבעט־פּראָצעס פון די צוויי פאַבריקלעך, אָבער איר מוזט אײַך פעדערן, ווײַל הײַנט איז פרײַטיק און האַלב צוועלף אַ זייגער צו מיטאָג ווערט איבערגעריסן די אַרבעט, און אַלע, סײַ די באַלעבאַטים, סײַ די אַרבעטערס, פאָרן אַהיים מיטן וואַלדבאַנדל קיין באַרשע.

מיט דאַנק האָבן מיר געפאָלגט די עצה פון פערשטער און אַוועק אין מאַשקאָ־וויטשעס ברעטערזעג, ווו מיר האָבן דערזען אַ ביז גאָר פאַר אונדז זעלטענע פּאַנאָראַמע. אין גרויסן מאַשינען־זאַל פון דער זעג ווו עס האָבן זיך געפונען אַרום 100 אַרבעטערס, די זעלביקע באַבערדלטע און באַפּאותטע ייִדן מיט ציציות ביז צו די קנעכל. און ווײַטער: ייִדן בײַ קלענערע, גרעסערע און גאָר גרויסע זעגן, מיט באַרדעס און הובלען, מיט האַמערס און צוואַנגען. די מאַשינען האָבן גערוישט און זיי האָבן מיט די אַרבע־כנפותן זיך געווישט דעם שווייס פון זייערע פּנימער. בײַ דער צירקולאַר־מאַשין איז געשטאַנען אַ זקן, מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, ענלעך צו איינעם פון די אָבות און פלינק רעגולירט די פאַרשיידענע שרײַפּעלעך מיט בײדע קנאָכיקע הענט, און אַלע מאָל אויסגערופן: „ייִדן, אַ ביסעלע גיכער, ווײַל באַלד וועט דער שמש רופן״.

דער איבערגעחזרטער אַנזאָג „דער שמש וועט רופן״ האָט מיך אינספּירירט זיך צו דערנענטערן צו דעם זקן און אים פרעגן וואָס פאַר אַ שמש עס איז פאַראַן

אין דער פאַבריק. דער זקן האָט מיט אַ ליבלעך־פרײַנדלעכן שמייכל געענטפערט: „פאַרשטאַיט איר (די מאַרמאַראָשער רעדן גאַליציאַניש בראַיט), דעם פאַבריק־טראָמאַיטער (סירענע) רופן מיר פריַיטיק ,דער שמש׳, מחמת ער דערמאָנט אונדז, אַז שבת קומט אין לאַנד אַריַין״.

אין איניקע מינוטן אַרום האָט זיך דערהערט די פאַבריק־סירענע, דריַי מאָל אַ פיַיף געטאָן און אַלע רעדער זענען געבליבן שטיל. אַלע האָבן זיך אָנגעטאָן די ברייטע פלושענע קאַפּעליושן, די לאַנגע קאַפּאָטעס און געלאָפן צום טויער, ווו ס׳האָט שוין אויף זיי געוואַרט דאָס „קאַוועַ־מילעכל״ — אַזוי האָבן זיי גערופן דאָס וואַלדבאַנדל (קאַלייקע).

זיצנדיק אין וואַגאָנטשיקל האָב איך פאַרפירט אַ שמועס מיט איינעם פון די פּאַסאַזשירן און צווישן אַנדערן געפרעגט צי דאָס באַנדל נעמט אויך מיט די אַרבעטערס פון געשטעטענערס פאַבריק. „חלילה״, האָט דער ייִד אָנגעהויבן מיט כּעס: „וואָס הייסט, זיי מיט אונדז? איר מוזט דאָך וויסן, אַז מיר זענען ,וויזשני־צער׳ און זיי זענען ,סעפינקער׳ און וויזשניצע וויל ניט האָבן קיין מגע־משׂא מיט סעפינקע. מען שמועסט אין שטאָט, אַז צווישן ,זיי׳, די סעפינקער, זענען פאַראַן בחורים פאַרשטעלטע קימיניסטן (געמיינט קאָמוניסטן)״.

אַ „מאָפּר״־פאַרזאַמלונג אין זיַידענע קאַפּאָטעס

צײַטן בײַטן זיך און מיט זיי די מענטשן. פּאַמעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויַיזן שטראַלן ליכט. שוין אין אָנהויב פון די 30ער יאָרן האָט יעדע איַיזנבאַן, אָנקומענ־דיק פון מאַרמאַראָש קיין טשערנאָוויץ און בוקאַרעשט, מיטגעבראַכט „אַנטלאָ־פענע״, דאָס הייסט ייִנגלעך און מיידלעך אַנטלאָפענע פון זייערע היימען. דאָ זיך עמאַנציפּירט, זיך באַפריַיט פון דער קאַפּאָטע־הלבשה, איַינגעאָרדנט זיך אין דער היגער טעקסטיל־ און טריקאָטאַזש־אינדוסטריע אויף אַרבעט און זיך איַינגעגלי־דערט אין די רייען פון דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־יוגנט. אַ טייל פון זיי האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פּאָליטישער אונטערערד־באַוועגונג.

אָט די „אַנטלאָפענע״ פלעגן ניט מיד ווערן אונדז צו דערציילן וועגן דער שטריַימל־דערציִונג, וואָס געוועלטיקט נאָך ביַי זיי, און דאָס איז טאַקע געווען דער שטויספּונקט, וואָס האָט אונדז באַוויגן, זומער 1939, אויסצונוצן אונדזער אורלויב און מאַכן די וואַנדערונג איבער די נאַטור־שיינקייטן פון די מאַרמאַראָשער בערג און גליַיכציַיטיק וויזיטירן די דאָרטיקע שטעטלעך און דערפער.

אָנגעקומען מיט דער קאַלייקע 12 אַ זייגער קיין באָרשע, איז גראָד אַרומגע־גאַנגען איבערן שטעטל „גאָטס פּאָליציי״ — אַ מין שרײַער, אַ ייִד, וואָס גאָט

האָט בײַ אים די מאָס פֿאַרגעסן, מיט אַ שמאָלער, לאַנגער, געל־גראָער באָרד, געגאַנגען איבער די קלייטן און מיט אַ מאָדנע מאָנאָטאָנעם ניגון אויסגעזונגען: שבת! שבת!

דאָס איז געווען דער סיגנאַל, אַז מ׳זאָל פֿאַרמאַכן די קלייטן. דער מאַרק איז געוואָרן אויסגעליידיקט. פּוסט, די קלייטן פֿאַרשלאָסן. די איינציקע באַוועגונג איז געווען, וואָס יִידן זענען געלאָפֿן מיט טלומעקלעך אונטערן אָרעם אין און פּונעם מרחץ.

פֿאַר נאַכט צו, ווען יִידן זענען געגאַנגען — שוין איבערגעטוענע אין זײַדענע זשופּיצעס און שטרײַמלעך אויף די קעפּ — אין די קלויזן דאַווענען, האָט זיך אויף דער הויפּטגאַס געלאָזט זען אַ מערקווערדיק בילד: פֿון איין זײַט גאַס האָבן פּאָמעלעך שפּאַצירט יונגע בחורימלעך מיט געקרײַזלטע פּאהלעך, האַלטנדיק אין די הענט סידורימלעך, בשעת אויף דער צווייטער זײַט האָבן געמאַכט פּראָמינאַד מיידלעך, געזונטע, ברייטביינערדיקע, מיט פֿריש געצוואָגענע קעפּ און גלאַנצנדיקע פּנימער. מיר (מײַן חבר ל. פּאָדריאַטשיק און איך), גייענדיק אין דער מיט פֿון גאַס און גאַפֿנדיק פֿון די באַרג־שפּאַצירן פֿון פּיעטראָסיל, וועלכער האָט ווי באַ־שירעמט דאָס שטעטל, האָבן באַמערקט: ערשטנס, אַז די בחורים שמועסן זיך איבער פֿאַרזיכטיק מיט די מיידלעך, און צווייטנס האָבן מיר דערפֿילט זייערע אָנגעשטרענגטע בליקן אויף אונדז, אייניקע האָבן אַפֿילו פֿרײַנדלעך צוגעשמייכלט.

פֿרײַטיק צו נאַכטס, ווען אַלע זענען אַוועק צום רבס טיש הערן „תּורה", האָבן מיר זיך פֿאַרשלאָסן אין אונדזער האָטעל־צימער, כּדי בגניבה צו רייכערן אַ ציגאַרעט. פּלוצלונג דערהערן זיך טריט און באַלד אַ לײַכטער קלאַפּ אין טיר. מיר האָבן אויף גיך אויסגעלאָשן די ציגאַרעטן און ווי נאָר מיר האָבן געעפֿנט די טיר, האָבן זיך באַוויזן צוויי זײַדענע בחורימלעך, אונדז באַגריסנדיק: „גוט־שבת, חברים".

— גוט־שבת, האָבן מיר געענטפֿערט, — וואָס וועלן יונגע־לײַט עפּעס זאָגן?

די בחורימלעך האָבן זיך קודם אַ ביסל פֿאַרלוירן, נאָר קומענדיק באַלד צו זיך האָבן זיי זיך צו אונדז געוואָנדן: „חברים! מיר קומען צו אײַך געשיקט פֿון אונדזער „מאָפּר"־גרופּע („מאָפּר" — אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פֿאַר העלפֿן פּאָליטישע אַרעסטירטע) מיט דער ביטע צו פֿאַרברענגען מיט אונדז מאָרגן, דאָס הייסט שבת בײַ נאַכט. מיר האָבן נעמלעך געהערט, אַז איר קלײַבט אײַך מאָרגן אַוועקצוגיין אין די בערג, ווילן מיר אײַך בעטן אָפּלייגן אײַער וואַנדערונג אויף זונטיק, ווײַל אויב נישט מאָרגן, שבת בײַ נאַכט, האָבן מיר נישט קיין מעגלעכקייט זיך מיט אײַך צו באַגעגענען." מיר האָבן די אײַנלאַדונג מיט פֿאַרגעניגן אָנגענומען.

אויף צו מאָרגנס, שבת פֿאַר נאַכט, ווען דאָס שטעטל האָט אַרויסגעקוקט אויף

דעם ערשטן שטערן, האָבן זיך די זעלביקע צוויי יונגע־לײַט באַוויזן אין אונדזער האָטעל און אונדז מיטגענומען מיט זיך.

געגאַנגען זענען מיר מיטן וואָלעכישן געסל, ווו עס וווינען ווייניק ייִדן, דערנאָך אַרויפֿגעקומען אויף דער הויפּטגאַס, דאָרטן האָבן אויף אונדז געוואַרט נאָך אייניקע יונגע־לײַט, אונדז אַרײַנגעפֿירט אין אַ שטוב מיט שטרענג פֿאַר־האַנגענע פֿענצטער, ווו ס׳זענען געזעסן בײַ אַ לאַנגן געדעקטן טיש בחורים מיט געקרײַזלטע פּאות, אייניקע מיט בערדלעך, מיט אָנטבלויזטע קעפּ. געווען זענען אויך דערבײַ מיידלעך. און ווי נאָר מיר האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל, זענען מיר געוואָרן באַגריסט מיט צוויי סטראָפֿקעס פֿון „אינטערנאַציאָנאַל״, וועלכן זיי האָבן געזונגען שטייענדיק.

נאָכן באַקענען זיך נענטער און נאָך דעם זייער געשמאַקן כּיבוד (צימעס, קוגל) איז פֿאַר אונדז דאָס מאָדנע, אויך ביז גאָר אינטערעסאַנטע רעטעניש, מער קיין רעטעניש ניט געווען.

מיר האָבן זיך נעמלעך געפֿונען בײַ די ערשטע זינגפֿייגעלעך פֿון קאַרפּאַטן־באָרשע. אונדזערע טײַערע גאַסטגעבערס זענען געווען דער „מאָפּר״־אַקטיוו פֿון שטעטל, און אויסנוצנדיק דעם צופֿאַל, וואָס די עלטערן פֿון איין חבר זענען אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ חתונה אין סיגעט, האָבן זיי אײַנגעאָרדנט אין דער שטוב דעם צונויפֿקום, לויט אַלע כּללים פֿון קאָנספּיראַציע, הן לגבי די פֿאַנאַטישע טאַטע־מאַמע און נאָך מער אין שײַכות צו דער סיגוראַנצאַ (פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי).

אַזוי האָבן מיר פֿאַרבראַכט מיט די באָרשער „מאָפּר״־חברים, אָנגעטוענע נאָך אין חסידישע קאַפּאָטעס, ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן. זיי האָבן אונדז פֿאַרווײַלט מיט אַרבעטער־ און פֿאָלקס־לידער, אימפּאָרטירטע פֿון דער טשערנאָוויצער טעאַ־טער־סטודיע „קאָמעלעאָן״, דורך די „אַנטלאָפֿענע״, דערנאָך איז אָוועק אַ האַרבע דיסקוסיע וועגן אָרגאַניזירן אַ שטרײַק אין מאַשקאָוויטשעס ברעטערזעג, שפּעטער האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס וועגן „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם״ און אַנדערע מאַרקסיסטישע פּראָבלעמען, אין וועלכע די „מאָפּרניקעס״ אין קאַפּאָטעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן גענוג באַהאָוונט.

עס איז ווידער אָוועק אַ סעריע ייִדישע אַרבעטער־ און פֿאָלקס־לידער, חברה זענען אַרײַן אין עקסטאַז, געלייגט האַנט אויף אַקסל און אָוועק אין אַ טענצל אַרום טיש. בײַם זונאויפֿגאַנג האָבן מיר זיך געזעגנט, זינגענדיק דאָס אַלטע פֿאָלקסלידל „ווען וועלן מיר זיך ווידער זען״.

מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט די היטלערישע מאָרדמאַשין „אויסגעזידלט״ קיין אוישוויץ אַלע מאַרמאַראָשער ייִדן, בתוכם די יוגנטלעכע, וואָס האָבן גע־שטרעבט צו אַ נײַעם מאָרגן.

ווייניקע האָבן איבערגעלעבט און דערלעבט דעם נײַעם מאָרגן. אַחוץ אייניקע, וואָס זענען אײַנגעגלידערט אין זייערע געבוירן־ערטער, די קאַרפּאַטן, לעבט ערגעץ אין שוועדן דער דעמאָלט צוזאָגנדיקער פּראָזאַיִקער יחזקאל רינג, און אין פֿאָלקס־רומעניע דער טאַלאַנטירטער, פּראָגרעסיווער דראַמאַטורג־פּאָעט לודוויק ברוקשטיין.

זאָלן מײַנע זכרונות זײַן אַ בלימל אויף די קברים פֿון דעם אומגעקומענעם ייִדישן ייִשוב מאַרמאַראָש.

„נײַע פּרעסע“, 1964.2.19

דער לעבעדיקער אַפּיש

פֿאָלקלאָר-אָפּקלײַב פֿונעם בעסאַראַבער "שרײַער"

דעם „שרײַער" געדענק איך נאָך פֿון קינדווײַז אָן: ס'האָט זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זכּרון דער חצות-װעכטער, ס'קלינגט נאָך אין מײַנע אויערן די טרויעריקע אָסיענדיקע נגינה פֿון די „סליחות-רופֿערס". ניט איין פֿאַרטאָג האָט מיך אויפֿגעוועקט דער „שטייט אויף ייִדאַלעך", ווען מײַן פֿאָטער האָט מיך מיטגענומען פֿונעם קאַרפּאַטן-דאָרף יאַבלעניץ צום וויזשניצער רבין אויף ימים-נוראים. שפּעטער, אין די רײַפֿערע יאָרן, קנאַפּ פֿאַרן צווייטן וועלטקריג האָב איך זיך אויף מײַנע וואַנדערונגען איבער די מאַרמאַראָשער באַרגשטעטלעך ווידער אַ מאָל באַגעגנט מיט אַ קאַטעגאָריע היטערס פֿון גאָטספֿאַרכטיקייט. אָט די אַלע שרײַערס, געוועזענע כּלי־קודש, אָפֿט מאָל געוועזענע שוחטים, מלמדים, צי גלאַט ייִדן־זקנים, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די מיסיע אָפּצוהיטן אַז די „ייִדאַלעך צאַן־קדושים" זאָלן חלילה ניט פֿאַרשלאָפֿן און זיך רעכטצײַטיק פֿעדערן צו עבֿודת־הבורא"; אָט די דאָזיקע קאַטעגאָריע „שרײַערס" לאָז איך איבער דער ניט זייער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט. ניט זיי בין איך אויסן אין מײַנע זכרונות.

כ'האָב אין זינען דעם אויסשרײַער פֿון בעסאַראַבער שטעטל, דעם אייגנטלעכן „לעבעדיקן אַפּיש און מודעה". אָט דער טיפּ שרײַער האָט געשאַפֿן אַן אייגנאַרטיקן פֿאָלקלאָר, וואָס בעט זיך פֿאַרצייכענען, כּדי ער זאָל ניט אַרײַנפֿאַלן אין פֿאַרגעסנקייט.

די צוויי קאַטעגאָריעס שרײַערס

די דאָזיקע שרײַערס קען מען אײַנטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: פּראָלעטאַריער און לומפּן-פּראָלעטאַריער.

די ערשטע קאַטעגאָריע האָט זיך גרופּירט פֿון אמתע האַרעפּאַשניקעס. זיי האָבן געהאָרעוועט פֿון פֿאַר טאָג ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט בײַ פֿאַרשידענע

שוואַרצע אַרבעטן, לרוב ווי טרעגערס אין נגידישע סקלאַדן, צי גאָר ביַים פּאַר־לאָדן וואַגאָנעס ביַים וואָקזאַל. זייער אַרבעטלוין האָט וויַיט ניט געקלעקט אויף אָנצוהאָדעווען זייער הויזגעזינד און נאָך צאָלן שׂכר־לימוד פאַר זייערע כּמעט נאַקעטע און באָרוועסע קינדער. פלעגן זיי כאַפּן אַ נעבן־פאַרדינסטל פאַר טאָג גייענדיק צו דער אַרבעט און פאַר נאַכט אַהיימגייענדיק, דורך אויסשריַיען אַלץ, וואָס דאָס שטעטל דאַרף וויסן.

די צווייטע קאַטעגאָריע איז באַשטאַנען פון יידן שטעקל־דרייערס, וואָס צו קיין פיזישער אַרבעט האָבן זיי קיין גרויסן חשק ניט געהאַט. זייער הויפּט־פּרנסה איז געווען „אויסשריַיען". און אויסגעשריגן האָבן זיי אַלץ, אַלץ וואָס ס'האָט פּאַסירט און וואָס דאַרף פּאַרקומען. קיין איבעריק גרויסע „למדנים" זענען זיי ניט געווען, האָבן קוים, קוים איבערגעלייענט די טעקסטן, וואָס מען האָט זיי געגעבן צום אויסשריַיען, און דאָס איז וויַיזט אויס געווען די סיבה, וואָס די טעקסטן זענען אָפּט געוואָרן פאַרדרייט און פאַרקריפּלט.

אַ טייל פון זיי האָבן אויך פאַרמאָגט אַקטיאָרישע פעיִקייטן און פלעגן מאַכן אַלערליי קונצן ביַים אויסשריַיען.

ניט געקוקט דערויף וואָס די שריַיערס זענען געווען פאַרשידן איינער פונעם אַנדערן, האָבן מיר באַגעגנט איין און די זעלביקע פאַרקריפּלונג ביַי שריַיערס פון פאַרשידענע שטעטלעך. אַזוי, למשל, האָב איך געהערט פון די שריַיערס פון ליפּקאַן, רישקאַן און בריטשעווע די מעלדונג פון אַן אָנגעפאָרענער טעאַטער־טרופּע: „די אויף דער גאַנצער וועלט איזוועסטנע טרופּע וועט שפּילן די טראָווע־ריקע דראַמע ,עזריעיל אין קאָסטן' " (געמיינט „אוריאל אַקאָסטאַ")...

פוימע טרעגער

אַזוי האָט מען גערופן דעם כאָטינער שריַיער. יחידים האָבן געוווּסט, אַז זיַין ריכטיקער נאָמען איז שלמה טראַכטענבערג, אָבער יונג און אַלט פון כאָטין האָבן אים גערופן פוימע טרעגער.

פוימע — אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ לענגלעך פּנים, מיט זילבער־וויַיסע (ניט פון אַלטקייט, ניַיערט פון געבוירן אַן) גערדיכטע ברעמען, און אויך דער קאָפּ — שטענדיק פאַרפאָראָשעט מיט מעל. בלאָע, פאַטרויערטע אויגן. כּסדר אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, וויַיל קיין איין זאַק מעל, קיין איין זאַק האָלץ האָט ניט פאַרפעלט זיַינע פּלייצעס. קיין פעסל וויַין איז ניט אַריַינגעוואַלגערט געוואָרן אין די קעלערס פון די כאָטינער וויַינשענקערס אָן פוימען. באַקומענדיק די עטלעכע גראָשן לוין, האָט ער אָפּט איבערגעלאָזט זיַינע „ברויטגעבערס" איין און די־

זעלביקע ברכה: „וואָרט נאָר וואָרטס, גבירימלעך מײַנע, אַז די באָלשעוויקעס וועלן קומען וועט איר אַלע זײַן טרעגערס בײַ פּוימען״... אַרויסרעדנדיק דאָס וואָרט באָלשעוויקעס פלעגט זיך באַווײַזן אַ האָפערדיקער שמייכל אויף זײַן פּנים. דאָס איז געווען דער זעלטענער שמייכל, וואָס מען האָט בײַ אים געקאָנט באַמערקן.

שרײַען איז געווען זײַן צווייטע פּראָפעסיע. פּוימע איז געווען אַ בעל־מטופּל מיט זייער אַ קרענקלעך ווײַב און פינף קינדער (סאַמע מיידלעך). ביידע פּראָפע־סיעס האָבן קוים געסטײַעט אויף ברויט. פון באַגינען האָט זיך צעטראָגן איבער דער שטאָט פּוימעס שטים:

„יידן ס׳איז פּאַרטיק דער שוויץ אין דער אייבערשטער באָד... וואַצקע גערמאַן מאַכט אַ באָל אין יאָפּעס קלויז פאַראַן אַ מת־מיצווה די לוויה וועט זײַן פון סאַדיגערער שולעכל״. ניט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם האָט ער ווײַטער געשריגן: „שואל אוישער האָט געעפנט אַ טאַנצקלאַס וועגן לוין אין די טאַנצנדיקע שעהען קען מען מיט אים אָפּשמועסן אין זײַן פּערוואָ־קלאַסנים דאַמסקי שנײַדער־סאַלאָן... מ׳האָט געכאַפּט די טשערעדע און זי פאַרטריבן אין קאַזיאָנע סאַראַי (שטאַל) זאָלן די באַלעבאַטים תיכף גיין זי אויסלייזן... בײַ שנײַדערמאַנען אין זאַל שפּילט טיאַטער כאַסיע די יתומה זאָל אַלעמען גיין מיט די קינדער און קינדס קינדער אָנקוקן און אָנהערן זיך די ביטערע צרות פון דער וויסטער יתומה נעבעך״.

די דרײַ שרײַערס פון בריטשאַן

בריטשאַן האָט געלעבט אין ראָסקאָש און אויסגעהאַלטן אַזש דרײַ שרײַערס.

1) פּסח שרײַער, אַ קליינער, אַ דאַרער מיט אַ געל שיטער בערדל, ווי אַן אויסגעריבן בערשטל. ער פלעגט אַרומפאָרן אויף אַ וועגעלע שטייענדיקערהייט און מערער צײַט פאַרלירן מיט שעלטן זײַן אויסגעדעווערט פערדל, ווי מיטן איבערגעבן די לעצטע אינפאָרמאַציעס. „מײַן שקאַפּעלע — פלעגט ער זאָגן — איז געוואָרן אויס מענטש...״

אַ שנײַץ געטאָן דאָס געשוואָלענע נעזל, אָפּגעווישט מיטן אַרבל און אָנגעהויבן אויסצווזינגען פאָנפענדיק יעדער וואָרט, שאַרף אָקצענטירנדיק:

„מודיע דעם עולם־ם בײַ אַברהם מאַלאַי אויף דער טאַרהאַווצע איז אָנגעקומען פריש פאָפּעשויע־מעלל (קוקורודזע־מעל) און — טררר זאָג איך דיר נבלה — און ררררעטשעגע גגגרויפּן ער לייזט וואָלוול לייזט ער וויאָ״.

אָפּגעפאָרן אַ צען הײַזער ווײַטער, אַ טריקע געטאָן צום פערד, זיך אָפּגע־שטעלט און אויסגערופן אַ צווייטע נײַעס:

„ביי ייִדעססס דער קורעליייפּנעטשקע הינטערן בראָווער די צווייטע שטוב פון יאָסעף סרול פאַרקויפט מען פּפּפעדערן פאַר קישנס מיט איבער־בעטן וויאַאָאָ!"

2) לייביש קאַטינער, אַ געזונטער, ברייטפּלייציקער ייִד. געהאַט אַ מאָל אַ גוטע שטים, אַ באַריטאָן. געווען אַ משורר ביי אַ חזן. פאַרלוירן די שטים און געוואָרן אַ שרייער. פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אין מיטן גאַס, זיך אויסהוסטן, צוגע־שטעלט אַ פינגער צום גאָרגל און געפּרוווט קודם נעמען אַ טאָן:

אַ־אי־אָ — העכער! אַ־אי־אָ.

געהערט, אַז די שטים איז ריין, פלעגט ער נאָך אַ מאָל אַ הוסט טאָן און אָנגעהויבן:

„כּבקרת רועה עדרו — הײַנט אָפּדערנאַכט אַכט דעם זייגער — נישט שפּעטער — וועט זיין אַן אָפּטשע סוברענזיע פונעם קליינעם בעקל ביי מאָטיע פאַריקמאַכער אין זאַל מעביר צאנו — מ׳בעט דעם עולם מ׳זאָל נישט פאַזדאַיען, ווייל מ׳וועט פאַרמאַכן די טירן ס׳זאָלן זיך נישט אַריינ־כאַפּן היצקעפּ וואָס מישאַיען... דער ציין־דאָקטאָר דער פּיסאַטעל מאָטל בריטמאַן מאַכט גאָלדענע און זילבערנע ציין אַז מ׳קען מיט זיי בייסן אײַזן אַ סך בעסער ווי די אייגענע ציין ער נעמט וואָלוועלע פּרייזן און מאַכט אויך אויף ראַסראָטשקע".

3) איציק לץ האָט אָנגעהויבן זיין „קאַריערע" ווי אַ שמש אין דער חבֿרה־קדישא. בעת דער „אַרבעט" פלעגט ער רעדן מיטן צווייטן שמש, זיין מיטהעלפער, אויף לשון־קודש. דעם צונאָמען „לץ" האָט ער באַקומען ווייל ער האָט זיך פאַר־זינדיקט ביי קהל מיט אַ מיאוסער מעשׂה: איין מאָל, בשעת דעם עפּעס רעכט־טאָן האָט ער דעם בר־מינן אין אַן אויער אַרײַנגעזאָגט עפּעס ניט קיין צענזור־פרייע ווערטער. זענען זיינע באַלעבאַטים דערפון דורך זיין מיטהעלפער געוואָר געוואָרן און האָבן אים באַזײַטיקט אויף אַ יאָר צייט פון דער שטעל.

זינט דעמאָלט איז ער געוואָרן אַ שרײַער, און די שטאָט האָט אים אָנגעהויבן רופן „איציק לץ". ווי אַן אויסגעדינטער יעפרייטער פלעגט ער אַרומשפּאַנען איבער אַלע גאַסן און אויף זיין שוין היפּש הייזעריקלעך קול אויסשרײַען אַלע נײַעסן אויף איין מאָל:

„ייִדן! שוין פאַרטיק דער שוויץ מאָרגן וועט מען הייצן די מיקווה פאַר דער רביצן אין איין וועגס וועלן זיך קענען טובלען אַלע פּשוטע ווייבער... ביי אַברהם־יאָסיען אין דער ראָמאַנקאָוויצער גאַס פאַרקויפט מען

זויערע אוגערקעס און פּאַטלעזשאַנעס... ביַי פרידמאַנען אין אַלטן זאַל וועט שפּילן די איזוועסטנע טרופּע פון טשערנאָוויץ ,גאָט, מענטש און טײַוול׳. גייט אַלע ייִדן אין טעאַטער אַרײַן ס׳וועט זײַן שטאַרק אינטערעסנע און ס׳איז נעביך אַ גרויס רחמנות אויף די אַקטיאָרטשיקעס״.

אין ליפּקאַן האָב איך סוף פון צוואַנציקער יאָרן, אַדורכפּאָרנדיק אייניקע מאָל, געהערט זעליק שרײַער. אָבער זײַנע טעקסטן זענען געווען כמעט די זעלביקע וואָס איך האָב געהערט פון זײַנע קאָלעגעס אין בריטשאַן, יעדינעץ, זגוריצע און אַנדערע, אַזוי אַז איך האָב נישט געפונען פאַר נייטיק זיי צו פאַרפיקסירן אין בלאָקנאָט.

סעפּטעמבער 1928, צו די יובל־פײַערונגען פון ד׳ער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, האָט זלמן רייזען אַרײַנגעקוקט אין מײַנע נאָטיצן וועגן די בעסאַראַבער שרײַערס און מיך געבעטן איך זאָל אומבאַדינגט ווײַטער זיך צוהערן צו זיי, פאַרנאָטירן און אים די זאַמלונג צושיקן צום פאַרעפנטלעכן.

ערשט אין 1934 האָב איך מײַן אורלויבצײַט אויסגענוצט צו דעם צוועק: באַזוכנדיק די בעסאַראַבער שטעטלעך, זיך אויפגעהאַלטן אייניקע טעג אין ליפּקאַן און דעמאָלט זיך נעענטער באַקענט מיט זעליק שרײַער.

זעליק שרײַער איז דעמאָלט שוין געווען היפּש אין די יאָרן, אַ טיפער זקן מיט אַ לאַנגער שניי־ווײַסער באָרד, מער סגי־נהור (בלינד) ווי זעעוודיק, האָט געשפּאַנט מיט אַ שטעקעלע, טאַפּנדיק דעם זייער אָפט בלאָטיקן באָדן אונטער זײַנע פיס, געמאַכט אייניקע שפּאַן, זיך אָפּגעשטעלט, אויסגערופן די ערשטע ווערטער פון זײַנע העכערע טעקסטן און אַרויסגערופן די ערשטע בײַעס. זײַן זכרון האָט אים, נעמלעך, שוין ניט זייער געדינט. פלעגט ער אויסמישן זײַנע מודעות און זיי אַזוי פאַרפּלאָנטערן, אַז באַקומען האָט זיך אַ געמיש, וואָס מ׳האָט ערשט באַדאַרפט דעשיפרירן, כדי אַרויסבאַקומען דעם אייגנטלעכן תוכן:

„מ׳האָט פאַרשפּאַרט די טשערעדע ביַי משה גערשנזאָן אין זאַל. אויפן שעס שפּילט פאָל באַראַטאָוו די ,שכורטע׳... צו נתן טוטלמאַן האָט די טשערנאָוויצער אַרטיסטקע סידי טאַל אַנגעבראַכט פרישן הערינג און וועט שפּילן טעאַטער ,גאָט פון נקמה׳ (פאַרשטיין האָט מען באַדאַרפט די מעלדונגען: ביַי משה גערשנזאָן אין זאַל שפּילט פאָל באַראַטאָוו „גאָט פון נקמה״; מען האָט פאַרשפּאַרט די טשערעדע, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שעס [1], צו נתן טוטלמאַן האָט מען אַנגעבראַכט פריש הערינג; סידי

---

[1] שעס — אַ טאָל, פאַרמאַגט עטלעכע ביימלעך. ביי אַ שיינעם וועטער פלעגט דער יונגער עולם דאָרט שפּאַצירן.

טאַל וועט שפּילן די הויפּטראָלע אין דער פּיעסע „די שיכּורטע" — מ. ס.).
בײַ חמה סיידע ניאָמעס פאַרקויפט מען הײַיאַריקן אַדאַבעטער ווײַן מיט אַ הכשר פון קאַזיאַנער רב, משה בופּטי פאַרקויפט האַלב אומזיסט די איבערגעבליבענע מצות פון פּסח... פּיני גאָלדנבערג דער פאָטאָגראַפּטשיק מאַכט פון קליינע סנימקעס גרויסע מענטשן פאַר היימישע מענטשן מאַכט ער אויף אויסצוצאָלן".

כ'האָב אים איין מאָל אָפּגעשטעלט און געפּרוווט מיט אים פאַרפירן אַ שמועס, דערציילט אַז כ'בין אַ טשערנאָוויצער און אים געפרעגט צי האָט ער געקענט אליעזר שטיינבאַרגן. זעליק שרײַער האָט איבערגעביטן זײַן שטעקעלע פון דער רעכטער האַנט אין דער לינקער, מיר געגעבן שלום, זיך אַ גלעט געטאָן די לאַנגע באָרד, זיך אויסגעווישט די כּמעט־בלינדע אויגן און מיר געענטפערט מיט אַ פראַגע:

„וואָס? איר האָט זיך פאַזנאַקאָמעט מיט לייזער הישיעס? אײַ, אײַ, אײַ, נעבעך אַזוי יונג געגאַנגען פון דער וועלט... צי איך גדענק אים?! אײַ אַ כּלי. מ'שמועסט, אַז ער האָט בעסער געקאַנט אין די דריבנע אותיותלעך פון נחום נעסיס און אַפילו אונדזער רב. ער האָט געמאַכט משלים אַזעלכע ווי דער דובנער מגיד, נאָר אין גראַמען. אויף מענטשן און להבדיל אויף הינט, קעץ און אַלע חיות. די נגידים האָט ער פײַנט געהאַט. אין יעדער שלעכטער חיה פון אַט די משלים האָט ער אויסן געווען אַ שטאָט־גביר. האָט זיך אים פלוצעם פאַרגלוסט אַוועקצופאָרן קיין טשערנאָוויץ און דאָרטן האָט מען אים געמאַכט ריפּעראַציע און ער איז נישט פאַר קיינעם געזאָגט געבליבן אונטערן מעסער. אַוודאי, ווען אונדזער דאָקטאָרשע ראָזנבלאַט[2], טפו, מיין איך, אונדזער דאָקטאָר כּאַוויס זאָל געווען זײַן דערבײַ, וואָלט מען אים אפשר געראַטעוועט. אײַ, אײַ, אײַ, לייזערל הושיעס נעביך". און באַלד פאַרגעסנדיק, אַז ער רעדט מיט עמעצן, האָט ער מיך געלאָזט שטיין אָן אַ זײַ־געזונט, ווײַטער געטאַפּט מיטן שטעקעלע און געשריִען:

„וואָלוועלע פיש לעבעדיקע גאָלאַצער קאַרפּן... ביז פאַר ליכט־בענטשן אָפּן די מיקווה פאַר ווײַבער... דער טשערנאָוויצער סוחר בריל צאָלט גוטע פרײַזן פאַר אייער ער קויפט אויך די קאַראַקולענע שמוישלעך צאָלט גוטע פרײַזן... פרישע גענדזענע געבראָטענע לעבערלעך פאַסטראַמע און

---

[2] הינדע מאַיסייעוונאַ ראָזנבלאַט, אַ באַליבטע דאָקטאָרין אין ליפּקאַן, אין באַזונדערס פריינדשאַפטלעכע באַציונגען מיט דער משפּחה שטיינבאַרג. אויסגעוואַנדערט קיין אויסטראַליע.

קאַרנאַצן (געבראָטענע פֿלייש אויף קוילן)... ביי אַברהם גאַליטשער אין דער באַנק, פּרוטול' איז דאָ דער וואָיאַזשאַר פֿון, פּאָלאָניאַ' (אַ טשערנאָוויצער מאַנופֿאַקטור־פֿירמע)... שמואל שטייף ווערט געבעטן קומען זיך פֿאַרגלייכן פֿאַרן אָנזעץ" (באַנקראָט)...

דער שרייַער שמאַיע

אַ מייַסטער פֿון פֿאַרקריפּלען די ידיעות איז געווען דער בריטשעווער שרייַער שמאַיע. דאַר, אַ ביסל אייַנגעהויקערט, הייזעריק. אַ רויט־געל, ניט זייער סעמי־טיש צוגעשוירן בערדעלע. אַ קליין קאַשקעטל מיט אַן אויסגעריבענעם דאַשעק אויפֿן קאָפּ, אַזוי אַז דאָס שמאָלע שטערנדל מיט אַ שטיקל פֿון זייַן פֿליך האָט זיך כּסדר אַרויסגעזען. שטענדיק אין גרויסע פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול, וועלכע פֿלעגן זיך ביי אים בלויז אויסרוען אין די גרויסע תּמוז־היצן, ווען ער פֿלעגט טראָגן צעריסענע מעטשעס. אַ סך מאָל איז ער געגאַנגען פּשוט באָרוועס.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים אין פֿרילינג 1925, ווען כ'האָב געלעבט אין בריטשעווע. דעם 1טן אַפּריל פֿון יענעם יאָר איז, ווי באַוווּסט, אויפֿן הר־הצופֿים געעפֿנט געוואָרן דער העברעיִשער אוניווערסיטעט, דאָס געשעעניש איז געוואָרן אומעטום פֿייַערלעך אָפּגעמערקט, בתוכם אין כּרך בריטשעווע.

דורכן אָפֿענעם פֿענצטער פֿון מייַן אַרבעט־קאַבינעט האָט זיך דערהערט שמאַיעס הייזעריק שרייַען. כ'בין אַרויס אין גאַס, צוגעגאַנגען צו דער ראַשקעווער שול (דער צענטער פֿון שטעטל), וווּ ער איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין שבתדיקן פּידזשאַקל און האָט געשריִען:

„ברשות הרב וברשות הקהילה בין מודיע דעם עולם! הייַנט איז ערב יום־טוב און מאָרגן וועט זייַן אַ גאָר וואַזשנער, גרויסער יום־טוב. זאָל אַלעמען גיין באַצייַטנס אין דער באַקאַליינע קלייט צו נעמי מונימעס און אייַנקויפֿן ליכטלעך. אַרויסשטעלן די שבתדיקע בענטשלייַכטער. אין אַ גרויס פֿענצטער זאָל מען אָנצינדן ליכט און אין די קליינע פֿענצטערלעך צו אייניציקע ליכטלעך. וועט ווערן לומינירט (אילומינירט) די גאַנצע שטאָט. גרויס און קליין זאָלן זיך אָנטאָן די שבתדיקע מלבושים און קומען אין דער ראַשקעווער קלויז אויסהערן די אינטערעסנע דרשות פֿון דעם נייַעם אוטשיטעל פֿון דער תּלמיד־תּורה און פֿון אונדזער דאָקטאָר ראַכמאַן זאָל לעבן. אַהרון גאַלערגאַנט וועט אייַך זאָגן עפּעס אַ גוט שטיקל".

אין דעם מאָמענט איז פֿאַרבייַגעגאַנגען אָשר וואַלדמאַן, אַ טוער פֿון דער „קולטור־ליגע", האָט זיך שמאַיע צו אים געוואָנדן:

„נישקשה, אָשרל, מעגסט אויך קומען מיט דײַן יאָשע דלוגאַטש (פּאָרזיצער פון „קולטור־ליגע"), נאָר איר זאָלט נישט מישאַיען" (שטערן).
און ער האָט ממשיך געווען:

„ס׳קומט צו פאָרן די וואַרשעווער טרופּע פון יעדינעץ און וועט שפּילן בײַ אַרן דימאַנד אין זאַל אַ פרײלעך טעאַטער, בײַ טאָג פאַר קלײנע קינדער און אויף דער נאַכט פאַר גרויסע מענטשן. מאָרגן וועט פאָרקומען אַ גוליאַניע אין גאַס מיט ליטיטשע פאַטשט, מיט אַ לאָטעריע. ווער ס׳וועט אַרויסציִען דעם גוטן נומער וועט געווינען צוויי גרויסע פסחדיקע מאַראַנצן. פאַר די קינדערלעך וועט מען טײלן פּיסטאַשקעס בעזפּלאַטנע. דאָס אַלץ איז צוליב דעם, וואָס אין ירושלים האָט מען אויסגעבאָוועט (אויסגעבויט) אַ גרויסע שקאָלע פאַר אָרעמע קינדער... דער בוכגאַלטער פון דער לײַ־ און שפּאָר־קאַסע פרנס וועט דאָס אַלץ באַשרײַבן אין קעשענעווער בלאַט (געמײנט אונדזער צײַט)... דער אופּראַוויליאַיעשטשע פון דער גרויסער באַנק, קאַרמאַנסקי, בעט די באַלעבאַטים זיי זאָלן קומען אויסלייזן די וועקסאַלעך... יאַנקל גלינויער, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון בראַזיל, מאַכט זייער װקוסנע מאַראָזשענע און גיט ווײַלוולער ווי אין בעלדז... גבריאל לעכט בעט, ווער ס׳וועט געפינען דעם פאַרלוירענעם קאָנווערט מיט דעם בילד פון זײַן טאָכטער בערטאַ, וואָס לערנט אין פּאַריז, זאָל אים אָפּברענגען. ער וועט גוט באַלוינען"...

די אויפגעריכטקייט און דער אומקום

אָט אַזוי האָבן זיי געשריגן די בעסאַראַבער שטעטלדיקע שרײַערס ביז דעם 28סטן יוני 1940, דעם טאָג ווען די סאָוועטן־מאַכט האָט באַפרײַט בעסאַראַביע.

מיט איין מאָל זענען די שרײַערס אויפגעריכט געוואָרן. אַ טייל פון זיי, שוין עלטערע, באַיאָרטע, האָבן געקראָגן זייער מקום־מנוחה אין די אַנטשטאַנענע היימען פאַר אַלטע לײַט, ווו זיי זענען געוואָרן פאַרזאָרגט מיט וואַרעמער, געשמאַ־קער שפּײַז. אומגעריכט זענען זיי געוואָרן זאַט, מען האָט זיי אָנגעהאָדעוועט פאַר אַלע זייערע הונגעריקע יאָרן. זיי האָבן באַקומען וואַרעמע הלבשה און מעדיצינישע הילף. יינגערע, נאָך אַרבעט־פעיִקע האָבן זיך איבערגעשיכטעט אויף נוצלעכער אַרבעט.

אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט זייער אויפגעריכטקייט. אין אַ יאָר אַרום האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און מ׳האָט זיי באַגלײַך מיט צענד־

ליקער טויזנטער אַנדערע ייִדן פאַרטריבן אין די אַנטאָנעסקו־לאַגערן פון טראַנס־ניסטריע: דאָרטן זענען זיי אין אַ קורצער צײַט רוצחיש פאַרטיליקט געוואָרן, דער רוב פון הונגער און טיפוס. און אַ סך פון זיי, בײַ די ברעגעס פון טײַך בוג, האָבן היטלערישע ביקסקוילן זיי מערדעריש ליקווידירט.

זאָלן מײַנע זכרונות דינען ווי אַ סימבאָלישע מצבה פאַר די בעסאַראַבער שרײַערס, וואָס קיינער ווייסט ניט אַפילו וווּ זייער געביין רוט.

„נײַע פרעסע“, 1972.9.21

א. שטיינבאַרג שבעל־פּה

(צו זײַן 95סטן געבוירן-טאָג)

אַ קינד צווישן קינדער

שווער צו מאַכן אַ גרענעץ, אָפּצוטיילן א. שטיינבאַרג, דעם גרויסן מײַסטער פון משל, פון א. שטיינבאַרגן, דעם אייגנאַרטיקן שאַפער פון קינדערלידעלע און מעשׂהלע. שוין זײַן אלף־בית (פאַרלאַג "קולטור", טשערנאָוויץ 1921, אילוסטרירט פון אַרטור קאָלניק, רובין זעליקאָוויטש [־ר. ראובן] און שלמה לערנער) און דער פּראַקטיקער באַנד מעשׂהלעך (טשערנאָוויץ 1936) באַווײַזן א. שטיינבאַרגס אייגענעם צוגאַנג צום קינד.

דער קינדער־פּסיכאָלאָג ד"ר ישׂראל רובין [י. רבקאי] שרײַבט וועגן א. שטיינבאַרגן אין די ליטעראַרישע בלעטער (1928) צוו"אַ: "לויט זײַן אינטויִציע און פאַרשטענדעניש פאַר דער נשמה פון קינד, בפרט דעם ייִדישן קינד, האָט ער [שטיינבאַרג] גאָר קיין גלײַכן נישט".

און ווירקלעך, ווער ס'האָט געזען שטיינבאַרגן צווישן קינדער האָט זיך איבערצײַגט, אַז ד"ר י. רובין האָט נישט מגזים געווען. שטיינבאַרג צווישן משה־לעך און שלמהלעך איז געווען לגמרי אַן אַנדערער.

אין אַ סוף־מײַיִקן זונטיק־אינדערפרי האַלט אָפּ דער ייִדישער שולפאַראיין אַ זיצונג. אויפן סדר־היום: דאָס צוגרייטן די זומער־קאָלאָניע וויזשעניקאַ. פּלוצלינג פּראַלט אַרײַן אַ מאַמע מיט אַ בחורל פון אַ יאָר זעקס־זיבן און דערלאַנגט אַ בקשה צו פאַרשרײַבן איר קינד אין דער קאָלאָניע. בעת דער סעקרעטאַר פון שול־פאַראיין ד"ר עלי פעלדער שמועסט מיט דער מוטער, באַקענט זיך שטיינבאַרג מיטן ייִנגעלע און ווענדט זיך צו אים אַזוי:

שטיינבאַרג: קום נאָר אַהער ייִנגעלע, ווי הייסטו?

ייִנגעלע: איך הייס לייבעלע.

שטיינבאַרג: (דערלאַנגענדיק זײַן האַנט דעם ייִנגעלע) איך הייס לייזערל.

ייִנגעלע: איר פּאַרט אויך קיין וויזשענקאַ, לייזערל? כ׳האָב אַ הילצערן פערדעלע, כ׳וועל עס אײַך לײַען אויף צו שפּילן זיך.

שטיינבאַרג: אַ שיינעם דאַנק. איך וועל דיר אויך באָרגן מײַן פערדל צום שפּילן זיך. מײַנס איז אַ משיח־פערד, אַ ווײַסינקס, ווײַס ווי שניי...

יענעם זומער האָב איך געהאַט די זכיה מיטצואַרבעטן מיט א. שטיינבאַרגן אין דער קאָלאָניע. עטלעכע טעג פאַרן אַרויספאָרן קיין וויזשענקאַ (אַ וואַלדקוראָרט, וואָס דאָס וואַלדפאָלק רופט עס „די שוועל פון די קאַרפּאַטן"), האָט שטיינבאַרג אָפּגעשמועסט מיט מיר, מיר זאָלן זיך טרעפן מכוח אַ וויכטיקן ענין. זײַענדיק נײַגעריק, האָב איך אים געבעטן: „חבר שטיינבאַרג, אפשר קאָנט איר מיר זאָגן דעם ציל פון דער ראַנדעוווּ?" — „מ׳טאָר נישט זײַן נײַגעריק" — האָט שטיינבאַרג געענטפערט — „פון צו פרי וויסן, וואַקסן צו פרי וואָנצעס".

פאַרשטייט זיך אַז כ׳האָב געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז שטיינבאַרג האָט פאַרטראַכט עפּעס אַ „שפּיצל", דאָך האָט מײַן נײַגעריקייט מיך נישט אָפּגעלאָזט. פּינקטלעך, ווי אָפּגערעדט, בין איך געקומען צום ראַטהויז, ווו שטיינבאַרג איז מיר שוין אַנטקעגנגעגאַנגען מיט זײַן באַרימטן שמייכל: — „נו, ביסט נאָך אַלץ נײַגעריק?.. פע, דאָס פּאַסט פאַר אַ באַרישניע". אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז די באַגעגעניש מיט מיר האָט שטיינבאַרג באַשטעלט, כּדי צו גיין אין די קליטן און זוכן אַ ווײַס פערדעלע: — „איך האָב דאָך צוגעזאָגט מײַן נײַעם חבֿרל, לייבעלען, אַז איך האָב אַ משיח־פערדל, וויל איך נישט בלײַבן קיין פּוסטער באַרימער"...

געזוכט, געפונען און איבערגעגעבן דעם לערער הויזלמאַן, דעם אַדמיניסטראַטאָר פון דער קאָלאָניע דעם „סוס", האָט זיך אים, הויזלמאַנען, פאַרגלוסט אַ שפּאַס און ר׳האָט אַ זאָג געטאָן: „חבר שטיינבאַרג, דאָס, זאָגט איר, איז אַ פערד? ער איז דאָך ענלעך צו אַ קאַץ". דאָ ענטפערט אים שטיינבאַרג קינדעריש־ברוגז־לעך: —„ערשטנס האָב איך אַן עדות אַז מ׳האָט אונדז פאַרקויפט אַ פערד, צווייטנס איז עס ווײַס, און איר וועט נאָך אויסקאַליגראַפירן אויף זײַן שטערן דאָס וואָרט משיח, וועלן אַלע קינדער וויסן אַז דאָס איז נישט קיין בופלאָקס, נײַערט דאָס אמתדיקע משיח־פערדל".

אַ גרויסן דערציִערישן דערפאָלג האָט געהאַט דאָס קינדער־געריכט וואָס א. שטיינבאַרג האָט אײַנגעפירט אין דער קאָלאָניע. דאָס איז געווען אַ טריבונאַל מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג: אַ ריכטער מיט בײַזיצערס, אַ פּראָקוראָר, אַ פאַרטיידיקער, און עדות פון ביידע צדדים. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע די פונקציעס האָבן אויסגעפירט קינדער. זיי פלעגן מישפּטן און פאַרמישפּטן, יעדן שבת, קינדער וואָס האָבן אין משך פון דער וואָך „געזינדיקט".

הײַנט, נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט, זע איך נאָך בולט דאָס װוּנדערלעכע בילד: דאָס קינדער־געריכט מיט זײַן דאַנקבאַרער אױדיטאָריע — כּמעט אַלע ייִדן פֿון שטעטל װיזשניץ, װאָס װיזשענקאַ קײַטלט זיך מיט אים, פֿלעגן שבת קומען צום געריכט — אױף אַ גרינעם גראָזקאָברעץ, אַרומגערינגלט מיט שלאַנקע סאָסנעבײמער, און אונטער אַ לױטערן הימל, זיצן קינדערלעך און אַמפּערן זיך װעגן דעם װאָס „מ׳מעג״ און װאָס „מ׳טאָר נישט״. נישט אײן מאָל גיסן זיך אױך טרערן פֿון קינדערשע אײגעלעך. די לערערס, בראש מיט אליעזר שטײנבאַרגן, שטײען בײַ די זײַטן געשפּאַנט פֿון די װיכּוחים צװישן קטיגור און סניגור.

אין אײנעם אַזאַ שבת, שױן נאָכן אָנקומען פֿון דער װאַלד, װען דער עולם קלײנװאַרג איז שױן געשמאַק געשלאָפֿן, האָבן מיר געמאַכט אונדזער נאַכט־שפּאַציר. די גרױסע זילבערנע לבנה האָט זיך געבאָדן אין דער לױטערקײט פֿונעם בעל־שמס מיקװה (אַזױ רופֿן די דאָרטיקע תּושבים דעם קאַסקאַדן־אױסגוס פֿון װיזשענקער טײַכל) און מיר זענען געגאַנגען און זיך געקװיקט מיט דער פּראַכטיקער װיזשענקאַ־נאַכט. נאָר עפּעס איז דער איצטיקער שפּאַציר נישט געװען װי תּמיד. מ׳הערט נישט שטײנבאַרגס װערטלעך. ער גײט אַ שװײַגנדיקער, אַ פֿאַרטראַכטער. כ׳האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און שטײנבאַרגן אַ פֿרעג געטאָן: „חבר שטײנבאַרג, װאָס שװײַגט איר הײַנט אַזױ פֿיל?״ און א. שטײנבאַרג האָט געענטפֿערט: „איך שװײַג, װײַל איך קלער. און קלערן קלער איך פֿון דעם הײַנטיקן געריכט. איך האָב עגמת־נפֿש דערפֿון װאָס מ׳האָט פֿײגעלען געגעבן אַזאַ האַרבע שטראָף. אמת, מיר האָבן איבערגעלעבט דאָס װאָס זי איז אַװעק אין װאַלד אַרײַן קלײַבן יאַגדעס און קײנעם נישט געזאָגט און נישט געפֿרעגט, אָבער — צי האָבן דען די שופֿטים אונדזערע נישט געקאָנט צוטראַכטן אַ ביסל אַ גרינגערע שטראָף װי פֿאַרװערן איר דרײַ מאָל מיטצוגײן מיט די קינדער אױפֿן טעגלעכן שפּאַציר? נײן, דאָס איז אַ צו האַרבע שטראָף!״

געװען איז אין אײנעם אַ זומער אין דער קאָלאָניע אַ מײדעלע, אַ שרעטעלע מיטן נאָמען קלאַראַ. זי איז געװען אַלעמענס ליבלינג. זי האָט זיך באַטײליקט אין אַלע שפּילערײַען. אַ זינגענדיקע און טאַנצנדיקע. זי איז געװען אַזױ פֿלינק, אַז זעלטן עמעצער האָט איר געקאָנט כאַפּן. אײן מאָל, בעתן שפּילן אין באַהעלטער־לעך, האָט זי שטײנבאַרג צוגערופֿן, זי גענומען אױפֿן שױס און איר געבעטן זי זאָל אים זינגען אַ לידעלע. האָט זי געזונגען און דערנאָך צו אים געזאָגט: „איצט זינגט איר אַ לידעלע״. האָט איר שטײנבאַרג געענטפֿערט, אַז זינגען לידעלעך קאָן ער נישט, װעט ער איר אָנשרײַבן אַ לידעלע און זי זאָל עס זינגען. — „דו

הייסט קלאַראַ, יאָ?" ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ העפט, אויסגעריסן אַ בלעטל און אָנגעשריבן:

„קליין ביסטו ווי אַ קעצעלע,
לאָזט זיך נישט כאַפּן אין נעצעלע,
אַזאַ ווּעסטו אויך אַ גרויסע זײַן,
רײַך און אָרעם דיך מקנא זײַן
און דאָס לידעלע מײַן.

לייזערל".

מיט מײַן „אַמאַטאָרן־סטאַזש" אין דראַמקרײַז פון יידישן שולפאַראיין, און דער עיקר — אַ דאַנק מײַן נישט הויכן וווּקס, האָב איך געהאַט די גרויסע זכיה צו שפּילן „אליהו הנביא" צוזאַמען מיט דעם שפּעטער באַרימט געוואָרענעם אין דער וועלט זינגער יוסף שמידט, אין א. שטיינבאַרגס לעגענדע „יוסף מוקיר שבת" און שפּעטער — אין אַ ריי אַנדערע שטיינבאַרגס קינדער־פאָרשטעלונגען.

א. שטיינבאַרגס מעטאָד איז געווען: אין גאַנג פון די רעפּעטיציעס זיך צו באַקענען מיט יעדן קינד אינדיווידועל. די „ביאָגראַפיעס" פון אַלע זײַנע „שוי־שפּילערס" זענען נישט געבליבן פון מיר פאַרהוילן.

איין מאָל, זיך צוהערנדיק ווי דער מוזיק־לערער יוסף עסנער האָט אײַנגע־לערנט מיטן כאָר דאָס ליד „בײַ די טויערן פון גן־עדן", האָט ער זיך עטלעכע מאָל געלאָזט צוגיין נענטער צו די קינדער און זיך אַלע מאָל צוריקגעצויגן. ענדלעך, ווען עסנער האָט געמאַכט אַן איבעררײַס, איז שטיינבאַרג צוגעגאַנגען צו אַ מיידעלע, זי אָנגענומען בײַ דער האַנט, צוגעפירט צו זײַן בענקל און — ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַזאַ דיאַלאָג:

— זאָג מיר, פּעסעלע, דאָס ליד געפעלט דיר? אַ שיין לידעלע?

— יאָ, זייער שיין. אַ שיין לידעלע.

— פאַר וואָס זשע האָסטו געוויינט?

— ווער האָט געוויינט? איך נישט.

— דו ביסט דאָך פאַרוויינט, איך דערקען אין דײַנע גלאַנצנדיקע בעקעלעך. דו האָסט געוויינט און דערנאָך זיך אָפּגעוואַשן, מ'זאָל נישט דערקענען. איך דערקען אָבער.

דאָס מיידלע האָט אַראָפּגעלאָזט ס'קעפּל און אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין:

— די מאַמע האָט מיך געשלאָגן, זי האָט געוואָלט כ'זאָל קודם גיין ברענגען בוימל און דערנאָך צו דער רעפּעטיציע.

— פע, פעסעלע, אויף דעם האָב איך זיך נישט געריכט. קודם האָסטו באַדאַרפט ברענגען בוימל, אַז נישט וואָלט נישט געווען פאַרטיק דער אָנבייַסן. און דערנאָך גיין צו דער רעפּעטיציע. און דייַן מאַמען זאָלסטו זאָגן, אַז איך האָב זי געבעטן זי זאָל מאָרגן קומען מיט דיר צו דער רעפּעטיציע, און אויב זי וועט נישט האָבן קיין צייַט, וועל איך דיך אָפּפירן אַהיים און דאָרט זיך באַקענען מיט דייַן מאַמען.

נאָך דעם האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּירל מיט צוקערלעך און געזאָגט צום מיידעלע: „איינע דיר און די אַנדערע מיר, וועלכע ווילסטו?" „די רויטע!" — האָט דאָס מיידעלע שוין געענטפערט היימיש. — „זעסט, דו ווילסט האָבן רויטע בעקעלעך. געדענק זשע, קודם זאָלסטו גיין נאָך בוימל און דערנאָך צו דער רעפּעטיציע".

אויף דער פּרעמיערע. מ'הערט שוין דעם דריטן קלונג. די 40 קינדער מיט וועלכע עס דאַרף זיך אָנהייבן דער פּראָלאָג — אַ מאַסן־סצענע — זענען שוין יעדערער אויף זייַן אָרט. דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, דער כאָר הייבט אָן דאָס אַרייַנפיר־ליד „ביַי די טויערן פונעם גן־עדן" און אין אָט דער רגע לויפט שטיינבאַרג אַריבער פון איין זייַט סצענע אויף דער אַנדערער. איך בין געשטאַנען שוין אַ גרייטער, בלויז וואַרטנדיק אויפן הויפּטוואָרט — כּדי אַרויפצוגיין אויף דער בינע, האָט זיך שטיינבאַרג אין מיר אָנגעשטויסן. „וואָס טוט איר, חבר שטיינ־באַרג, דער פאָרהאַנג איז דאָך שוין אַרויפגעצויגן". א. שטיינבאַרג האָט מיר אַ גלעט געטאָן מייַן אליהו הנביא־באָרד און געענטפערט מיר באַזאַכט: „זיי, די גרויסע (אָנווייַזנדיק אויפן מאָלער אַרטור קאָלניק), זיי טאָרן נישט, אָבער מיר, קינדער, מעגן".

מיט חברים און פרייַנד

ווי שוין דערמאָנט, בין איך געווען באַקאַנט מיט אליעזר שטיינבאַרגן און זייַן פרוי רבקה נאָך פונעם יאָר 1919, ווען זיי האָבן זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ. אונדזער צען־יאָריקע געזעלשאַפטלעכע מיטאַרבעט איז אויך געווען אַ פאַרביג־דונג פון נאָענטער פרייַנדשאַפט.

אין איינעם אַ יוני־טאָג פון 1927 (אַ חודש נאָך מייַן חתונה מיט אסתּר וואָל ז"ל) זענען די שטיינבאַרגס געקומען צו אונדז אין געסט מיטברענגענדיק אַ חתונה־מתנה, אַ קרישטאָל־וואַזע. שפּעטער האָט שטיינבאַרג אַרויסגענומען זייַן „אַלף־בית" פון מייַן ביכער־אַלמער און אַרייַנגעשריבן:

„חברטע וואָל! לעב־וואָל, און לערן, גערן, מייַן ביכעלע, מיט דייַן „מיכעלע", (וואָס וועט קומען אַ מאָל). דייַן חבר אליעזר. 1927, 8טער יוני".

אין מײַ 1922, בעת דעם גרויסן עפנטלעכן קבלת־פּנים פאַר א. שטיינבאַרגן, י. שטערנבערגן און משה אַלטמאַנען אינעם טשערנאָוויצער שטאָט־טעאַטער, האָט מ. אַלטמאַן, פאַרן איבערלייענען אַ דערציילונג („ד׳ער טויגער״), געזאָגט עפּעס וועגן א. שטיינבאַרגן און ניט קאַרגנדיק קיין עפּיטעטן האָט ער אויסגעשריִען: „טשערנאָוויצער ייִדן! זײַט וויסן, אַז אין אײַער מיט געפינט זיך איצט אַ גאון״, און ווענדנדיק זיך צו שטיינבאַרגן זאָגט ער: „יאָ, יאָ, אליעזר, איר זענט אַ גאון!״ האָט אים שטיינבאַרג געענטפערט: „בײַ מיר, משה, האָסטו געפּועלט. אָבער שרײַ נישט אַזוי, ווײַל איך קאָן זיך נאָך אײַנרעדן״...

בעת מאַנגער איז געקומען צו גאַסט פון פּוילן צו זײַן משפּחה אין טשערנאָ־וויץ, האָבן מיר פאַר אים אײַנגעאָרדנט אַ קבלת־פּנים אין ראַטהויז־זאַל.

אין פּרעזידיום איז געזעסן די אָנפירערשאַפט פונעם „ייִדישן שולפאַראיין״, בראש מיט אליעזר שטיינבאַרג, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט פון בראַזיל.

זײַן באַגריסונג לכבוד מאַנגערן האָט ער אָנגעהויבן מיט אָט די ווערטער: „פאַראַן מענטשן וואָס האָבן אים ליב פון דער ווײַטנס, זאָל מיר דעריבער דערלויבט זײַן אים צו באַגריסן פון דער נאָענט״.

מיר, טשערנאָוויצער, דערצויגענע אויף דער עסטרײַכישער [דײַטשישער] שפּראַך, פלעגן זיך באַנוצן אויך אין ייִדיש מיט געוויסע דײַטשישע שפּראַכפאָרמען. אַ נישט־חתונה־געהאַטע פרוי פלעגן מיר טיטולירן: פרײַליין.

איז איין מאָל געקומען צו שטיינבאַרגס אַ לעקציע, כּדי זיך צו באַקענען מיטן דיכטער, די אין טשערנאָוויץ אָנגעזעענע דײַטשישע פּובליציסטין ווילהעל־מינאַ מאַר, אַ פרוי איבער די זעכציק, נאָר נאָך נישט קיין חתונה געהאַטע. פאַרשטייט זיך, אַז ווענדנדיק זיך צו איר האָבן מיר זי טיטולירט פרײַליין. שטיינ־באַרג, וויסנדיק אַז צווישן אונדז געפינען זיך נישט ווייניק אַלטע בחורים, האָט ער, נאָך איר אַוועקגיין, זיך אַ ווענד געטאָן צו אונדז און געזאָגט: „קירהס (אַ צונאָמען פאַר עסטרײַכער), ווי אַזוי לייגט זיך דאָס אויף אײַער צונג אָנצורופן אַ גרײַזגרויע פרוי — פרײַליין? אויב אַזוי, פאַר וואָס נישט זיך ווענדן צו אײַך: בחור ראָזנרויך, בחור ראַבינאָוויטש, בחור באַראַק, דערצו זײַט איר דאָך זיכער חברים אינעם „צער־בעלי־חיים״־פאַראיין״.

זײַענדיק אין בראַזיל פלעגט זיך שטיינבאַרג מיט אונדז דורכשרײַבן. דער אָנפירער פון אונדזער טעאַטריע אבנר באַראַק איז געווען פויל אויף דער פּען און כ׳פלעג אים אַפילו אָפּט פירהאַלטן הלמאי ער שרײַבט נישט צו שטיינבאַרגן. נאָר איין מאָל אין אַן אָוונט, בעת כ׳האָב געשריבן קיין בראַזיל, איז אבנר באַראַק אַרײַנגעקומען, האָט ער זיך צוגעזעצט און צוגעשריבן אַ גרוס.

דער צ״ק פון שולפאַראיין אין 1928, צו שטיינבאַרגס אָפּפאָרן קיין בראַזיל. פון רעכטס אויף לינקס, אייבערשטע ריי: י. פּרוכטער, שמריהו שמידט, יצחק זינגער, ג. גאַנדעלמאַן, ד״ר גבריאל ראָזנרויך, פּראָפּ׳ י. גאָטע. — צווייטע ריי: חיים ראָזנבלאַט, ד״ר ישראל שעפלער, י. גרודער, ש. וורמבראַנד, ד״ר י. האָלינגער, די שוועסטער פון רבקה שטיינבאַרג, חבר שנאַפּ, אבנר באַראַק. — דריטע ריי: ד״ר ישראל פורמאַן, אַרטור קאָלניק, אליעזר שטיינבאַרג, רבקה שטיינבאַרג, שלמה לערנער. — פערטע ריי (צופוסנס): משולם סורקיס, ד״ר אליהו פעלדער, וו. אויערבאַך

אין ענטפער־בריוו האָט א. שטיינבאַרג צוו״אַנד געשריבן: „איך האָב געהאַט אַ הנאָה און זיך ממש געפרייט מיט אבנרס שורה־גרוס, כאָטש בלויז אַ שורה־גרוס און דערצו אַזוי זעלטן. אָבער „גוט איז פון אַ חבר אַ האָר״...

אומקערנדיק זיך פון בראַזיל זענען די שטיינבאַרגס פאַרפאָרן צו איינעם פון זײַנע פרײַנד, דעם דאַן באַוווסטן אויגן־דאָקטער נאָטע ראָזענבלאַט, וואָס איז איינצײַטיק געווען אַ פאַנאַטישער חסיד פון דעם אינדישן רעוואָלטירער מאַהאַטמאַ גאַנדי. צווישן די פאַרשיידענע קונסטבילדער, וואָס זענען געהאָנגען אין ראָזענבלאַטס קאַבינעט, האָבן זיך געפונען אויך די פאָרטרעטן פונעם מאַהאַטמאַ און זײַן פרוי.

שטיינבאַרג, באַקוקנדיק די בילדער האָט זיך פאַר די גאַנדי־פּאָרטרעטן לענגער פאַרהאַלטן. ראָזענבליט וואָס אים איז געווען אָנגעלייגט הלמאי שטיינבאַרג שענקט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט זײַן „רבין", האָט מיט דרך־ארץ געפרעגט שטיינ־באַרגן: „נו, ווי געפעלט ער אײַך?" האָט שטיינבאַרג געענטפערט: „ער איז בלי ספק אַ גרויסער מענטש, נאָר זי, דאָס ווײַב זײַנס, איז גרעסער. יאָ, יאָ, זי איז גרעסער דערמיט וואָס זי שטייט אויס די שיגעונות פון אים און פון זײַן ציג"...

דער באַקאַנטער הויך טאַלאַנטירטער אַקטיאָר מישע פישזאָן האָט זיך אין יאָר 1921 באַוויזן מיט זײַן „יידישן מוסטער־ און קונסט־טעאַטער". ער האָט צונויפ־געגומען דאָס סולת פון צווישן יידישע אַרטיסטן, אין דער ערשטער רײ: זײַן פרוי ווערא זאַסלאַווסקי און ראָזאַ פײַכלער, שמואל איריס, די צוויי ברידער פינקלשטיין און אַנדערע, געשאַפן פון זיי אַ גוטע טרופּע און געשפּילט ערנסטן רעפּערטואַר. פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין טשערנאָוויץ, מיט אליעזר שטיינבאַרגן בראש, וואָס האָט געקעמפט קעגן דעם „כינקע־פּינקע"־טעאַטער, האָט אויפגענומען פישזאָנען און זײַן טרופּע מיט באַגײַסטערונג און זיי האָבן זיך דער־וואָרבן אָנהענגערס און פרײַנד אין דעמאָלטיקן רומעניע. לײדער האָבן זיי זיך לאַנג נישט געהאַלטן — די טרופּע איז זיך צעפאַלן און פישזאָן איז אַוועק „סטאַר"עווען אין אַמעריקע.

אין אַ וועלכע ניַין יאָר אַרום האָט אַ טשערנאָוויצער טעאַטער־אונטערנעמער אַראָפּגעבראַכט און שטאַרק רעקלאַמירט דעם באַזוך פונעם „גרויסן אַמעריקאַנישן סטאַר" מישע פישזאָן.

און כאָטש מיר האָבן זיך דערפרייט מיט זײַן קומען האָבן אונדז אָבער די אַפּישן שטאַרק אַנטוישט.

פישזאָן האָט אָנגעהויבן זײַנע גאַסטראָלעס מיט אַ וווּלגאַרער מאַכערײַקע „משה, ווו קריכסטו?" ער האָט צו דער פּרעמיערע פאַרבעטן אַ גרויסן טייל אָרטיקע קולטור־טוערס — זײַנע אַמאָליקע באַוווּנדערערס — בתוכם אליעזר שטיינבאַרגן.

נאָכן ערשטן אַקט באַווײַזט זיך פישזאָן פאַרן פאָרהאַנג מיט אַ „ספּיטש צום געערטן פּובליקום", באַזונדערס באַגריסט ער שטיינבאַרגן און פאַרבעט אים אויף דער בינע.

שטיינבאַרג, אַ שטאַרק אַנטוישטער פון דעם „ווערק" און פון דעם „ספּיטש" האָט נישט געהאַט קיין חשק אַרויפצוגיין. דער עולם האָט אָבער סקאַנדירט „שטיינ־באַרג! שטיינבאַרג!" איז ער אַרויפגעגאַנגען און געזאָגט: „מײַסטער מישע פישזאָן!

אײַער מוסטער־ און קונסט־טעאַטער קאָן מען נישט פאַרגעסן. אײַערע קרעאַציעס פון אַ יאַנקל שאַפּשאָוויטש, יאַנקל דער שמיד א״אַנד זענען אײַנגעקריצט אין אונדזער אַלעמענס זכּרון. יאָ, טײַערער פרײַנד פּישזאָן, קיין ספּיטשן צום געערטן פּובליקום בין איך נישט מסוגל צו האַלטן. איך וויל זיך נאָר דערלויבן אַ פראַגע: איך האָב אויסגעהערט אַן אַקט פון „משה ווו קריכסטו?״ פרעג איך אײַך — מישע, וווהין קריכסט דו?..

איך האַלט פאַר אַ הייליקן חוב צו דערמאָנען שטיינבאַרגס אַלע מיטצײַטלערס, כּדי צו פאַרפיקסירן און נישט לאָזן ס׳זאָלן פאַרגעסן ווערן די פּערל פון שטיינ־באַרגס שׂיחות־חולין.

„ישׂראל־שטימע״, 8.27, 1975.9.10

מיט אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן

1965 איז אייגנטלעך אַ „ליפּקאַנער" יאָר. מיט 85 יאָר צוריק, דעם 2טן מאַרץ 1880, איז געבוירן געוואָרן אליעזר שטיינבאַרג, דער גאונישער ייִדישער משלים־דיכטער. סוף אַפּריל איז אויסגעפאַלן דער 75סטער געבוירן־טאָג פון זײַנע בני־העיר, תּלמידים און חברים יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן, זיי צו לאַנגע יאָר.

אין שײַכות מיט אָט די וויכטיקע דאַטעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל און אין דער ייִדישער קולטור־באַוועגונג אין דער אַמאָליקער רומעניע בפרט, ווילט זיך מאַכן אַ זכרונות־אַפּקלײַב פון יענע יאָרן.

מיטן פאַרכאַפּן דורך די רומענישע באַיאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעסאַראַביע און בוקאָווינע, האָבן זיך אויטאָמאַטיש פאַראייניקט דרײַ גרויסע ייִדישע קיבוצים: אַלט־רומעניע, בעסאַראַביע און בוקאָווינע, וועלכע זענען לויט זייער מענטאַליטעט געווען פאַרשידנאַרטיק איינס לגבי דעם אַנדערן, און אַזוי אויך געבליבן אַלע 22 יאָר.

אָט די פעסטשטעלונג איז אָבער נישט חל אויף אַלעמען, מחמת די פּראָגרע־סיווע געזעלשאַפטלעכקייט האָט גיך געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. דערצו האָט זייער אַ סך בײַגעטראָגן דאָס מתחתן זײַן זיך מיט דער שטאָט ליפּקאַן, ווײַל ליפּקאַן הייסט: אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן.

פאַר בעסאַראַביע זענען שטיינבאַרג, שטערנבערג און אַלטמאַן ניט געווען קיין נײַע נעמען, דאָ זענען זיי געבוירן, דאָ האָבן זיי געלעבט, אָנגעהויבן שאַפן און געווירקט.

אַלט־רומעניע האָט זיך באַקענט מיט ליפּקאַן שוין תּיכף נאָכן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען שטערנבערג איז אַהין געקומען און דאָרטן געאַקערט און געגרייט דעם רויען, אָבער פּרוכפּערדיקן באָדן פאַר ייִדישער פאָלקס־קולטור.

בוקאָווינע איז געקומען אין דער ריי ערשט אָנהייב 1919. דערפאַר אָבער האָבן מיר, טשערנאָוויצער, זוכה בגורל געווען. אליעזר שטיינבאַרג האָט זיך באַזעצט דאָרט און דורך דעם איז טשערנאָוויץ געוואָרן די יניקה פון דער ייִדישער קולטור אין רומעניע.

די ערשטע שוואַלב

אין האָטעל־רעסטאָראַן פון ישׂראל קאַך אויף האַרמוזאַקי־גאַס האָט געזשו־מעט ווי אין אַ בינשטאָק. ייִדן פון בעסאַראַבער שטעטלעך האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין דער נײַ־צוגעקומענער גרויסער שטאָט אײַנהאַנדלען מציאות, אייער־ און שמויש־סוחרים זענען געקומען אָנקויפן געשעפט־פאַרבינדונגען. טאַטעס פון מיידלעך „צו לײַט" זענען געקומען זוכן נײַע אַרבעטפּלעצער. דער לאַנגער עסזאַל איז געווען באַהאָנגען מיט פאַרשידענע אַפישן, דורך וועלכע די טשערנאָוויצער האָבן רעקלאַמירט זייער סחורה. פאַר אַלע אַפישן זענען געשטאַנען נײַגעריקע. איינער האָט געזוכט מאָדערנע שיך, אַ צווייטער — אַ גרויסשטאָטישע שליאַפּע און אַזוי ווײַטער.

פאַר איין אַפיש איז געשטאַנען אַ שטאַלטנער יונגער־מאַן מיט קויל־שוואַרצע האָר, לאַכנדיקע אויגן און מיט אַ באַמבוק־שטעקן אויפגעהאָנגען אויף דער האַנט. ער האָט איבערגעלייענט דעם אַפיש, עפּעס איבערגעפרעגט דעם קעלנער, אַ לאַכנ־דיקער אים געגעבן די האַנט און איז אַוועק.

פאַר נאַכט, הינטער די קוליסן פון שטאָט־טעאַטער, ווו מיר האָבן זיך גרימירט צו גאָרדינס „דבורהלע מיוחסת", קומט אַרײַן אַ פאַרשוויצטער דער קעלנער פון אויבן דערמאָנטן רעסטאָראַן (אַ סימפּאַטיקער פון אונדזער דראַמקרײַז) מיט פאַלגנ־דיקער מעלדונג: „חברה, זײַט וויסן, אַז ס'קומט צו אונדז הײַנט אַ גאַסט, אַ שרײַבער, ער הייסט אַלטמאַן. ער האָט איבערגעלייענט דעם אַפיש, וואָס הענגט בײַ אונדז אין רעסטאָראַן, מיך געפרעגט, ווו מ'קויפט אַ בילעט, און מיר געזאָגט, אַז ער קומט".

אין ערשטן אַקט האָבן מיר געהאַט דעם אמתן לאַמפּע־פיבער, אָבער נאָכן אַנטראַקט איז משה אַלטמאַן צו אונדז אַרויפגעקומען הינטער די קוליסן, זיך באַקענט, און תיכף איז אַוועק אַ שמועס ווי מיט אַן אַלטן גוטן באַקאַנטן. מיר האָבן אין די ווײַטערדיקע אַקטן זיך געפילט אַ סך פרײַער. נאָכן ספּעקטאַקל האָבן מיר אימפּראָוויזירט אַ „קערמישל". אַלטמאַן האָט אונדז דערציילט פון שטיינבאַרגן, שטערנבערגן און, דער עיקר, אונדז געלייענט שטיינבאַרגס משלים.

אַ וואָך שפּעטער איז געווען אָפּגעדרוקט אין „די פרײַהייט" דער משל „דער האַמער און דאָס שטיק אײַזן", דערנאָך „דאָס פערד און די בײַטש", שפּעטער „דער חלף און די זעג". ס'האָבן זיך אויך באַוויזן שטיינבאַרגס משלים אין צווייטן סאָציאַליסטישן וואָכנבלאַט: „דאָס נײַע לעבן". ווי מיר זעען, האָט דער ערשטער פאַרפאַסטן פונעם ליפקאָנער אַלימפּ, משה אַלטמאַן, געשאַפן די פאַרבינדונג צווישן שטיינבאַרגן און טשערנאָוויץ.

שטיינבאַרג אין טשערנאָוויץ

פרילינג 1919 האָט זיך שטיינבאַרג באַזעצט אין טשערנאָוויץ.

פאַר אַ סך טשערנאָוויצער איז ער נישט מער געווען קיין פּנים חדשות. אויף אַלע אַרבעטער־אימפּרעזעס, ליטעראַרישע אָוונטן האָט מען געלייענט זײַנע משלים. די שבת־אָוונטן אין זאַל פון דאָקטוירים־פאַראיין אויף שטעפאַניע־גאַס נומער 15, ווו שטיינבאַרג פלעגט פון צײַט צו צײַט אַרויסטרעטן, זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל מער פּאָפּולער און די באַזוכער־מאַסן זענען געוואַקסן. מען איז געקומען הערן און זען שטיינבאַרגן. און געקומען איז נישט בלויז עמך, נײַערט די אינטע־ליגענץ, וואָס האָט אָנגעהויבן קאָקעטירן צו ייִדיש. און דעם עולם האָט אָפּגע־גליקט. אַז שטיינבאַרג איז געווען אָנוועזנד, האָט אים גאָרנישט געהאָלפן: ער האָט געמוזט לייענען פון זײַנע משלים, אָדער לכל־הפּחות זאָגן אַ פּאָר ווערטער. שטיינבאַרגס פּאָפּולאַריטעט האָט זיך צעוואַקסן. בלי גוזמא קען מען זאָגן, אַז אין טשערנאָוויץ האָט שטיינבאַרגן געקענט קינד־און־קייט.

פאַר געוויסע שיכטן איז שטיינבאַרג געווען אַ ר'עטעניש. אַזוי, למשל, האָבן די אולטראַ־העברעיִסטן זיך געבויערט די קעפּ: סטײַטש, איינער פון די גרעסטע און גרינטלעכסטע העברעער, אַ ייִד וואָס איז אַזוי באַהאַוונט אין ש"ס און פּוסקים, זאָל זיך צערטלען מיט דער שפּראַך פון די דינסטמוידן! און ס'האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן: שטיינבאַרג האָט זיך געשטעלט אין די פאָדערשטע רייען פון דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור און דאָ פאַרנומען דעם מיזרח.

מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט שטיינבאַרגן

אין איינעם פון יענע פרילינגטעג 1919 בין איך מיט מײַן חבר קלאָנג געגאַנ־גען מבקר־חולה זײַן דעם רעדאַקטאָר פון „די פרײַהייט" ד"ר מאיר ראָזנער, וועלכער איז געווען נאָך אַ פּאָליפּן־אָפּעראַציע. אין זײַן וווינונג אין אַ גאַרסאָניער

אויף פראַנצנס־גאַס נומער 30 האָבן מיר אָנגעטראָפן די מוטער פון ד״ר ראָזנער, די זייער פרײַנדלעכע און העפלעכע פרוי ברוינשטיין; דעם מיטרעדאַקטאָר פון „די פרײַהייט" ד״ר פײַוול שטערנבערג; דעם פאָרזיצער פון „ייִדישן שולפאַראיין" ד״ר ישׂראל שעפלער; דעם מאָלער אַרטור קאָלניק און אייניקע נײַע פּאַר אונדז מענטשן. ווען ראָזנער האָט אַ זאָג געטאָן: „באַקאַנט אײַך, קינדער, מיטן חבר שטיינבאַרג, חברטע שטיינבאַרג, חבר אַלטמאַן" — האָבן מיר זיך מיט התלהבות איבערגעקוקט, ווי איינער רעדט: אויף אַזאַ סורפּריז האָבן מיר זיך נישט געריכט. אַלטמאַן האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ שמייכעלע, ווי אַלטע באַקאַנטע.

דאָ האָט זיך געפירט זייער אַן אינטערעסאַנטער און לעבהאַפטער שמועס. שטיינבאַרג און אַלטמאַן האָבן דערציילט פון שוין עקסיסטירנדיקע „קולטור־ליגעס" אין בעסאַראַביע. די טשערנאָוויצער חברים האָבן גערעדט פונעם „ייִדישן שולפאַראיין", אין וועלכן ס׳האָבן זיך דעמאָלט נאָך באַטייליקט אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען. מען האָט גערעדט וועגן אוניפיצירן, צענטראַליזירן די ייִדישע וועלטלעכע קולטור־באַוועגונג אין רומעניע.

ראָזנערס מוטער האָט געשטעלט צום טיש כּיבוד. משה אַלטמאַן איז אַרויס מיט לשון און אָנגעהויבן לייענען משלים אויף אויסנווייניק. דערנאָך האָט שטיינבאַרג אַרויסגענומען אַ העפט פון דער קעשענע און אַליין געלייענט אייניקע משלים און דאָס קינדער־מעשׂהלע: „דער הונט און די קאַץ".

מיט אַ וואָך שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די ליפּקאַנער חברים זענען פאַרבעטן צו גאַסט צו דער חברטע פויקער, אויף פּאָסט־גאַס. כ׳האָב זיך אָפּגעבעטן פון דער אַרבעט מיט עפּעס אַ תּירוץ און בין אַוועק אַהין. דאָרטן שוין באַגעגנט ליפּקאַן אין גאַנצן באַשטאַנד: א. שטיינבאַרג מיט זײַן פרוי, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן און נאָך איין ליפּקאַנער, וואָס איז אין צווישן צוגעקומען, דער מאָלער סאָלאָמאָן לערנער. באַגלייט האָבן די ליפּקאַנער געסט די טשערנאָוויצער חברים: חיים לעקער, חיים קראַפט, גבריאל ראָזנרויך, אַרטור קאָלניק און די אָנפירערשאַפט פון דעם סאָציאַליסטישן סטודענטן־פאַראיין „ייִדישע קולטור": ש. ביקל, ש. א. סופר און שמואל סוכמאַן.

אונדזער דראַמקרײַז האָט גראָד דעמאָלט רעפּעטירט גאָרדינס „דער אומ־באַקאַנטער", ווו די גאַסטגעבערין פויקער האָט געשפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלעס. מיר האָבן אָפּגעשפּילט פאַר די געסט דעם ערשטן אַקט. שטערנבערג, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ רוטינירטער רעזשיסאָר, האָט אונדז געגעבן אייניקע אָנווײַזונגען.

ליפּקאַן־טשערנאָוויץ

אַזוי וואָלט מען געדאַרפט אָנרופן דעם ערשטן גרויסן עפנטלעכן קבלת־פּנים פאַר א. שטיינבאַרג, י. שטערנבערג און מ. אַלטמאַן אין טשערנאָוויץ.

אַ ליכטיקער זוניקער מײַ־פרימאָרגן. דאָס שטאָט־טעאַטער איז איבערגעפולט. נישטאָ ווו אַ שפּילקעקעפּל אַרײַנצוּוואַרפן. עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג. אַ כאָר פון 80 קינדער זינגט אונטער דער אָנפירונג פון מוזיק־לערער יוסף עסנער שלום־עליכמס „וויגליד", שטיינבאַרגס ליד „ווער ווייסט נישט, זאָל עס וויסן, סודות שפּראָצן חודש ניסן", דאָס פּאָפּולערע אַרבעטער־ליד „און דו אַקערסט און דו זייסט" און אַנדערע.

מיט אַ גאָר געלונגענעם פּאָרטראַג וועגן שטיינבאַרגן דעם משלים־דיכטער, דראַמאַטורג, פּעדאַגאָג, טריבון, נאָוואַטאָר פון קינדערליד און קינדער־מעשׂהלע, טרעט אַרויס ש. ביקל. י. שטערנבערג, ספּעציעל געקומען פון בוקאַרעשט, לייענט פון זײַנע לידער; משה אַלטמאַן לייענט זײַנע אַ דערציילונג „דער טויגער". צום סוף לייענט שטיינבאַרג זײַנע משלים.

די שטימונג איז אַ געהויבענע ביז גאָר. ישׂראל שעפלער שליסט די אַקאַדע־מיע, אָבער נישט אַכטנדיק אויף דער היץ, גלוסט זיך קיינעם נישט צו פאַרלאָזן דאָס טעאַטער. ערשט אויף דער ווענדונג פון אַדמיניסטראַטאָר, אַז דאָס טעאַטער דאַרף ווערן צוגעגרייט פאַר דער לויפנדיקער נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונג, האָט דער עולם גענומען זיך פונאַנדערגיין.

אַהיימגייענדיק האָב איך זיך געטיילט מיט די אײַנדרוקן מיט אַ גוט־באַקאַנטן, אַן איבערצײַיגטן העברעיִסט. במשך פון אונדזער שמועס האָט ער מיר אַ וואָרף געטאָן אַ רעפּליקע: „יאָ, הײַנט זענען אײַערע גוטע זיבן יאָר. און וואָס איז דאָ דער חידוש, אַז די דרײַ ליפּקאַנער ריזן זענען יידישיסטן־באָלשעוויקעס"...

די ערשטע אַלרומענישע ייִדישע קולטור־קאָנפערענץ

דער געדאַנק פון צונויפרופן אַן אַלרומענישע ייִדישע קולטור־קאָנפערענץ איז געוואָרן וואָס אַ מאָל רײַפער, אויף די ערשטע איניציאַטיוו־אַרטיקלען אין ביידע

צײַטונגען: די פֿרײַהײט און דאָס נײַע לעבן, האָבן זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופֿן יחידים און אויך גאַנצע קאָלעקטיוון פֿון שטאָט און שטעטל. חדשים לאַנג האָט מען דיסקוטירט סײַ אויף די ערטער, סײַ אויף די שפּאַלטן פֿון די דערמאָנטע צײַטונגען די פּרינציפּיעלע גרונטזאַצן פֿון אַזאַ קאָנפֿערענץ, און אַזוי אַרום צוגעגרייט דעם באָדן.

אַ גאָר וויכטיקן און וואָגיקן צושטײַער צום צו שטאַנד קומען פֿון דער קאָנפֿערענץ איז ווידער אַ מאָל צוצושרײַבן דער אַקטיוויטעט פֿון ליפּקאַן, דאָס הייסט פֿון דעם דרײַלינג: שטיינבאַרג, שטערנבערג און אַלטמאַן. נישט וועלנדיק, חלילה, אונטערשאַצן די אָנגעשטרענגטע און דערפֿאָלגרײַכע אַרבעט פֿון די חברים קולטור־טוערס פֿונעם צענטער, דאַרף פֿעסטגעשטעלט ווערן דער פֿאַקט, אַז שטיינבאַרג, שטערנבערג און אַלטמאַן האָבן אייניקע מאָל דורכגעקוועטשט דאָס לאַנד מיט ליטעראַריש־שעפֿערישע אָוונטן און בײַ דער געלעגנהייט זיך פֿאַרנומען מיט אויפֿקלער־אַרבעט וועגן דער געפּלאַנטער אַלרומענישער ייִדישער קולטור־קאָנפֿערענץ, וועלכע האָט זיך סוף־כּל־סוף פֿײַערלעך געעפֿנט אין טשערנאָוויץ פֿרײַטיק, דעם 7טן יאַנואַר 1921.

נאָך דער דערעפֿענונג־זיצונג איז צו מיר צוגעקומען אַן עלטערער חבר, דער טאָפּעצירער גרינבערג, און מיך געפֿרעגט: „זאָג נאָר, חברל, דו געדענקסט די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ?‟ האָב איך געענטפֿערט, אַז קוים, קוים. דערויף האָט זיך גרינבערג פֿאַרטראַכט און אַ זאָג געטאָן: „אַ מאָדנער געפֿיל נעמט מיך איצט אַרום, זײַענדיק מיטגעריסן מיט דער יום־טוב־שטימונג, וואָס געוועלטיקט אין זאַל, הערנדיק שטיינבאַרגן, שטערנבערגן און אַלטמאַנען, זעענדיק ווי אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צו זיי. דאָס אַלץ דערמאָנט מיר דאָס בילד פֿון דער דערעפֿענונג־זיצונג פֿון 1908 אין מוזיק־פֿאַראיין, די פֿײַערלעכע שטימונג, וואָס האָט דאָרט געהערשט און ווי אַזוי אַלע האָבן מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם געשלונגען יעדעס וואָרט פֿון פּרצעס, אַבֿרהם רייזענס, שלום אַשס און נאָמבערגס רעדעס.

זונטיק, דעם 9טן יאַנואַר 1921, שפּעט בײַ נאַכט, האָט זיך די קאָנפֿערענץ געשלאָסן. מיט שלוסרעדעס זענען אַרויסגעטראָטן א. שטיינבאַרג און ישׂראל שעפֿלער.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט געשאַפֿן די אַלרומענישע ייִדישע קולטור־פֿעדעראַציע מיטן צוועק צו פֿאַרשפּרייטן ייִדישע קולטור אויף מאַרקסיסטישע גרונטפּרינציפּן.

כּדי צו האָבן אַ באַגריף פֿונעם ניוואָ פֿון דער קאָנפֿערענץ, וועל איך אָנרופֿן אייניקע רעפֿעראַטן:

1. פֿאָרשול־, שול־ און אויסערשול־בילדונג (רעפֿערענט — פֿוקס).

2. פאַראייניהייטלעכונג פון דיאַלעקט און אָרטאָגראַפיע (רעפערענט — ח. לעקער).

3. פאַרלעגערישע אַרבעט (רעפערענט — שעפּלער).

4. טעאַטער (רעפערענט — י. שטערנבערג).

אַגב האָט שטערנבערגס אָנדערהאַלבן־שעהיקער רעפעראַט געמאַכט אַן אומ־באַשרײַבלעכן אײַנדרוק אויף די דעלעגאַטן און אויף דער גרויסער צאָל געסט, וועלכע זענען ספּעציעל געקומען הערן שטערנבערגס נײַ וואָרט וועגן שאַפן אַ פאָלקס־טעאַטער.

די ייִדישע קולטור-פעדעראַציע

די פּראָקלאַמירונג פון דער אַלרומעניִשער ייִדישער קולטור־פעדעראַציע איז אײַגנטלעך פאָרגעקומען אויפן פאָלקסמיטינג שבת, דעם 8טן יאַנואַר, אין זאַל פון קאַמי־ און בוכהאַלטער־פאַראײַן. דער זאַל האָט נישט געקאָנט אַרײַננעמען דעם גרויסן עולם, וואָס איז געקומען אויסהערן די וואָרטזאָגערס פון דער ייִדישער פאָלקסקולטור, זענען טאָקע געשטאַנען אויפן דעמאָלטיקן פּעטערספּלאַץ פיל אַרבע־טערס און האַרעפּאַשניקעס און אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט צו די רעדנערס פונעם מיטינג.

אויף דעם מיטינג זענען אַרויסגעטראָטן א. שטיינבאַרג, י. שטערנבערג, ש. ביקל און אַ רײ אַנדערע רעדנערס.

די דעלעגאַטן זענען זיך צעפאָרן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע אַרבעט אין צענטער און אויף די ערטער.

די שוין פון פריִער עקסיסטירנדיקע קולטור־ליגעס האָבן פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט. נײַע זענען אויפגעקומען, ס׳זענען אויך אַנטשטאַנען אייניקע ייִדישע פאָלקסשולן און אַ גאַנצע רײ קינדער־גערטנער.

רירעוודיק האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט דער אויף דער קאָנפערענץ געגרינדעטער פאַרלאַג „קולטור״. שוין אין 1921 זענען אין אָט דעם פאַרלאַג דערשינען, אַחוץ אייניקע פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן, שטיינבאַרגס פאַבל „אַלף־בית״ (אילוסטרירט פון אַרטור קאָלניק, רובין זעליקאָוויטש און סאָלאָמאָן לערנער), דאָס זאַמלבוך קולטור א״אַ.

שטיינבאַרג אַלס דערציִער

באַזונדער וועט מען דאַרפן רעדן וועגן שטיינבאַרגס אַרבעט צווישן טשערנאָ־וויצער קינדער. אין דער ערשטער רײ וועגן די אויפפירונגען פון קינדער־פּיעסעס,

משולם סורקיס (אויבן, רעכטס) אין דער קינדער־קאָלאָניע וויזשעגקאַ, 1932

סײַ זײַנע אײגענע, סײַ פון אַנדערע מחברים, אין זײַן באַאַרבעטונג. ניט װײניקער װיכטיק װעט זײַן צו דערציילן װעגן א. שטײנבאַרגן דעם פּעדאַגאָגישן אָנפירער מיט דער זומער־קאָלאָניע װויזשענקאַ.

די קולטור־פעדעראַציע, די אײגנטלעכע קולטור־אָרגאַניזאַציע פונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין אַמאָליקן רומעניע, איז געבוירן געװאָרן אין אַ גאָר הייסער צײַט. דער קאַמף צװישן די אָנהענגערס פונעם לעניניסטיש־מאַרקסיסטישן לאַגער האָט זיך זײער צוגעשפּיצט. דאָס רוב מיטגלידער פון דער קולטור־פעדעראַציע זענען געװען קאָמוניסטיש אָריענטירט. דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די װאָכן־צײַטונגען די פרײַהייט (טשערנאָװיץ), אונדזער װעג, אונדזער װאָרט און, שפּעטער, שױבן (בוקאַרעשט).

די װײַטערדיקע טעטיקייט פון דער קולטור־פעדעראַציע און די ראָלע פון די „ליפקאַנער״ פאַרדינט אַ ברײטערע אָפּהאַנדלונג.

„ייִדישע קולטור״, אָקטאָבער 1965

יעקב שטערנבערג

דאָס האָרץ פאַרקלעמט, די האַנט ציטערט. עס איז שווער מסכּים צו זײַן מיטן פאַקט, אַז דער דיכטער פון שטאָט אין פּראָפיל, ליד און באַלאַדע אויף די קאַרפּאַטן און אין קרײַז פון יאָרן, דער ווונדערלעכער עסייִסט, דער נאָוואַטאָר־טעאַטראַל, אונדזער יעקב שטערנבערג איז שוין אויך אײַנגעזאַמלט אין דער אייביקייט.

דעם 21סטן מאַרץ 1971 אין מאָסקווע, אייניקע חדשים נאָך זײַן ערשטן אינפאַרקט, בין איך געזעסן בײַ זײַן בעט. געבעטן אים רחמים ער זאָל ווינציקער רעדן, וואָס ווייניקער זיך אָנשטרענגען, געוואָלט אים באַרויִקן מיט גרוסן פון משה אַלטמאַן, פון די אַנדערע שרײַבערס און בכלל מיט נײַעס פון טשערנאָוויץ. „ניין! — האָט ער מיך מיט אַ שטראָפנדיקן טאָן איבערגעריסן — איך מוז זיך אויסרעדן. פאַר יעדן חבר און פרײַנד וואָס קומט צו מיר אַרײַן פּרוּוו איך אויס־גיסן מײַן שוואַך האַרץ, דערציילן, ווי אַזוי מ׳האָט געזינדיקט אַקעגן מיר לגבי מײַן ספר זקונים אין קרײַז פון יאָרן, וואָס דער פאַרלאַג ,קריטעריאָן׳ אין בוקאַ־רעשט (1970) האָט אַרויסגעגעבן מיט אַזוי פיל גרײַזן". פיר שעה האָט ער גערעדט פון אַלץ און אַלעמען, וועגן מצב פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל, וועגן דער „ליטעראַטור אויף יידיש" אין ראַטן־פאַרבאַנד א"אַ. איך בין געפאָרן אַהיים אַ צערודערטער און פאַרוווּנדערטער, צערודערט צוליב זײַן שוואַכן געזונט־צושטאַנד און אַ שטוינענדיקער, ווי אַזוי ער ראַנגלט זיך מיטן מלאך־המוות, און האָב געהאַט דעם פעסטן גלויבן, אַז ער וועט מנצח זײַן.

דעם 19טן מאַרץ 1972 בין איך ווידער בײַ שטערנבערגן. דאָס מאָל בין איך אויפן ערשטן אויגנבליק געוואָרן אָנגענעם איבערראַשט. שטערנבערג אַ מונטערער, מיט זײַן גוטמוטיקן שמייכל אויף די ליפּן, איז מיר אַנטקעגנגעגאַנגען ביז צו דער טיר, מיך באַגריסט: „מזל־טוב, משולם! איך ווייס שוין, און אַלע אין מאָסקווע ווייסן שוין (מיט אַ חודש פריִער האָב איך געהאַט אײַנגעגעבן מײַן בקשה וועגן עליה). קומט, זיצט, דערציילט, יאָ, איך בין אײַך אַ בעל־חוב, נאָך נישט באַדאַנקט

פאַר אײַער באַגריסונג צום באַלוינען מיך מיט דער פיכמאַן־פּרעמיע מצד מײַנע בעסאַראַבער זעמליאַקעס, פאַרט אייגענע, מ׳פאַרגעסט ניט״. און ווידער וועגן מײַן עליה, און ווען ער האָט באַמערקט אַ נערוועזקייט פון מײַן זײַט, האָט ער גענומען אַ העכערן טאָן: „נאָר נישט געדאגהט, און מאַכט מיר נישט — איך בעט אײַך — קיין זויערע צורה, זיי וועלן אײַך באַוויליקן, ווי האַלט איך שוין אַזוי ווײַט! נישט פאַרגעסן, תּיכּף נאָכן באַקומען די דערלויבעניש, מיר געבן אַ טעלעפאָן״. ווידער איז אַוועק אַ שמועס פון עטלעכע שעה, קודם וועגן זײַן נעבעכדיקן געזונט־צו־שטאַנד, וועגן טשערנאָוויץ, בוקאַרעשט, און אָבער אַ מאָל וועגן דער הפקרדיקער באַציִונג בײַם אַרויסלאָזן זײַן בוך. מיר געוויזן צוויי טעקעס אָנגעפּולטע מיט תּיקון־טעותן, און אַ מיש געטאָן אַ בלעטל אויף צוריק — זיך פאַרגאַנגען אין דערמאָנונגען פון די יונגע קעמפערישע יאָרן, פון אונדזער געמיינזאַמען שפּאַנען אויפן באַרג־אַרויף פון יידישער קולטור־בויונג אין רומעניע. מיר האָבן זיך גע־זעגנט. אַ מינוט־צוויי זענען מיר געשטאַנען, געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, געשוויגן. שטערנבערג האָט מיך ווידער אַרומגענומען, מיט אַ געדעמפּטער שטים מיר געוווּנטשן אַ צאתכם לשלום, ווידער אַ פּויזע, מיך נאָך אַ מאָל געדריקט צו זײַן האַרץ, און אין אויער מיר אַרײַנגערעדט „להתראות״, און ווען איך האָב זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט אויף דער דריטער טרעפּ, האָט שטערנבערג אויף אַ קול נאָכגעשריגן: להתראות!

איך האָב זיך דאָס מאָל נישט באַנוצט מיטן מעטראָ. ס׳האָט זיך מיר אויס־געוויזן, אַז צו פוס וועט די דערוווײַטערונג נישט זײַן אַזאַ גיכע, און פּענדלענדיק איבער מאָסקווער גאַסן, פאַרזונקען אין מחשבות, האָט אויפגעבליצט יעקב שטערנ־בערג פון צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל געזען און געהערט.

1919. זײַן רבי און חבר אליעזר שטיינבאַרג האָט זיך נאָר וואָס באַזעצט אין טשערנאָוויץ.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, אין לאָקאַל פון „יידישן שולפאַראיין״, ווען שלמה ביקל האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט זײַן פאַרטראָג איבער י. ל. פּרץ, זענען אַרײַנ־געקומען אליעזר שטיינבאַרג און די פ״צ־לידערס ד״ר מאיר ראַזנער, ד״ר פּײַוול שטערנבערג, פּראָפ׳ חיים לעקער און מיט זיי — אַן אימפּאָזאַנטער מאַן פון מיטעלן וווּקס, וועמען שטיינבאַרג האָט פאַרגעשטעלט: אָט האָט איר נאָך אַ ליפקאַנער ייִד, מײַן חבר, דער דיכטער יעקב שטערנבערג.

„פון מײַן געבוירן־שטעטל ליפקאַן — האָט שטערנבערג אָנגעהויבן — ווי בכלל פון בעסאַראַביע, וועל איך נישט אָנהייבן מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט טשערנאָ־וויץ. איך בין זיכער, אַז מײַנע בני־עיר, מײַנע חברים שטיינבאַרג און אַלטמאַן, וואָס האָבן אײַך דערגרייכט פאַר מיר, האָבן אײַך שוין די ערשטע גרוסן איבער־געגעבן, איך וועל אײַך אַ ביסל דערציילן וועגן לעבן פון די יידן אין רעגאַט (אַלט־רומעניע), ווּהין דער גורל האָט מיך פאַרוואָרפן, און ווו איך העלף שוין קאַרגע פינף יאָר אַקערן און פאַרזייען דעם פאַרטריקנטן באָדן פון אַ יידישער קולטור דאָרט". ער האָט דערציילט פון דער אָפּגעשטאַנענקייט פון איין זײַט און דער אַסימילאַציע פון דער צווייטער זײַט, פון די אַלטרומענישע יידן און זייער דערוואַכונג צו יידיש־וועלטלעכער קולטור, אין ווייניקע שטריכן אונדז באַקאַנט געמאַכט מיט דער ליכטיקער פּערזענלעכקייט פון באַוווסטן ליטעראַטור־פאָרשער און פאַרקעמפער פאַר יידישער קולטור באַרבו לאַזאַרעאַנו, פון דעם דיכטער־ראָמאַנטיקער יעקב גראָפּער און זײַן נאָענטן מיטאַרבעטער, דעם פובליציסט און דראַמאַטורג יעקב באָטאָשאַנסקי. דערנאָך האָט ער געלייענט אַ פראַגמענט פון זײַן פּאָעמע „חצות". אַזוי האָט זיך יעקב שטערנבערג באַהאָפטן מיט טשערנאָוויץ און טשערנאָוויץ מיט אים, מיט 54 יאָר צוריק.

אין שטערנבערגן, אין איינעם פון די איניציאַטאָרן פון דער ערשטער אַלרומע־נישער קולטור־קאָנפערענץ (7טן־9טן יאַנואַר 1921) האָבן מיר דערקענט נישט נאָר דעם פילזײַטיקן פּאָעט, נײַערט אויך אַ פײַערדיקן טריבון, איינעם פון די פײַנסטע פּרעלעגענטן. זענען אומפאַרגעסלעך זײַנע אַרויסטרעטונגען אויף דער קאָנפערענץ און באַזונדערס זײַן טעאַטער־רעפעראַט, מיט וועלכן ער האָט געהאַלטן די דעלע־גאַטן און געסט אין שפּאַנונג.

ערשט אין 1935 האָט שטערנבערג אונדז אונטערגעטראָגן אַן אָפּקלויב פון זײַן 20־יאָריקן שאַפן, זײַן ערשטלינג שטאָט אין פּראָפיל.

אַ האַלבן יאָרהונדערט האָבן מיר געהאַט די זכיה מיטצוגיין מיט יעקב שטערנ־בערגן אויף אַלע זײַנע עטאַפּן. זיך געקוויקט מיט זײַנע עלעגיעס, שטודירט אויף אויסנווייניק זײַנע לאַנג־אָטעמדיקע פּאָעמעס, זיך דעלעקטירט מיט זײַנע וואָגיקע גערעדטע און געשריבענע עסייען. שטערנבערג האָט אויך מאַגנעטיזירט מיט זײַן נאָוואַטערישקייט אינעם מאָדערנעם יידישן טעאַטער.

נאָך הײַנט דעפילירן פאַרבײַ אונדז אַלע זײַנע טעאַטער־שעדעווערס, זײַנע קאָלירפולע „רעוויסטעס" (קליינקונסט), זײַנע גלאַנצפולע שטעלונגען, די זיך אַליין איבערגעטראָפענע אויפפירונג פון א. דימאָווס דער זינגער פון זײַן טרויער (מיט דער ווילנער טרופּע, מיט יוסף בולאָוו אין דער טיטל־ראָלע), שלום־עליכמס דער

אוצר, י. גאָרדינס כאַשע פֿון קאַראַטשעקראַק, ל. מלאכס דער געלער שׂטן, י. ל. פּרצעס בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק און נאָך און נאָך.

אין אַ דעצעמבער־אָוונט פֿון 1937 אין בוקאַרעשטער „באַראַשעום"־זאַל אויפֿן לאַנדבאַנקעט צוליב שטערנבערגס אַרויספֿאָר מיט זײַן אַנסאַמבל אויף גאַסטראָלעס אין די באַלטישע לענדער. איבער מיזרח־אייראָפּע איז שוין געהאַנגען אַ דראָענדי־קע היטלערס פּאַרטיליקונגס־שווערד. אין רומעניע האָבן שוין די קוזאַ־גאָגאַ־גאַרגל־שנײַדערס געשאַרפֿט זייערע ציין, דעמאָלט האָט שטערנבערג, ענטפֿערנדיק אויף די פּאַר־געזונט־רעדעס, געזאָגט: „מיר טאָרן זיך נישט לאָזן, אַוועק זענען די צײַטן, ווען מ'האָט אונדז געפּאַטשט אין איין באַק, האָבן מיר אונטערגעטראָגן די צווייטע. ווען מען אונדז טרײַבן, וועלן מיר זיך פֿאַרבאַריקאַדירן אין שולהויף. מיר וועלן מיט זיך מיטנעמען אַהין קאַרל מאַרקסן און יהודה הלוי, היינריך היינע און ישעיה הנביא, שפּינאָזעס „עטיק" און אונדזער אייביק־הייליקן תּנ"ך".

סוף זומער 1942 אין טאַשקענט. אַ מאָביליזירטער אין דער אַרבעטס־אַרמיי, געהאַרעוועט עבֿודת־פּרך, פּלעג איך אין די פֿאַרנאַכטן אין שרײַבער־פֿאַראיין אויף פּערוואָמײַסקי־גאַס זיך טרעפֿן מיט שטערנבערגן און יעדעס מאָל געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ער אונטערדריקט זײַן געדריקטע שטימונג און באַמיט זיך צו פֿאַר־טרײַבן די מרה־שחורה פֿון זיך און פֿון זײַנע מיטמענטשן.

אין איינעם אַן אויפֿדערנאַכט זענען מיר געזעסן אין פֿאַראיין און זיך צוגע־הערט צו דאָברושינען. ער האָט דערציילט זכרונות פֿון דער „הבימה" אין מאָסקווע און וועגן דער „דיבוק"־אויפֿפֿירונג. שפּעטער זענען מיר אין דרײַען (שטערנבערג, ישׂראל אַשענדאָרף און אַני הקטן) אַרויס פֿון פֿאַראיין און אויפֿן ראָג זיך אָפּגע־שטעלט בײַ אַ ראַדיאָ־הילכער, וועלכער האָט איבערגעגעבן לעצטע נײַעס, צוו"אַ האָט מען געמאָלדן, אַז די רויטע אַרמיי האָט ערגעץ ווו דעראָבערט אַ וויכטיקע פּאָזיציע. אין דעם מאָמענט האָבן זיך אָנגעצונדן פֿײַערלעך אין שטערנבערגס אויגן, און ער האָט זיך געווענדט צו אונדז: „איר הערט, חבֿרה? נו, דאַרף מען זיך מתיאש זײַן? ס'קאָסט טאַקע ממים ודמים, אָבער דער מאָרגן איז אונדזערער" און אונטערברומענדיק אַ דבֿקותדיקן ניגון פֿון „דיבוק", געזאָגט „אַ גוטע נאַכט".

האַרבסט 1948. שטערנבערג איז פּעסימיסטיש. ניין, נאָך ערגער, דער שטערנ־בערג וואָס האָט געמאָנט און געוואָרנט „נאָר זיך נישט מתיאש זײַן" איז אײַנגע־הילט אין יאוש. אין אַ מאָסקווער פֿאַררעגנטן נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך באַגעגנט בײַם טויער פֿון דער לענין־ביבליאָטעק. שטערנבערג, נאָך מער געבויגן ווי תּמיד, בלאָע רינגען אונטער די שטאַרק אַנטצינדענע אויגן, האָט אַ שווײַגנדיקער מיר

שטאַרק געדריקט די האַנט. אויף מײַן פֿראַגע: וואָס איז בײַ אים מיט די אויגן? האָט ער מיר געזאָגט: „שלאָפֿלאָזע נעכט. שטאַרק פֿאַרכמאַרעט אונדזער הימל. — מיכאָעלס, דער חכם מיכאָעלס איז נישטאָ, ייִדישע שרײַבערס און קינסטלערס רופֿט מען אין די „אותיות" אַרײַן, און נאָר בײַ נאַכט, אוי, ברודערקע, די נעכט. איך האָב שוין אָפּמאָנטירט דאָס גלעקל, יעדער קלונג איז אַ שטאָך אין האַרץ. בײַ נאַכט נעמט מען, ווײַט נאָך חצות לאָזט מען אָפּ, כּדי אויף מאָרגן ווידער צו רופֿן. אַזוי איז עס. די מלחמה האָט זיך געענדיקט, ,אונדזער קריג גייט ווײַטער' — איך בין צופֿרידן וואָס מיר האָבן זיך געזען, גריסט משהן (געמיינט משה אַלטמאַן), די איבעריקע חברים, אַז איר וועט זײַן אויבן, לייגט אַנידער פֿון מײַנעטוועגן אַ בלימל בײַ שטיינבאַרגן..."

1954-1949. דאָס ערשטע יאָר האָבן מיר בכלל נישט געוווסט וווהין די בייזע ווינטן האָבן אים פֿאַרטראָגן, ערשט אויפֿן צווייטן יאָר האָט צו אונדז דער־גרייכט אַ גרוס פֿון אַ „סאַנאַטאָריע" אין קאָמי ס.ס.ר. אַ רעפּובליק, ווו ס'איז עלף חדשים אין יאָר ווינטער.

זומער 1960. ווידער אין טשערנאָוויץ. שטערנבערג איז אַ וואָך צײַט מײַן גאַסט. אין יענעם יאָר איז ער געוואָרן אַ בן־שבעים. יעדן טאָג איז געווען אַ קערמישל. די אָפּרוואָך האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין שבעת ימי המשתה. מיר האָבן דעמאָלט פֿאַר זיך געהאַט אַ באַנײַטן שטערנבערג. כאָטש פֿיזיש אָפּגעשוואַכט, אָבער ווידער מיט יוגנטלעכן ברען דערציילט און דיסקוטירט, געלייענט כּתב־ידן פֿון ייִנגערע פּען־קאָלעגעס, איבערגעגעבן וואַרעמע גרוסן פֿון שלמה ביקל, מיט וועמען ער האָט נאָך דער באַפֿרײַונג פֿונעם לאַגער באַנײַט די קאָרעספּאָנדענץ, פֿון מאָלער אַרטור קאָלניק. מיט באַגײַסטערונג גערעדט פֿון אַ ריי ישׂראל־שרײַבערס, זייער געלויבט דעם זשורנאַל „די גאָלדענע קייט" וואָס סע איז אים איז אויסגעקומען צו זען צוויי נומערן, נאָר ווען ער איז אַריבער אויף רעמיניסצענצן, איז ער געוואָרן סענטימענ־טאַל, און ס'האָט זיך בײַ אים אַרויסגעפֿילט אַ בענקעניש נאָכן נאָענטן אַמאָל.

אויגוסט 1963. אין קאַרפּאַטן־קוראָרט יאַרעמטשע. נאָך אַ לאַנגן וואַלדשפּאַציר זענען מיר אָנגעקומען צו אַ וואַלדלאָנקע, פֿון וואַנען ס'האָט זיך געהערט דאָס רוישן פֿונעם וואַסערפֿאַל. איך האָב אויסגעטאָן די שיך און באָרוועסערהייט געטאָפּטשעט איבער דעם גראָזקאָבערעץ. אָנגעקומען צום וואַסערפֿאַל, האָט שטערנבערג באַמערקט אַז איך בין באָרוועס, האָט ער איבערגעריסן זײַן שווײַגן און צו מיר געזאָגט: „גלײַך האָט איר געטאָן, זייער גלײַך וואָס איר האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די שיך, מיר טרעטן דאָ אויף הייליקן באָדן. אין די דאָזיקע וועלדער רוען דאָך די ביינער פֿון

דורך די נאַציס פאַרטיליקטע יידישע קהילות. פון דאַנען שלענגלט זיך אַ וועג צום געפלאַסטערטן מאַרטירער־שאָסיי". לאַנג האָבן מיר זיך אײַנגעהערט אין דער מוזיק פונעם וואַסער־געוויש, פאַרבלענדטע פון דעם זונענשטראַלן־רעפלעקס. אויף די שטורעמדיקע קאַסקאַדן האָט זיך שטערנבערג ווידער אָנגערופן: „יאָ, יאָ, מיר געפינען זיך אויף געהייליקטער ערד, דאָ ברענט אַ דאָרן און ווערט ניט פאַר־ברענט" — אין איניקע טעג אַרום האָט אונדז שטערנבערג געלייענט עטלעכע פון זײַנע ווונדערלעך־שיינע קאַרפּאַטן־לידער, דעמאָלט געבוירענע אין יאַרעמטשע.

זומער 1965. נאָך די „אָפיציעלע" מאָסקווער יובילײ־פּײַערונגען צו דעם 75סטן געבוירן־טאָג פון יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן (אַלטמאַנען צו לאַנגע יאָר), האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט בײַ אַ היימישער, אינטימער חברישער מסיבה אין דער וווינונג פון שרײַבער יוסף בורג אין טשערנאָוויץ. ענטפערנדיק אויף די באַגריסונג־ווערטער האָט שטערנבערג אין אָפּגעהאַקטע פּראָזעס געזאָגט: „אין מאָסקווע איז קאַלט, די תמוז־זון בראָט, אָבער דער אַרום איז קאַלט. אין טשערנאָ־וויץ דערוואַרעם איך זיך. צי איז דאָס דערפאַר וואָס מיט 46 יאָר צוריק האָבן מיר, די דרײַ ליפקאַנער — שטיינבאַרג, משה און איך, און שפּעטער מאַנגער, זיך צו אײַך צוגעטוליעט, און דערפילט וואַרעמע באַציִונג צו אונדז? דרײַ זענען מיר געבליבן פון יענעם בוקעט: משה, משולם און איך, נאָר לאָמיר נישט ווערן סענטי־מענטאַל, איך וועל אײַך איבערלייענען אַ פּאָר פון די קאַרפּאַטן־לידער.

1970. איז זײַן ענטפער אויף מײַן באַגריסונג צו זײַן 80סטן געבוירן־טאָג שרײַבט מיר שטערנבערג צוו"אַ: איך מיש צוריק אַ בלאַט, און געדענק מיט ליבשאַפט אײַך אַלע, די פאַרליבטע אין יידישער קולטור, צו וועמען מיר האָבן זיך דעמאָלט באַהאָפטן.

1971. ער שיקט מיר צו זײַן בוך ליד און באַלאַדע אויף די קאַרפּאַטן מיט פאָלגנדיקער אויפשריפט:

משולם סורקיסן לזכרון
פון יענע יאָרן
ווען מיר זענען נאָך יונג
און האָפערדיק געווען.
אין אַלטער פרײַנדשאַפט

י. שטערנבערג
4.1 — 1971

איצט קוקן צו מיר אַראָפּ פון מײַן ביכער־אַלמער די פּאַריתומטע דרײַ ספרים:

1. אַ שטאָט אין פּראָפיל (**בוקאַרעשט** 1935);
2. ליד און באַלאַדע אויף די קאַרפּאַטן (**פּאַריז** 1970);
3. אין קרײַז פון יאָרן (**בוקאַרעשט** 1970).

אָט דאָס איז אַלץ וואָס יעקב שטערנבערג האָט אונדז איבערגעלאָזט. און דאָס איז אונדזער טרייסט.

1973.6.27

מיט איציק מאַנגער

זומער 1921, אין לאָקאַל פונעם סאָציאַליסטישן סטודענטן־פאַראיין „יִדישע קולטור" און פון „יִדישן שולפאַראיין" זענען אין פולן גאַנג די רעפּעטיציעס פון „מנשה" (ראָנעטי ראָמאַנס דראַמע „מאַנאַסע", אין יעקב שטערנבערגס איבערזעצונג).

דאָס שטיבל, נישט זייער קיין גרויס, איז אָנגעפּראָפּט. ווײַל אַחוץ די אַקטיווע דראַמקרײַזלער פלעגן יעדן אָוונט באַזוכן דעם לאָקאַל עטלעכע צענדליק יונגע אַרבעטערס, פאַר וועמען מען האָט געלייענט לעקציעס און געפירט מיט זיי דיסקוסיעס אויף פאַרשידענע קולטור־פּאָליטישע טעמעס.

פלוצלונג עפנט זיך די טיר און עס באַווײַזט זיך חיים לעקער אין באַגלייטונג פון אַ יונג שלאַנק סאָלדאַטל מיט אַ קליין אָפּגעצויגן, כמעט אַסקעטיש פּנימל און אַ קאָפּ געדיכטע געקרויזלטע, עכט ציגײַנערישע האָר. מאָמענטאַל האָבן מיר איבערגעריסן די רעפּעטיציע, און לעקער האָט אונדז פאָרגעשטעלט זײַן באַגלייטער: „חברה, באַקענט אײַך מיטן יונגן דיכטער איציק מאַנגער".

וועגן דעם שפּעטערדיקן מחבר פון „שטערן אויפן דאַך" האָבן מיר שוין עפּעס וואָס געוווּסט. אָבער גאָר ווייניק. מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָבן מיר געלייענט אין זשורנאַל קולטור זײַן „פּאַסכאַ־נאַכט". אליעזר שטיינבאַרג און זיי צו לאַנגע יאָר י. שטערנבערג און משה אַלטמאַן, האָבן אונדז שוין געהאַט דערציילט פון דעם יונגן וווּנדערלעכן פּאָעט. נאָר זײַן איצטיק אויסערלעך אויסזען, דאָס קויטיקע רומענישע מונדירל און דאָס צוויי־שפּיצעדיקע סאָלדאַטן־היטל, וואָס ער האָט געהאַלטן פעסט צונויפגעקנייטשט אין זײַן לאַנגער האַנט, האָט אונדז אַ ביסל איבערראַשט.

לעקער האָט זיך ווענדנדיק צו מיר געזאָגט:

„איך געטרוי אײַך דעם חבר מאַנגער, און בעט אײַך, נישט שפּעטער ווי 11 אַ זייגער אים אָפּצוברענגען צו מיר אַהיים".

פון לינקס אויף רעכטס: הערשל סעגאַל, יצחק פאַנער, משולם סורקיס, איציק מאַנגער, י. קאַראַ, שמואל אַבא סופר; אויבן: אסתר סופר און מלכה סורקיס

מאַנגער איז באַלד געוואָרן היימיש, אַן אייגענער מענטש. חברה האָבן אַרײַנ־געבראַכט אַ פלעשל משקה, סאַלאַמי (ווורשט) און אַ היפּש בינטל פּרעצל (גע־פלאָכטענע אייער־בייגל), עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ וואַרעמע, חברשע ליאַמע מיט רעוואָלוציאָנערע און פאָלקסלידער. מאַנגער איז געזעסן פאַרטראַכט און שטיל געזונגען. אייגנטלעך מער געברומט ווי געזונגען זײַן ליבסט לידעלע:

„רויט איז בלוט, און רויט איז ווײַן
וואָס געווען און וואָס וועט זײַן".

און ווען עולם האָט געבעטן מאַנגערן ער זאָל לייענען עפּעס פון זײַנע לידער, האָט ער געענטפערט:

„לידער לייענען, הייסט לידער זינגען. און הײַנט זינגט זיך עפּעס נישט. נאָר אַזוי ווי אײַער דראַמקרײַז רעפּעטירט, דאָס הייסט איר לערנט זיך מאַכן טעאַטער, וועל איך אײַך עפּעס זאָגן וועגן טעאַטער".

ס'איז אײַנגעטראָטן אַ שטילקייט, אַז מען האָט געקאָנט הערן ווי זײַנע גע־קרײַזלטע האָר וואַקסן. מיט אַ מאָל האָט מאַנגער זיך אויפגעהויבן, האָט אָוועק־געלייגט זײַנע ביינערדיקע הענט אויפן טיש און געמאָלדן:

„מײַנע עטלעכע ווערטער וועלן הייסן: „פון שעקספּיר ביז וועדעקינד".

מאַנגער האָט גערעדט שטיל: אין ווײַטערדיקע רייען האָט מען געמוזט אָנ־שטרענגען דאָס אויער, כּדי צו דערהערן. ער האָט גערעדט לאַנג און אַ סך, בררייט זיך אָפּגעשטעלט אויף שעקספּירס קלאַסישן מאָנאָלאָג און דעם וועג ביז וועדע־קינדס און אויך פּרץ הירשביינס מאָדערנעם געפּרעסטן דיאַלאָג. אין איין וועגס האָט ער געמאַכט אַ קליינע עקסקורסיע צו די וואַנדער־שפּילערס, נישט אַדורכ־לאָזנדיק די ערשטע פּורים־שפּילערס, ביז די בראָדער זינגערס, וועלוול זבאַרזשער און דעם שאַפער פון יידישן טעאַטער אַברהם גאָלדפאַדען.

מיר זענען אַלע געבליבן דערשטוינט פון זײַן גרינטלעכער באַהאַוונטקייט אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון טעאַטער.

ווען מאַנגער האָט געענדיקט זײַן אַזוי גלענצנדיק אימפּראָוויזירטן רעפעראַט, איז שוין חיים לעקער געזעסן צווישן די באַגײַסטערטע צוהערערס, דאָס וויל הייסן, אַז ס'איז שוין געווען ווײַט נאָך 11 בײַ נאַכט, און לעקער האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט פון דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט, ווו ער האָט געהאַלטן זײַן וועכנט־לעכע לעקציע פונעם ציקל „די פאַרברעכערישע פּאָליטיק פון שיידעמאַן און נאָסקע".

פאַרן פאַרלאָזן דעם לאָקאַל פון „שולפאַראיין" האָט לעקער געמוזט אויסטאָן זײַן מאַרינאַרקע און זי אָנטאָן מאַנגערן, עמעצער פון אונדז האָט אים געגעבן אַ

קאַשקעטל, מען זאָל חלילה נישט דערקענען אין אים דעם סאָלדאַט, מחמת ער איז אַרויס פון דער קאַזאַרמע אָן אַ דערלויבעניש. לעקער האָט אים אַ נעם געטאָן פאַרן אָרעם, און אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט זענען זיי ווי צוויי סילועטן פאַרשוווּנדן.

אַזוי האָב איך זיך באַקענט פּערזענלעך מיט איציק מאַנגערן.

פון דעמאָלט אָן פלעגן מיר זיך כמעט יעדן אָוונט טרעפן אין לאָקאַל פון יידישן שולפאַראיין, ווו מאַנגער האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין יידיש־קולטורעלן לעבן פון טשערנאָוויץ. זייער אָפט פלעגט ער האַלטן לעקציעס פאַרן יונגן עמך־עולם, וועלכער האָט זיך נישט געלאָזט אַריינקריגן אין דער כאַפּפּייל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. מיר פלעגן זיך אָפט באַגעגענען אין שטיבער פון חברים, אין פּאַרק „האַבסבורגסהעהע" און אויך ביי מיר אין דער היים.

צו יענער צייט בין איך ערנסט פאַרשלאָפט געוואָרן. פון צו פיל באָדן זיך אין טייך פּרוט. פון דער תמוז־זון האָב איך געקראָגן אַ זונבראַנד און איבערגע־לעבט אייניקע קריטישע טעג. דעמאָלט פלעגט מאַנגער מיט זיין חבר וואָלקע (אַ וויכטיקער אונטערערד־טוער) מיך באַזוכן יעדן אָוונט.

נאָך אַ צען טעג בין איך געזונט געוואָרן, און כּדי אָפּצומערקן מיין גענעזונג זענען מיר אַוועק אין חסידישן ווינקעלער.

מאַנגער איז געזעסן די גאַנצע צייט פאַרטראַכט, געקלאַפּט מיט זיינע לאַנגע קלאַוויר־פינגער אויפן טיש, אויסשלאָגנדיק זיין באַליבט לידעלע „רויט איז בלוט", צוגעקוקט זיך צו די חסידישע „שיכורים", ווי זיי נעמען אַלע מאָל אַ קאַפּעטשקע, און אויף איין מאָל זיך אָנגערופן:

איר זעט, חברה, ווי אַזוי שלום־עליכמס ר׳ אַלטער האָט ריכטיק געזאָגט, „אַ ייד, אַז ער נעמט אַ ביסל משקה, איז גאָרנישט. מאַכטייסע, ער טרינקט אויס אַ גלעזל, צוויי גלעזלעך צי אַפילו דריי, און שאַ־שטיל..."

אין גיכן האָט זיך געביטן די טעמע און ס׳איז געקומען צו רייד וועגן מיין יינגלש לייכטזיניק פּרוט־באָד, וואָס האָט דערפירט דערצו איך זאָל ערנסט שלאָף ווערן. דאָ האָט זיך מאַנגער אָנגערופן, צו מיר געווענדט:

„דו וויסט, ווען מיר זענען געווען ביי דיר נאָכן קאָנסיליום פון די דאָקטוירים, האָב איך אַ ביסל איבערגעלעבט. איך בין דעמאָלט אַוועק פון דיר אַ ביז גאָר באַטריבטער. נישט וועגן דיר, חלילה. איך בין געווען איבערצייגט, אַז דיך וועט דער גוטער יאָר נישט נעמען (דאָ האָט מאַנגער אַ פינטל געטאָן מיט זיין האַלב־קאַסאָקע אויג), נאָר די צוויי טרערן אויף דיין שווייגנדיקער מאַמעס אָפּגעצויגענע

באַקן האָבן מיך טיף גערירט. איך האָב דערפילט אַ קרובֿהשאַפט מיט מײַן מאַמעס טרערן, װעלכע װײנט, אַז קײנער זאָל נישט זען".

מיט אײניקע יאָר שפּעטער האָט זיך די מאַנגער־משפּחה אַריבערגעצויגן קײן טשערנאָװיץ. איך פֿלעג פֿון צײַט צו צײַט צו זײ אַרײַנקומען. מיט זײַן (אין דער לעצטער װעלט־מלחמה פֿאַרשטאָרבענעם) ברודער נאָטע, דעם שװײַגנדיקן פּאָעט, און מיט זײער שװעסטערל, דער צניעותדיקער, שװאַרץ־חנעװדיקער שײנדעלע, איר צו לאַנגע יאָרן, זענען מיר שױן געװען פֿון פֿריִער באַקאַנט. מיט זײער פֿאָטער — „זײַן עקסעלענץ דער שנײַדער" — ר' הלל מאַנגער, אָפּט אין בלױזן װײַסן זשילעטל, מיטן צענטימעטערל אױפֿן האַלדז און מיט דער שױן דעמאָלט אַלט־מאָדישער פּענסנע אױף דער שפּיץ נאָז, בין איך באַלד געװאָרן אַ גוט־ברודערל. ס'איז געװען אַ ייִד אַנגעזאַפּט מיט פֿאָלקסהומאָר.

בײַם אַרײַנקומען צו זײ פֿלעגט ער מיך אױפֿהאַלטן:

„יונגער־מאַן, װאַרט נאָר װאַרט אַ װײַלע. איר אײַלט זיך שױן צו חוהן? איר װעט נישט אַנװערן איר קרעכצן. אױ קרעכצט זי. און נישט אומזיסט. ס'טוט איר נעבעך װײ. איר פֿאַרגעסט נישט, איך בעט אײַך, אַז איר זענט מיר אַ בעל־חוב: איר האָט מיר נישט געגעבן קײן רעשט אױף צװײ װיצן. אַנו, לאָמיר הערן עפּעס אַ גוט װיצל, אָבער אַ נײַעס, אָן אַ באָרד, אַנו אַרױס מיט לשון".

ער פֿלעגט, נעמלעך, זײער באַטעמט דערצײלן אַן אַנעקדאָט.

געביטן זיך מיט אַנעקדאָטן, האָב איך זיך דערנענטערט צו מאַנגערס מוטער חוה. זי האָט מיר אַ מאָל געזאָגט:

„חברל, איר װײסט דאָך, אַז איך האָב אײַך ליב דערפֿאַר, װאָס איר האָט ליב מײַנע קינדער, און איבער הױפּט פֿאַר אײַער ליבשאַפֿט צו מײַן איציק. מען האַלט דאָך אײַך פֿאַר אַ פֿאַרברענטן מאַנגערישן חסיד. אָפּגעזען דערפֿון, װאָס איציק דערצײלט מיר װעגן אײַער װאַרעמער באַציִונג צו אים. איך װײס זײער אַ סך. ער דערצײלט מיר אַלץ, זײַנע דערלעבענישן אױף אַלע זײַנע רײַזעס, אַפֿילו די מעשׂה מיט די בריטשעװער ציגײַנערישע קלעזמער קען איך אױך".

דאָ װיל איך זיך דערלױבן אָפּצונײגן אױף אַ װײַלע פֿון דער טעמע און דער־צײלן דעם עפּיזאָד מיט די בריטשעװער קלעזמער־ציגײַנערס.

אין בעסאַראַבער שטעטלעך איז געװען אײַנגעפֿירט, באַגלײַך מיטן באַרימטן שרײַער, נאָך אַ סאָרט פֿון רעקלאַמע: אַז ס'איז אַראָפּגעקומען אַ װאַנדערנדיקע טעאַטער־טרופּע, אָדער ס'האָט זיך געיאַװעט אַ לעקטאָר, צי גאָר אַן עפּנטלעכע ליציטאַציע, האָט מען פֿאַרן זאַל, װוּ ס'האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען די פֿאַראַנשטאַל־טונג, אױעקגעשטעלט אַ ציגײַנער־קאַפּעליע, אין באַשטאַנד פֿון דרײַ מענטשן

(אַ צימבל, אַ פּויק און אַ פּידעלע, אָדער אַ פלייט). זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג געצימבלט און געפּויקט און אַזוי אַרום צו וויסן געגעבן דער שטאָט, אַז היינט וועט אין דעם דאָזיקן זאַל עפּעס פּאַרקומען.

מאַנגער, וועלכער איז אויך געווען פּאָפּולער אַלס לעקטאָר און האָט אַרומגעוואַנדערט פון שטאָט אין שטעטל מיט פאָרטראַגן און מיט פאָרלייענען לידער, איז אָנגעקומען אין דער געוועזענער יידישער קאָלאָניע (פאַרוואַנדלט אין אַ שטעטל) בריטשעווע פונקט ערב יום־כּיפּור. דער שרייבער פון די שורות האָט דאָרטן דעמאָלט געאַרבעט אַלס באַנק־באַאַמטער און גלייכצייטיק זיך באַטייליקט אין די אַרבעטן פון דער דאָרטיקער „קולטור־ליגע", וועלכע איז געווען איינע פון די שטאַרקסטע פּראָגרעסיווע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין בעסאַראַביע.

מיר האָבן באַלד גערופן אַ זיצונג און באַשלאָסן איינצואָרדענען מוצא יום־כּיפּור, דאָס הייסט, נאָכן אָפּפאַסטן, אַ מאַנגער־אָוונט.

יום־כּיפּור ביי טאָג, די ראַשקעווער קלויז איז פול מיט דאַווענערס. און דאָ האָט זיך מיט אַ מאָל צעפידלט און צעצימבלט די ציגיינער־קאַפּעליע. די טענער פון די וואַלאַכישע פאָלקס־מעלאָדיעס און פון דער רומענישער „דוינע" זענען זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן שטעטל.

דאָס האָבן די פרומע נישט געקאָנט פאַרטראָגן און אָנגענומען אַ כּמעט בעלעמער באַשלוס: אַרויסצושיקן אַ דעלעגאַציע בראש מיטן רב עפּעלבוים, כּדי אויף די ציגיינערס גוזר צו זיין, זיי זאָלן אויפהערן צו שפּילן.

פונקט צום צווייטן אויסנעמעניש איז די דעלעגאַציע אין קיטלען און אין טליתים אַרויס אין גאַס צו די ציגיינערס־קלעזמערס. דער ראש־המדברים איז פאָרשטייט זיך געווען דער אַלטיטשקער רב עפּעלבוים, וואָס אַחוץ אין יידיש און לשון־קודש, איז ער נישט באַהאַוונט אין קיין אַנדערע שפּראַכן. האָט ער זיך טאַקע געוואַנדן צו די ציגיינערס־קלעזמערס בזה הלשון:

„דאָמנולע" [1], ס'איז דאָך אַ חילול־השם היינט, אין אַזאַ הייליקן טאָג צו שפּילן מוזיקע אויף דער גאַס. פאַרגעסט נישט, אַז היינט ציטערן אַפילו די פיש אין וואַסער".

אָפּזאָגנדיק דעם „גזר", איז די דעלעגאַציע אַוועק צוריק אין שול אַריין. די קלעזמערס, דערזעענדיק דאָס דאָזיקע אויסטערלישע בילד, האָבן אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט, אָפּגעהויבן די היטלעך פאַר דער הייליקער דעלעגאַציע אין שפּיץ מיטן „ראַווין". אָבער זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט...

---

[1] אין רומעניש: האַר.

אויף אַ מרחק פון אַ הונדערט שפּאַן הינטער דער דעלעגאַציע האָבן מיר שפּאַצירט מיט מאַנגערן. ס'איז נעמלעך געווען אַ מחיה־שיינער פרי־האַרבסטטאָג. צוקומענדיק צו די ציגײַנערס האָט מאַנגער אַרויסגענומען צוואַנציק לעי און, דערלאַנגענדיק דאָס פּאַפּירל דער קאַפּעליע, געבעטן שפּילן אַ „דוינע". אייניקע מינוטן האָט ער זיך אויפגעהאַלטן בײַ דער ציגײַנער־קאַפּעליע און צוגעקנאַקט מיטן פינגער צום טאַקט פון זייער שפּילן.

ווען מיר זענען שפּעטער פאַרבײַגעגאַנגען די ראַשקעווער קלויז איז געשטאַנען אין דרויסן פאַר דער טיר אַ גרויסע צאָל מתפּללים אין זייערע קיטלען און טליתים און מיט הנאה זיך צוגעהערט צו דעם שפּילן פון דער האַלב־סענטימענטאַלער, האַלב־פריילעכער „דוינע".

דערזעענדיק אונדז, איז צוגעקומען מײַן וויצע־דירעקטאָר פון דער באַנק, יאַנקל שיכמאַן — איינער פון די גאַטס־סטראַפּטשעס — געגעבן „שלום־עליכם" מאַנגערן און געזאָגט:

„אָט די דוינעס האָבן זיי בײַ אונדז געלקחנט. דערפאַר זענען זיי אַזוי פּאַכאָזשיע אויף אונדזער נגינה".

חווה מאַנגער האָט מיר איבערגעחזרט די גאַנצע מעשה מיט די קלעזמערס, גלײַך זי וואָלט דערבײַ געווען, און צוגעגעבן: „יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך, קאַטשע איך זיך פאַר געלעכטער". אויך איצט האָט זי מיט אירע פּאַרווײַנטע אויגן האַרציק זיך פונאַנדערגעלאַכט: „איר קענט דאָך אים, מײַן איציקן, ווי אַן אַלטן גרײַצער. ער איז אַ גרויס קינד און האָט גרויס הנאה, אַז ס'געלינגט אים עמעצן אָפּצוטאָן אַ שפּיצל אַ זקיטקאַלע".

אין דעם מאָמענט איז מאַנגער אַנגעפלויגן ווי אַ וויכער, קודם נישט אין קיין זייער פויגלדיקער שטימונג, האָט געכאַפּט איין בוך, דערנאָך אַ צווייטס, געבלעטערט. אייניקע מינוטן געלייענט, און פּלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף זײַן פּנים און ער האָט זיך אָנגערופן:

„שוין איין מאָל אַ לץ געווען דער הערשעלע".

און ווענדנדיק זיך צו דער מוטער: „דו האָסט דאָך מיך מיט אים באַקענט, ער איז דאָך דײַן ליבלינג, דער הערשעלע אָסטראָפּאָליער"...

די מוטער האָט שווײַגנדיק געשמייכלט און נאָכגעפאָלגט זײַנע זשעסטיקולאַציעס.

„געדענקסט נישט, מאַמע, ווען איך בין קראַנק געלעגן אויף מאָזלען, וויפל מעשהלעך דו האָסט מיר דערציילט?"

„יאָ — האָט מאַנגערס מוטער געענטפערט — איך געדענק, און וויפל לידעלעך איך האָב דיר געזונגען, און דו האָסט אַלץ געבעטן: נאָך אַ לידעלע, מאַמע״...

מאַנגער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און צו מיר געזאָגט:

„וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, האָבן זיי מיר געגעבן מיט פולע זשמעניעס. דעם לץ האָט מיר ,זײַן עקסעלענץ׳ דער שנײַדער הלל געגעבן; דאָס פאָלקסליד האָט מיר מײַן מאַמע איבערגעענטפערט״.

מאַנגער האָט אַרומגענומען זײַן מוטער, זי געקושט און, פאַרזיכערנדיק איר, איר געזאָגט:

„גאָרנישט, מאַמע, איז בײַ מיר לאיבוד געגאַנגען. פון דײַנע אַלע מעשׂהלעך און לידעלעך וועט זיך אויסשפּינען דאָס גרויסע פאָלקסליד. מאַמע, דו ווייסט וואָס כ׳וויל דיר זאָגן? איך וואָלט שוין חשק געהאַט עפּעס אויפצופּאַסטן״.

„אוי, איציק — האָט זיך אָנגערופן די מוטער — איז הײַנט בײַ אונדז פאַראַן אַ מאכל, אַז דער קיסר מעג עס עסן. מיר האָבן הײַנט טייגלעך מיט יונגע פּאַסאָליעס״.

מ׳האָט געגרייט צום טיש. מיר אַלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט. מאַנגער האָט, מעשׂה־דיריזשאָר, מיט זײַנע לאַנגע הענט דיריגירט און געזונגען „וואָס זשע קאָכט מען אין סטאָפּטשעט [2] טשיפּקעלעך מיט פּאַסאָליעס״, און אַלע האָבן מיט־געזונגען. חווה האָט געלאַכט ביז טרערן. מאַנגער האָט זיך מיט זײַן באַזונדער שפּילעוודיק פּנים ברוגזלעך אָנגערופן צו דער מוטער:

„דו לאַכסט אויך פון מיר? וואַרט נאָר וואַרט! איך וועל אין גיכן אַוועקפאָרן אויף דער וועלט און וועל דיריזשירן מיט דער גאַנצער יִדישער פּאָעזיע. מײַן ערנוואָרט, גנעדיקע פרוי מאַנגער״.

האַרבסט 1928, באַטייליקנדיק זיך אין די 20־יאָריקע יובליי־פײַערונגען פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ האָט אונדז מאַנגער דערציילט פון זײַן פּלאַן אַרויסצוגעבן פון צײַט צו צײַט אַ ליטעראַרישע מיניאַטור־צײַטונג, לויטן מוסטער פון זײַן גרויסן פּען־קאָלעגע טודאָר אַרגעזי. מיט אייניקע חדשים שפּעטער, אָנהייב 1929, האָט מאַנגער רעאַליזירט זײַן פּראָיעקט און אין אַ שיינעם טאָג

---

[2] סטאָפּטשעט איז אַ שטעטעלע גרויס ווי אַ דלאָניע, לעבן קאָלאָמיי, פון וואַנען חווה מאַנגער איז געווען אָפּשטאַמיק. זען „מײַן טויטע באָבע אַנטלויפט״, אין בוך „דעמערונג אין שפּיגל״, ז׳ 23, און דאָס ליד „אויף דער סטאַנציע קאָלאָמיי״.

האָט זיך באַוויזן זײַן באַגלייטער, דאָס בלעטעלע אונטערן נאָמען: „געציילטע ווערטער" (פאָרמאַט פון סטאַנדאַרטן שרײַבמאַשין־בלאַט).

אין די „געציילטע ווערטער" האָט מאַנגער אָפּגעדרוקט זײַנע אַ נײַע באַלאַדע, פאַרעפנטלעכט זײַנע לידער, געשריבן קאָנדענסירטע ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען, געגעבן אינפאָרמאַציעס וועגן נײַע ליטעראַרישע דערשײַנונגען און פּאָלעמישע, אָפט סאַטיריש־שטעכיקע נאָטיצן קעגן דעם שונדראָמאַן, וועלכער האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער גרויסער בירגערלעכער יִדישער וועלטפּרעסע (פּוילן, אַמעריקע א"א).

איך רוף אָן דאָס מאַנגערשע צײַטונגל מיטן עפּיטעט „זײַן באַגלייטער", ווײַל ס'האָט געוואַנדערט באַגלײַך מיט אים. איז ער געווען אין בוקאַרעשט, זענען דאָרטן דערשינען די „געציילטע ווערטער". געקומען קיין יאַס, האָט ער דאָרטן אָפּגעדרוקט אַ נומער, אַזוי אויך אין טשערנאָוויץ. און ווען ער איז אין דעם זעלביקן יאָר 1929 געקומען קיין וואַרשע, האָבן אונדז דערגרייכט די „געציילטע ווערטער", אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, ווו ער האָט שוין געגומען אויפן צימבל טלאָמאַצקע 13 (דעם יִדישן שרײַבערס־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין). און גלײַכצײַטיק האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער דאָרטיקער פּרעסע זײַנע גענילע באַלאַדעס, געדרוקט אויך אין המשכים זײַן קאָמישן ראָמאַן „שמואל אַבא אַבערוואָ".

מאַנגער גיט אַרויס אין וואַרשע איין בוך און נאָך איין בוך. זעלטן ווער פון די יִדישע פּאָעטן פון אונדזער דור האָט אין מאַנגערס עלטער (28 יאָר) אין אַזאַ קורצן צײַטאָפּשניט באַקומען אַ וועלטנאָמען.

אין צווישן האָט זײַן מוטערס קראַנקייט זיך פאַרערגערט. אָפט מאָל פלעגט זיך מאַנגער אַראָפּכאַפּן אויף אַ קליינעם באַזוך צו זײַן מאַמען, צו זען אפשר האָט זיך איר שוואַכער געזונט־צושטאַנד פאַרבעסערט. ליידער אָבער איז איר מצב פון שעה צו שעה געוואָרן ערגער, און דעם 6טן פעברואַר 1930 איז איר פּולס שטיין געבליבן, איר האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן.

איציק מאַנגערס צאַרטע ליבע צו זײַן מוטער הערט זיך אַרויס פון דער עפּיטאַפּיע אויף חוה מאַנגערס מצבה, וואָס געפינט זיך אויפן טשערנאָוויצער בית־עולם:

„דאָ ליגט אונדזער מאַמע, אונדזער פרייד,
דאָ ליגט באַגראָבן די ליבע אַליין.
טרויעריק איז איר לעבן אַוועק,
אָבער איר האַרץ איז שיין געווען.
וואַנדערערס פון שפּעטע, שפּעטע יאָרן,

גייט נישט אָן אַ בלום דעם קבר פֿאַרבײַ,
זאָל מיט יעדן זומער אויף דער וועלט
אויפֿלעבן איר אָנדענק אויף דאָס נײַ".
איציק, נאָטע, שיינדל

חווה מאַנגער, געב. וואָלינער
געב. 1875 — געשט. 1930.2.6".

„פֿאָלקס־שטימע", 1970.10.17

דוד האָפשטיין

(צו זײַן 85סטן געבוירן-טאָג)

דעם 28סטן יוני 1940, ווען די סאָוועטן האָבן „באַפרײַט" די בוקאָווינע און זי אײַנגעגלידערט אין דער אוקראַיִנישער סס"ר, זענען באַגלײַך מיט דער אַרײַנ־מאַרשירנדיקער רויטער אַרמיי אָנגעקומען ספעציעלע בריגאַדעס צו אינסטאַלירן דאָס סאָוועטישע קונסט־ און קולטור־לעבן. גאַנצע גרופעס רוסישע און אוקראַיִנישע שרײַבערס, קאָמפּאָזיטאָרן, שוישפּילערס און זינגערס, צווישן זיי אויך עטלעכע ייִדישע שרײַבערס, ווי דוד האָפשטיין, פּײַוול סיטאָ און איציק פעפער זענען געקומען זיך באַקענען מיט דער בוקאָווינע. איך האָב זיך דעמאָלט פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן די שארית־הפליטה פון ייִדישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געזאָלט זײַן די באַזע פאַר דעם ערשטן ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין טשערנאָוויץ. און אין איינעם אַ טאָג איז אַרײַנגעקומען אין טעאַטער „סקאַלאַ" צו אונדזער אַ פאַרזאַמלונג דער אָנפירער פון קונסטאָפּטייל קיריענקאָ און מיט אים אַ קליין דאַרינק מענ־טשעלע, וועלכן ער האָט פאַר אונדז פאָרגעשטעלט ווי דעם ייִדישן שרײַבער פּײַוול סיטאָ און ווי דעם צײַטווײַליקן משגיח איבער אונדזער טרופּע „ביז וואַנען סע וועט געשיקט ווערן אַ טעאַטער־דירעקטאָר"...

נאָך אַ קליינעם שמועס מיט אונדז, דער עיקר — אויסגעפרעגט יעדן איינעם וועגן זײַן אָפּשטאַמונג — האָט סיטאָ אַרויסגענומען פון זײַן פּאָרטפעל די פּיעסע „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום־עליכם און אונדז דערקלערט, אַז דער קונסט־אָפּטייל רעקאָמענדירט מיט אָט דער פּיעסע צו עפענען דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער.

מיר האָבן זיך אַ נעם געטאָן פלײַסיק צו דער אַרבעט, און סיטאָן האָבן מיר בײַ אונדזערע רעפּעטיציעס נישט געזען מער.

אין עטלעכע טעג אַרום, בעת אַ פּראָבע, האָט מען מיך גערופן צום טעלעפאָן און מיר מודיע געווען, אַז ס'גייט צו אונדז אַ ייִדישער שרײַבער, מיר זאָלן אַלע

זײַן אויפֿן אָרט. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס גייט צו אונדז סיטאָ, נאָר אומ־קערנדיק זיך פֿון טעלעפֿאָן־קעמערל האָב איך געטראָפֿן בײַם טיש אַ ייִד מיט גרויסע, לאַכנדיקע אויגן און אויף זײַן רונדלעך אָוואַל־פּנים אַ צוציִענדיקער שמייכל. ער האָט זיך באַלד אויפֿגעהויבן פֿון בענקל, און דערלאַנגענדיק מיר אַ וואַרעמען שלום־עליכם זיך פֿאָרגעשטעלט: אײַער נאָמען האָט מען מיר געזאָגט אין קונסטאַפּטייל, און איך הייס האָפּשטיין. דערהערט דעם נאָמען, בין איך געוואָרן שטאַרק איבערראַשט, און ממש ווי אַ ייִנגל אויסגערופֿן: „דוד האָפּשטיין! פֿון „אין די טאָוולען פֿון ווענט"? (דאָס איינציקע בוך לידער זײַנס, וואָס איך האָב דעמאָלט געקענט). און אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס ביכל געפֿינט זיך אין מײַן שטוב־ביבליאָטעק, איז געווען צו באַמערקן אויף זײַן פּנים אַ מינע פֿון צופֿרידנקייט. כ'האָב אים געפֿרעגט אויף זײַן אַכסניה, כּדי כ'זאָל אים ברענגען דאָס ביכל. דערויף האָט מיר האָפּשטיין געענטפֿערט: „איך האָב נאָך נישט קיין באַשטימטע אַכסניה, איך בין ערשט נישט לאַנג פֿון דער באַן, נאָר זאָגט מיר אײַער אַדרעס, און אויב סע איז אײַך ניחא, וועל איך אַרײַנקומען זיך באַקענען מיט אײַער ביכער־אַלמער". אַזוי האָבן מיר זיך פֿערזענלעך באַקענט. האָפּשטיין איז דעמאָלט פֿאַרבליבן אַ חדשים צוויי אין טשערנאָוויץ.

סוף יולי אָדער אָנהייב אויגוסט פֿון יענעם יאָר האָט דער ייִדישער שול־פֿאַראיין פֿאַרבעטן די אָרטיקע ייִדישע שרײַבערס, קולטור־טוערס און לערערס אויף אַ באַגעגעניש מיט די סאָוועטישע שרײַבערס דוד האָפּשטיין, פּײַוול סיטאָ און איציק פֿעפֿער. די טשערנאָוויצער חברים, בראש מיטן פֿאָרזיצער פֿון ייִדישן שולפֿאַראיין יצחק זינגער האָבן אינפֿאָרמירט וועגן דער ייִדישער קולטור־באַוועגונג אין בוקאָווינע און וואַרעם באַגריסט די געסט, ווי די ערשטע פֿרײַנדסטויבן פֿון סאָוועטישער ייִדישער קולטור אויף בוקאָווינער באָדן. נאָך אַ לענגערער עקספּאָזע פֿון איציק פֿעפֿער האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייטער, געמיטלעכער שמועס וועגן פֿאַרשיידענע פּראָגעס, וואָס זענען נוגע דער ייִדישער קולטור.

צווישן די באַגריסערס איז אויך געווען דער לידער פֿון די לינקע פּועלי־ציון ח' חיים קראַפֿט, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט מיט זײַן ניכטערער פּראַקטישער פֿאָדערונג און געבעטן די געסט, ווי אָפֿיציעלע פֿאָרשטייערס פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור און ליטעראַטור, זיי זאָלן אויספֿועלן דאָס שאַפֿן אַ ייִדישע טאָגצײַטונג אין טשערנאָוויץ.

אויפֿן אַנדערן טאָג נאָך דער באַגעגעניש האָט האָפּשטיין בײַגעוווינט אַ רעפּעטיציע אין „סקאַלאַ"־טעאַטער. בעתן איבעררײַס האָב איך אים געפֿרעגט וועגן זײַנע אײַנדרוקן פֿון דער באַגעגעניש מיט טשערנאָוויצער קולטור־טוערס,

האָט ער מיר געענטפערט: „אײַער קראַפט איז מיר געפעלן געוואָרן, כאָטש אין די אויגן פון אַ סאָוועטישן מענטש האָט ער אויסגעזען ווי אַ טשודאַק. — אַ ייִדישער שרײַבער, צי אַפילו דרײַ ייִדישע שרײַבערס, מעגן פאָדערן אַ צײַטונג? ווער זענען זיי? די קאָמוניסטישע פּאַרטיי? נאָר מיר האָט ער אימפּאָנירט, צו קומען מיט אַזאַ פאָדערונג, דאַרף מען האָבן מוט, און מוט איז קראַפט, כשמו כן הוא".

בעת איינעם פון די מיטינגען פון דער אַרטיקער אינטעליגענץ האָט אין נאָמען פון דער קולטור- און קונסט-בריגאַדע, דער לייטער פון קונסטאָפּטייל קיריענקאָ מודיע געווען, אַז די געבײַדע פונעם געוועזענעם רומענישן שטאָט-טעאַטער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ אוקראַיִנישן מלוכה-טעאַטער, בשעת אין טעאַטער „סקאַלאַ" (געוועזענע מאַרגנרויט-געבײַדע) וועט האָפּנטלעך שפּילן דער ייִדישער מלוכה-טעאַטער, אַזאַ מין דעקרעט פון די העכערע אינסטאַנצן ווערט דערוואַרט.

דעם זעלביקן טאָג, אַרום צען אויף דער נאַכט, האָט מיך אין מײַן וווינונג באַזוכט דער יונגער רעדאַקציע-מיטגליד פון דער געגנטלעכער צײַטונג „ראַדיאַנ-סקאַ בוקאָווינאַ" מיקאָלאַ זובענקאָ (הײַנט אַ געלערנטער אין פסס"ר) מיט וועלכן איך האָב זיך נאָענט באַקענט בײַ אַ געמיינזאַמען אַרויספאָר אין די וויזשניצער קאַרפּאַטן, צו זאַמלען הוצולישן פאָלקלאָר. דער יונגער וויסנשאַפטלער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן אמתער ערלעכער אינטערנאַציאָנאַליסט, און דאָס האָט דער-פירט צו אַ פרײַנדשאַפט צווישן אונדז. געקומען איז ער צו מיר דעמאָלט דערציילן בסוד-סודות, אַז הײַנט איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון דער „אוקראַיִנישער ראַדאַ" (אַרטיקע אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן, באַהאַלטענע פּעטליוראָווצעס) בײַ וועלכער סע איז געוואָרן באַשלאָסן צו פאָדערן די „סקאַלאַ"-געבײַדע פאַר אַן אוקראַיִנישן „טעאַטער פאַרן יונגן צושויער".

די-אָ בשורה האָט מיך שטאַרק צערודערט, ווײַל אויב די „סקאַלאַ"-געבײַדע זאָל פאַרנומען ווערן פאַר אַן אַנדערן צוועק, וועט זײַן פאַר זיי אַ גוטער תּירוץ, אַז פאַר אַ ייִדיש טעאַטער איז נישטאָ קיין דירה. בין איך תּיכּף אַוועק אויסגעפינען האָפּשטיינען. געטראָפן האָב איך אים בײַ ד"ר גבריאל ראַזנרויך, ווו ד"ר ישׂראל פורמאַן האָט פאַר אים געלייענט פון זײַנע זאַמלונגען „ייִדישע שפּריכווערטער". דערהערט פון מיר די נײַעס, איז האָפּשטיין געוואָרן ווי איבערגעביטן. געקומען צו זיך, האָט ער זיך אָנגערופן: „ס'איז נאָך פרי צו זײַן פאַרצווייפלט, מ'דאַרף זיך צוגעווינען צו אַזעלכע בשׂורות, נאָר טאָן דאַרף מען. קומט, חברים, לאָמיר פּרוון זיי אָנדרייען די אויערן", און תּיכּף זיך מישב געווען: „ניין, סע וועט

זײַן אַ צו גרויסע דעלעגאַציע. מירן גיין אין צווייען רײַסן קברים". ער האָט אַ כאַפּ געטאָן פון דער שעראַגע אַ הוט (פאַרשטייט זיך, נישט זײַנעם) און זאַלבע צווייט זענען מיר אַוועק אין האָטעל „שוואַרצער אָדלער", ווו ס'האָט זיך געפונען די בריגאַדע. שוין אין וועסטיבול האָבן מיר אָנגעטראָפן דעם אוקראַיִנישן דיכטער איוואַן לע, וואָס האָט אונדז געזאָגט, אַז דער דראַמאַטורג אַלעקסאַנדער קאָרניי־טשוק, אויף וועמען האָפשטיין האָט זיך נאָכגעפרעגט, געפינט זיך אין זײַן צימער אויפן ערשטן שטאָק, ווו ער האַלט אָפּ אַ באַראַטונג מיט זײַן בריגאַדע.

תּיכּף נאָך האָפשטיינס טעלעפאָנישן קלונג האָט זיך באַוויזן אויף די טרעפּ די פאַראַנטוואָרטלעכע טראַיִקע פאַר טעאַטער און קונסט: אַלעקסאַנדער קאָרניי־טשוק, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם מאָסקווער זשורנאַל „טעאַטער" שאַפּאַוואַלאָוו און אַ טעאַטער־דירעקטאָר פון אַ מאָסקווער טעאַטער ביעגלעצאָוו. זיי האָבן זיך זייער פרײַנדלעך באַגריסט מיט האָפשטיינען און זיך פאַרחידושט פון אונדזער אַזוי שפּעטן באַזוך. קאָרנייטשוק, אין וועמענס צימער מיר האָבן זיך געפונען, האָט געשטעלט כּיבוד, און האָפשטיין איז אַרויס מיט לשון, צו וועלכן זיי האָבן זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייטער שמועס און אַלע דרײַ זענען געקומען צו דער מסקנה, אַז מען באַדאַרף די איניציאַטאָרן פון אַן „אוקראַיִנישן טעאַטער פאַרן יונגן צושויער" פאַרשטעלן דעם וועג. אָבער ווי אַזוי? קאָרנייטשוק, וואָס האָט אָנגעפירט דעם שמועס, האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ווי נאָר ס'וועט זיך באַווײַזן אַזאַ פּעטיציע, זאָל מען ענטפערן די פּעטענטן פּשוט און פּראָסט, אַז מען באַדאַרף אָפּוואַרטן, זאָל זיך קודם דער אוקראַיִנישער דראַמטעאַטער אָרגאַניזירן, אָנהייבן אַרבעטן, וועט מען דאַן באַ־האַנדלען די פראַגע וועגן אַ טעאַטער פאַר דער יוגנט. ביעגלעצאָוו און שאַפּאַ־וואַלאָוו האָבן פאַרטראָטן אַן אַנדער מיינונג; היות עס איז צו דערוואַרטן יעדע שעה אַ דעקרעט וועגן יידישן מלוכה־טעאַטער, איז ביז זיי וועלן דערלאַנגען זייער פּעטיציע, וועט שוין דער טעאַטער „סקאַלאַ" זײַן פאַרנומען דורך אַ יידישער טרופּע. „אײַער מיינונג, דאַוויד נאַומאָוויטש?" — האָט זיך קאָרנייטשוק געוואָנדן צו האָפשטיינען. — האָפשטיין, וואָס בעת זיי האָבן גערעדט האָט אויסגעזען צו זײַן פאַרטראַכט, האָט זיך איצט ווי פון אַ דרימל אויפגעכאַפּט און געזאָגט: „איך מיין, אַז וואַרטן איז נישט געזונט, אויב ס'פאַראַן אַזאַ סיגנאַל דאַרף מען רעאַגירן, און מײַן עצה וואָלט געווען, צו לאָזן פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז דער „סקאַלאַ"־טעאַטער וועט באַשטימט ווערן פאַר אַ רוסישער קאָמעדיע־טרופּע"... — „דאָס איז אַ געדאַנק" — האָט אויף אַ קול זיך אָנגערופן שאַפּאַוואַלאָוו — „ווײַל אַזוי ווי ביידע טעאַטערן געפינען זיך אין שכנות, וועט דעם אוקראַיִנישן דראַמטעאַ־

טער נישט לוינען צו האָבן אַ רוסישע טרופּע פאַר אַ שכן״. דער פאָרשלאָג איז וואַרעם געוואָרן אַקצעפּטירט. און אין אַ טאָג אַרום האָט זיך באַוויזן אין דער טעאַטער־כראָניק פון דער געגנטלעכער צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ״ אַ ידיעה אין דעם זין, מיט אייניקע טעג שפּעטער, אויף אַ מיטינג אין אוקראַיִנישן דראַמ־טעאַטער האָט שאַפּאַוואַלאָוו פאַרגעלייענט די באַשטימונג וועגן ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין „סקאַלאַ״־בנין.

אין אַ קנאַפּע צוויי חדשים אַרום איז דער ערשטער ייִדישער מלוכה־טעאַטער אין טשערנאָוויץ געוואָרן דערעפנט מיט דער פּיעסע „צוויי הונדערט טויזנט״ פון שלום־עליכם. איך האָב זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם היסטאָרישן אַקט, אויס־פירנדיק די ראָלע פון שימעלע סאָראָקער. נאָך דער פאָרשטעלונג איז צו מיר אין גאַרדעראָב־שטיבל אַרײַנגעקומען דער מעטאָדיסט פון פאָלקסקונסט (נאַראָד־נאַיע טוואָרטשעסטוואָ) קאָוואַלענקאָ, מיך באַגריסן, און מיר אײַנגערוימט אַ סוד, אַז דעם פאַקט פון אַנטשטיין פונעם ייִדישן טעאַטער אין טשערנאָוויץ האָבן מיר צום גרויסן טייל צו פאַרדאַנקען דעם דיכטער האָפּשטיין, ווײַל נאָך דעם ווי אין דער צײַטונג האָט זיך באַוויזן די פון האָפּשטיינען פאַרטראַכטע ידיעה, אַז אין „סקאַלאַ״ וועט אויפטרעטן אַ רוסישע קאָמעדיע־טרופּע, האָט זיך תּיכּף געיאַוועט בײַם שטאַב אַ דעלעגאַציע פון דער „אוקראַיִנישער ראַדאַ״, בראש מיט ד״ר אָמעל־טשענקאָ, און געבעטן אָפּצושרײַען די גזרה, ווײַל אַ רוסיש טעאַטער וועט נישט זײַן באַקוועם פאַרן אוקראַיִנישן דראַמטעאַטער.

סוף מאַרץ 1947, צו אליעזר שטיינבאַרגס 15טער יאָרצײַט, וואָס די טשער־נאָוויצער ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אָפּגעמערקט מיט אַ גראַנדיעזער פּײַע־רונג אין ייִדישן מלוכה־טעאַטער א״נ פון שלום־עליכם, איז געקומען פון קיִעוו דוד האָפּשטיין. אין אָוונט, ווען דאָס טעאַטער איז שוין געווען איבערפולט, און אַלע אָנטייל־נעמערס זענען שוין געווען אויף דער בינע און בלויז געוואַרט אויף האָפּ־שטיינען, איז ער אַ פאַרסאָפּעטער אָנגעקומען, און דער פײַערלעכער געדענק־אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן.

אין אַנטראַקט האָב איך געפרעגט אויף דער סיבה פון זײַן נישט־פּינקטלעכ־קייט, האָט ער מיר דערציילט, אַז מיט צוויי טעג צוריק האָט ער געקויפט בײַ אַ ייִדן אַ זייגער, וועלכער איז צוויי טעג געגאַנגען און אויפן דריטן טאָג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. האָט ער אים צעשרויפט און בשום־אופן נישט געקאָנט צוריק צונויפשטעלן. דערווײַל האָט ער געהערט קלינגען דעם זייגער פונעם ראָטהויז און זיך געכאַפּט, אַז מ׳באַדאַרף גיין צום שטיינבאַרג־אָוונט. „אַזאַ איז האָפּשטיין,

נישט אומזיסט רופן מיך מײַנע קיִעווער חברים צעשטרײַטער פּראָפעסאָר" — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל.

אין אַ וואָך אַרום, אויפן געזעגענונג־קערמישל אין דער ווינונג פונעם שרײַבער הירש בלאָשטיין, האָט מיר האָפשטיין געזאָגט: „אָפיציעל געזעגנט איר מיך, נאָר נישט אָפיציעל פאַר איך נאָך נישט אַוועק פון טשערנאָוויץ, איך בלײַב דאָ איבער פסח און וואָלט זייער וועלן ביַיווינען אַ נישט אָפּגעליישטן סדר". דערויף האָב איך אים געזאָגט, אַז מײַן שווער מיט וועלכן מיר ווינען צוזאַמען, ריכט אָפּ דעם „סדר" כּדבעי, און האָב אים פאַרבעטן צו אונדז אויף יום־טוב.

געקומען איז ער צום סדר ווידער מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג, אין דער באַגלייטונג פונעם ייִדיש־סאָוועטישן זשורנאַליסט ליומקעס, אַן אויפגערוימטער, אַ יום־טובדיק געשטימטער. גריסנדיק מײַן שווער וואָס האָט שוין „געקיניגט אויפן הסב־בעט" מיט אָט די ווערטער: „אַ גוט־יום־טוב מאַיעסטעט, אַ גוט־יום־טוב זײַנע אונטערטעניקע! אָט אַזוי האָבן מײַנע זיידעס און מײַן טאַטע עליהם־השלום, דערציילט די נסים פון יציאת־מצרים", זיך אַנטשולדיקט פאַר דער פאַרשפּעטיקונג — „קוים זיך באַפרײַט פון אַ חמוצדיקער זיצונג. דערציילט, ר' מענדל, מיר וועלן הערן און אײַך מיטהעלפן".

אַזוי האָבן מיר געפּראַוועט דעם פּסחדיקן סדר פון יאָר 1947 מיט דעם גרויסן דיכטער דוד האָפשטיין.

מיט אַ שטיקל צײַט שפּעטער האָב איך האָפשטיינען נאָך אַ מאָל — צום לעצטן מאָל — געזען, שוין נישט קיין פריילעכן, נישט קיין יום־טובדיקן. דאָס חשכות אויף דער ייִדיש־סאָוועטישער גאַס האָט מען אַרויסגעלייענט פון זײַנע גרויסע, קלוגע אויגן.

די שאַרף פון דער סטאַליניסטישער, אַנטיסעמיטישער שווערד האָט שוין געשוועבט איבער זײַן תּלמיד־חכמדיקן קאָפּ.

„ישׂראל־שטימע", 11.12.1974

יאָסל לערנער —
דער זינגער פון דער „9טער גובערניע"
(צום 35סטן יאָרטאָג פון זײַן ליטעראַרישן שאַפן)

אויב זיך האַלטן בײַ „שוואַרץ אויף ווײַס", ציילן מיר הײַיאָר 35 יאָר יאָסל לערנערס ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אין 1929 איז אין די טשערנאָוויצער בלעטער צום ערשטן מאָל געווען אָפּגעדרוקט לערנערס אַ ליד. פאַקטיש אָבער איז זײַן סטאַזש אַ גרעסערער.

אָנגעהויבן האָט לערנער נישט מיט דעם ליד אין די טשערנאָוויצער בלעטער, נײַערט אַ סך פריִער, מיט זײַן „9טער גובערניע" אין זײַן היימשטאָט בריטשאַן.

בריטשאַן — אַ שטאָט מיט אַלע אַקסעסואַרן: כּלי־קודש און אַפּיקורסים, לומדים און עמי־האַרצים, סוחרים און אינטעליגענטן, נגידים און קבצנים (ווי געווײנטלעך, קבצנים מערער), עקספּלואַטאַטאָרס און עקספּלואַטירטע.

דער „כּרך" בריטשאַן איז לויט זײַנע קאַטעגאָריעס אײַנוווינערס געווען צעטיילן אין „2 גאַסן": פעלהענדלערס, אייער־סוחרים, מאַנופאַקטורשטשיקעס, דאָקטוירים און טשינאָווניקעס האָבן רעזידירט אויף דער הויפּטגאַס, בעת די אָרעמקייט, אַרבעטערס, בעלי־מלאָכות און גלאַט קבצנים האָבן באַוווינט די הינטערגאַס, באַקאַנט אונטערן צונאָמען „די נײַנטע גובערניע". פון אָט דער „גובערניע" איז מער ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס'האָט זיך אַרויסגעשיילט די פּראָגרעסיווע אַרבעטערשאַפט פון שטעטל, און בײַ וואָס פאַר אַ נישט געלעגנהייט, צי איז עס געווען אַ שטרײַקל, צי בײַ וואַלן אין איינער פון די שטעטלשע אינסטיטוציעס, פלעגן זיי אַרויס מיט זייער לעגיטימאַציע־לאָזונג: „מיר, פון דער 9טער גובערניע".

אין אָט דער „נײַנטער גובערניע" פון בריטשאַן איז יאָסל לערנער נתגלה געוואָרן.

יאָסל לערנער, הגם איינער פון די ווערדיקסטע פאַרשטייערס פון דער דעמאָקראַטיקער פּראָגרעסיווער שרײַבער־גרופּע „יונג־רומעניע", האָט זיך נישט געיאָגט

נאָך קיין מעצענאַטן, אַזוי גערופענע סאַלאָן־ייִדישיסטן, נישט פּאַרוואָרפן די רעדאַקציעס מיט „שירים", געייִערט מיט זײַן ליבער „9טער גובערניע" האָט ער געזונגען זײַן ליד. זי איז געווען זײַן פאַרלאַג, דער קאָלפּאָרטער און, דער עיקר, דער מיטבאַשאַפער. אין זײַנע ערשטע לידער הערן מיר לערנערן דעם צאַרטן לידיקער אויף דער דינסטער סטרונע:

איבער פעלד און וועלדער
בלאָנדזשעט אום אַ לידל,
וויינט אין דעם אַ מיידל,
כליפּעט ווי אַ פידל.
(פון בוך דאָס געזאַנג פון דער הינטער־גאַס, ז' 26).

לערנער צעזינגט זיך אין דער פּאַרכאַפּטער פון די רומענישע באַיאַרן בעסאַ־ראַביע. די רעאַקציע בושעוועט. לערנער דערפילט די סאָציאַלע אונטערדריקונג, דחקות, נויט און הונגער. ער דערהערט דאָס בת־קול פון דער הינטערגאַס, אַז ס'איז נישט מער די צײַט זיך צו פילן ווי דאָס פייגעלע, וואָס זיצט אויפן שפּיץ בוים און זינגט שירה. לערנער דערפילט, אַז דאָס ליד, וואָס גיט בלויז טרייסט, איז ווייניק. די אָרעמקייט פון דער הינטערגאַס וויל דערציילן. זי וויל מען זאָל זי דערהערן. זי נייטיקט זיך אין אויפמונטערונג. און אַנדערש הייבט אָן קלינגען לערנערס ליד:

מיר האָבן הענט געזונטע, אײַזערנע, ווי פּרענטעס,
איז קיין אַרבעט פאַר זיי ניט צום קריגן,
פאַרמאָגן מיר פּלייצעס ווי דעמבענע ברייטע קאַטיגעס,
איז קיין משא ניטאָ אויף צו טראָגן.
שפּאַנט אויס די פערד פון אַלע משא־פולע וואָגנס
און לאָזט אונדז זיך אײַנשפּאַנען אין זיי און שלעפּן;
ס'שרעקט אונדז נישט מער קיין קללות און קיין קלעפּ...
(דאָרט, ז' 23)

בעת דער גרויסער פּאָלקסציילונג אין רומעניע איז באַשערט געווען לערנערן זיך צו באַגעגענען מיט דער הינטערגאַס פּנים־אל־פּנים.

צום איבערשרײַבן די באַפעלקערונג האָט מען מאָביליזירט אַ גרויסן טייל פון דער יונגער אינטעליגענץ, בתוכם יאָסל לערנערן. אַזוי ווי די נגידישע זינדלעך

האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויס חשק צו קריכן איבער די קעלער־ און בוידעם־שטיבער פון דער הינטערגאַס, האָט מען אָנפּאַרטרויט די מיסיע דעם „זשאַרגאָנישן" דיכטער יאָסל לערנער, וואָס איז, ווי „באַוווּסט", אַ גאַנצער פּאַן־בראַט מיט דער חברה פון דער „9טער גוּבערניע".

אַזוי אַרום איז יאָסל לערנער געוואָרן אַן אַרײַנגייער אין דער הינטערגאַס מיט אַלע אירע סובבאַצירקן — די הינטערגעסלעך. און דאָס האָט געלייגט דעם חותם אויף זײַן פּאָעטישן שאַפן און בכלל אויף זײַן קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

ער האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין דער „9טער גוּבערניע" אויף אַ ווײַלע און זיך דאָ גלײַך באַהאַפטן אויף שטענדיק. דאָ האָט לערנער אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם פאָלקלאָר פון דער הינטערגאַס. מיט דער צײַט אײַנגעזאַמלט אַריבער 100 פאָלקס־מעשׂיות און אַ שלל מיט פאָלקסלידער. דאָ האָט ער, ווײַזט אויס, גענומען דעם זאָמען פאַר זײַנע שפּעטער געבוירענע, אייביק שיינע בעלעמער מעשׂיות און לידער.

דער שוין פריִער אַנטשטאַנענער דראַמקרײַז, מיט וועלכן לערנער האָט געמאַכט זײַנע ערשטע טעאַטער־עקספּערימענטן, שטעלנדיק מיט גרויס דערפאָלג שלום־עליכמס „דאָס גרויסע געווינס" און נאָמבערגס „משפחה", אָט דער דראַמ־קרײַז ווערט אויסגעברייטערט מיט נײַע יונגע קרעפטן: ער באַקומט דעם נאָמען „יונגוואַלד". מ׳זעצט זיך אַוועק מיט התמדה קנעלן הלכות טעאַטער: דיקציע, זשעסט, אינטאָנאַציע, גרים אאַז"וו. ביז ס׳ווערט צײַטיק לערנערס ערשטע קליינ־קונסט־פּראָגראַם: „דאָס געזאַנג פון דער הינטערגאַס", ווו די „9טע גוּבערניע" באַקומט איר תּיקון.

מיר הערן דאָ דעם פאַרצווייפלטן קרעכץ פון דער אָרעמקייט („די געזאַנגען פון הונגער"), מיר הערן דעם ריטעם פון די ניימאַשינען („סימפאָניע פון די ניימאַשי־נען)". עס דעפּילירט פאַר אונדז פאַרבײַ דער גאַנצער פּערסאָנאַזש פון דער הינטער־גאַס. מיר זעען דעם שוסטער פלעקלען בײַם שײַן פון קאַניצל. מיר באַגעגענען דאָ דעם אין שטאָט באַליבטן וואַסער־טרעגער „פּאַפּאַ יעסט, מאַמאַ יעסט", דעם קאַטערינשטשיק מיט זײַן שאַרמאַנקע; דעם לעבעדיקן אַפּיש — דעם שטאָט־שרײַער (במקום קאָנפעראַנסיע) און אַלעמען צוזאַמען אין האַפערדיקן טאַנץ פון דער הינטערגאַס.

דאָ דערשײַנט פאַר אונדז נישט בלויז דער צאַרט־לירישער פּאָעט יאָסל לער־נער, נאָר אויך יאָסל לערנער דער טעאַטראַל. דער סינטעז איז געקומען פון זיך, ווײַל לערנער האָט אין זיך אײַנגעבוירענע טעאַטראַלע פעיִקייטן. זײַנע ספּעק־טאַקלען, זײַנע אינסצענירונגען האָבן באַשטעטיקט די השערה, אַז לערנער וואָלט,

אָן צווייפל, געוואָרן אַן ערשטראַנגיקער אַקטיאָר, ווען ער זאָל זיך געווען לאָזן אויף אָט דעם וועג.

זײַנע ווײַטערדיקע פּראָגראַמען זענען געוואָרן גאָר גיך פּאָפּולער ניט בלויז אין זײַן היימשטאָט בריטשאַן, נײַערט אין די אַרומיקע שטעטלעך, וווהין מ׳פלעגט אים פאַרבעטן אויף גאַסטראָלעס מיט זײַן „9טער גובערניע".

אָט אַזוי האָט די טעאַטער־סצענע פאַרביטן לערנערן דעם זאַצקאַסטן און די ראָטאַציע־מאַשין. נאָר די רויטע פּען פון פּאָליציי־צענזאָר האָט ער נישט געקאָנט אויסמײַדן, און ניט איין סצענקע איז מצד דער צענזור פאַרבאָטן געוואָרן.

אויף דער בינע פון דער „9טער גובערניע" האָט זיך י. לערנער שוין באַוויזן אַן אויסגעפּורעמטער, אויסגעלײַטערטער, אינעם טראָט פון דער צײַט. זײַנע העלדן האָבן איצט געזונגען:

„נויט און צרות בלײַען,
טויט און הונגער וואַקסן;
דאַרף מען איבערשמידן
שטאָל אויף נײַע אַקסן".

און אין ספּעקטאַקל בײַם בראָוער (אַ באַצירק פון דער הינטערגאַס) קומט לערנער מיט אָנזאָג, דאָ זינגט דער קאָטערינשטשיק:

איך קום פון ווײַטע וועגן —
אַ שליח פון משיחן —
דערציילן דאָ אַיעדן,
אַז ער קומט אין גיכן.

טאָ הערט מיך אויס זשע,
הערט זשע
וואָס איך וועל אײַך דערציילן,
דעם עושר וועט ער שטראָפן,
דעם קבצן וועט ער היילן.

מיט פּויקן און מיט טאַצן
גייט אים אַלע זוכן,
און זײַט מקבל־פּנים
ווי עס פּאַסט משיחן.
— — — — — —

דעם 28סטן יוני 1940, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרײַט בעסאַראַביע, האָט יאָסל לערנער מיט זײַן „9טער גובערניע" זי באַגעגנט מיט פּויקן און מיט טאַצן.

בעת דער וועלט־שחיטה האָבן היטלערס רומענישע משרתים, די פֿאַשיסטישע אַנטאָנעסקו־באַנדעס, פֿאַרטריבן אין לאַגער „טראַנסניסטראָ" די „9טע גובערניע", און מיט איר, איר זינגער — יאָסל לערנער.

אויך דאָ, אונטער די אוממענטשלעכסטע אָקופּאַנטישע באַדינגונגען, האָט יאָסל לערנער אין איינעם מיט זײַן „9טער גובערניע" ווײַטער געזונגען זײַן ליד. אײַנגעאָרדנט ליטעראַרישע פֿאַרלעזונגען, אינסצענירט זײַנע פּערלדיקע כעלעמער לידער און זײַנע ערשטע לידער פֿון געטאָ־לעבן.

הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע, ווי סקעלעטן, זענען געקומען די אַסירים צו די לערנער־אימפּראָווזעס, זיך געטרייסט און געשעפּט אויפֿמונטערונג.

הײַנט, ווען די „9טע גובערניע" איז שוין ניט מער די „9טע גובערניע" פֿון אַ מאָל, איז יאָסל לערנער נאָך אַלץ מיט איר. געווען איר זינגער אַ מאָל, און איז איר באַזינגער הײַנט.

„נײַע פּרעסע", 1964.4.25



פֿון רעכטס אויף לינקס: אפרים רויטמאַן, אליעזר פּאָדריאַטשיק, משולם סורקיס, משה אַלטמאַן און יאָסל לערנער (טשערנאָוויץ 1968)

חיים קראַפט

(צו זײַן 10טער יאָרצײַט)

דער בראשית פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער אַ מאָל עסטרײַ־כישער, שפּעטער רומענישער און הײַנט סאָוועטישער בוקאָווינע הייבט זיך אָן מיט זלמן דאַוויד, בערל לאָקער און חיים קראַפט. אָט די טרויקע האָט אין 1904, אין דער בוקאָווינער שטאָט סערעט, פאַרפלאַנצט די ערשטע ציוניסטישע קווייטן וואָס האָבן זיך בהדרגהדיק צעבליט אין ווײַס־בלוי־רויטע רויזן. פון זייער מיטל־שול־שילער־פאַראיין „פּרחי ציון" איז אויסגעוואַקסן די בוקאָווינער פּאַרטיי פּועלי־ציון.

אויף דעם אומלעגאַלן צוזאַמענפּלי פון יידישע גימנאַזיסטן־אָרגאַניזאַציעס זומער 1905 אין שטעטל טשעדי (טשודין), האָבן זיך מיט דער טרויקע באַהאָפטן די גימנאַזיסטן מאיר טײַך, חיים לעקער, שאול סאָקאָל, מאיר ראָזנער און לעאָ שעפּלער. אָט דער קנאַפּער מנין גימנאַזיסטן און נאָר וואָס געוואָרענע אַקאַדעמי־קערס, צוזאַמען מיט ש. ל. שטיינמעץ פון מאַרמאַראָש און דעם טשערנאָוויצער טאַפּעצירער־געזעלן מ. גרינבערג, זענען געווען די אייגנטלעכע אַפּאָסטאָלן פון פּועלי־ציוניזם און יידיש־וועלטלעכער קולטור אין בוקאָווינע.

נישט לײַכט איז געווען צו געפינען דעם שליסל צו דער יידישער אַרבעטער־גאַס, צו וועלכער די גרופּע האָט זיך געווענדט. קיין אינדוסטריע האָט דאָס קליינע לענדל בוקאָווינע דעמאָלט נאָך נישט געהאַט. די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסע איז באַשטאַנען פון קליינבירגערלעכע בעל־מלאָכות און האַנדלס־אָנגעשטעלטע, וואָס אַ קליינער טייל פון זיי איז געווען געווערקשאַפטלעך אָרגאַניזירט, און ביידע קאַטעגאָריעס האָבן געבילדעט דעם אַ"ג שטייקראַגן־פּראָלעטאַריאַט. מיט אָט די עלעמענטן צו לערנען ציוניזם און סאָציאַליזם, פאָרמולירן דעם סינטעז פון די צוויי וועלט־באַנעמונגען ווי איין גאַנצע, וואָס הייסט פּועלי־ציוניזם, האָט זיך געפאָדערט: אידעאַליזם, וויסן, דרײַסטקייט און קאַמפּסווילן. און געקעמפט האָבן זיי — ווי פּועלי־ציון אויף דער גאַנצער וועלט — אויף צוויי פראָנטן: מיטן בירגערלעכן ציוניזם, וואָס האָט נישט אָנערקענט דעם קלאַסנקאַמף, און מיטן

„בונד", וואָס האָט זיך געזעגנט ווי דער „איינציקער פאַרשטייער" אויף דער ייִדישער גאַס.

באַגלייַך מיט דער פאַרטיי־אַרבעט איז די יונגע פּוע"צ־גרופּע אַקטיוו אין דער ייִדישער קולטור־בויונג און פאַרמעסט זיך אין שאַרפן געראַנגל מיט די „דאָקטוירים" וואָס פּריידיקן „ציוניזמוס" אויף דייַטש. באַזונדערס רירעוודיק און נוצלעך באַווייַזן זיי זיך אין 1908, ערב די צוגרייטונגען צו דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, און באַטייליקן זיך אַקטיוו ווי געסט פון דעם היסטאָרישן אַקט.

צו יענער צייַט ווערט בערל לאָקער אַרויסגערופן דורכן עסטרייַכישן פאַרטיי־צענטער, און די אָנפירונג פון דער בוקאָווינער פאַרטיי ווערט איבערגעגעבן די חברים קראַפט און ראָזנער.

דער געוועזענער מתמיד פון דער סערעטער גימנאַזיע חיים קראַפט אַנטפּלעקט זיך ווי אַ טעאָרעטיקער, לעקטאָר, אָרגאַניזאַטאָר און קעמפער. ער שטייַגט פון שטאַפּל צו שטאַפּל און ווערט אַ פירער פון דער באַוועגונג.

בעת זייַנע פילאָלאָגישע שטודיעס אויפן ווינער אוניווערסיטעט האָט אים אָפּגעגליקט זיך פערזענלעך צו באַקענען מיט בער באָראָכאָוו און פון צייַט צו צייַט מיט אים זיך צו טרעפן; ווען קראַפט קומט צוריק קיין טשערנאָוויץ, נעמט ער אַן אַקטיוון אָנטייל בייַם רעגולירן דעם רייַפקייטס־פּראָצעס פונעם פּועלי־ציוניזם.

בייַם אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט קראַפט מאָביליזירט און קומט ערשט אַהיים קיין טשערנאָוויץ אין 1920. ס'איז שוין נאָך דער ווינער שפּאַלטונגס־קאָנפערענץ, ווען פּועלי־ציון האָט זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן. קראַפט באַלאַנגט צו די לינקע פּועלי־ציון.

היפּשלעך הייס איז דעמאָלט געווען אין טשערנאָוויצער פאַרטיי־לאָקאַל אויף שטעפאַני־גאַס נר' 15. די ווענט זענען געווען אָנגעגליט פון די הייסע טעמפּעראַמענטפולע וויכּוחים צווישן רעכטס און לינקס, שטורעמדיק זענען געווען די צוגרייטונגען צו דער לאַנד־קאָנפערענץ, וועלכע האָט סוף־כּל־סוף פונאַנדערגעטיילט ברודער פון ברודער.

הייַנט, אויף אַ דיסטאַנץ פון אַריבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, קלינגט נאָך אין מייַנע אויערן דאָס הייסע ווערטער־געפעכט, דאָס אַוועקשטעלן טעזע קעגן טעזע. ערלעך און הייליק האָבן געקעמפט מאיר ראָזנער און חיים קראַפט קעגן זייערע ברידער פייַוול שטערנבערג און שאול סאָקאָל, הייליק, ווי דאָס געראַנגל פון ביאַלער רבין און בריסקער רב אין פרצעס „צווישן צוויי בערג". קראַפט האָט אין דעם ברודערקאַמף אַרויסגעוויזן זייַן דינאַמישן כאַראַקטער, אויפריכטיקייט און גלייַכצייַטיק זייַן אייַנגעבוירענעם טאַקט.

אַ שווערע עבודה האָט אויך זיך קראַפּט גענומען נאָך דער אַזוי פּריצײַטיקער פּטירה פון מאיר ראָזנער, ווען ס'איז אים געוואָרן איבערגעענטפערט די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי.

נאָך זײַענדיק מיד און דערשלאָגן פון דער שפּאַלטונג, האָט ער פון דאָס נײַ געמוזט אָנגורטן זײַנע לענדן אין קאַמף מיט די ליקווידאַטאָרישע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי. יעדן אָפּנייג אין דער באַוועגונג האָט ער מיט אַלע זײַנע כּוחות באַקעמפט. צילבאַוווסט, באַוואָפנט מיט מאָראַלישן כּוח, האָט ער עלאַסטיש אָבער אימפּעטפול געקעמפט קעגן די רענעגאַטן (אַזוי האָט ער אָנגעגריפן די חברים וועלכע האָבן אויסגעביטן דאָס רענדל און קאָקעטירט מיט דער יעווסעקציע), האַלטנדיק שטאַלץ די פאָן פון באָראָכאָוויסטישן פּועלי־ציוניזם. ער האָט אויך די פאָן נישט אַרויסגעלאָזט פון זײַנע הענט אין קאַמף מיט אַנדערע שטרעמונגען, ווי „בונד" און יעווסעקציע, מיט וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען בײַ בשותּפותדיקער קולטור־אַרבעט אין דער צווישן־פּאַרטיייִשער פעדעראַציע פון וועלכער ער איז געווען אייניקע יאָרן דער סעקרעטאַר. אומעטום און שטענדיק האָט ער אויך זײַן פאַסטן מאַניפעסטירט זײַנע אייגנשאַפטן פון טרײַהייט און איבערגעגעבנקייט צו זײַן פּאַרטיי.

דער תּמיד ציכטיק פאַרפּוצטער פּעדאַנט קראַפּט איז נישט געווען קיין קאַבי־נעט־מענטש. פּונקט אַזוי ווי בײַ זײַן פּאַרטיי־אַרבעט, האָט ער אויך ווי דער סעקרעטאַר פון דער קולטור־פעדעראַציע זיך נישט באַנוגנט מיט בלויז אָנשרײַבן דעם לייט־אַרטיקל אָדער אַ צירקולאַר. זייער אָפט פלעגט ער אַרויספאָרן איבער שטעט און שטעטלעך, באַגעגענען זיך פּנים־אל־פּנים מיט עמך, זיך צוהערן צו זייערע פריידן און לײַדן. ער איז געווען אַ זעלטן פײַנער צוהערער און אַ האַרציקער מיטשמועסער.

נישט צופעליק איז קראַפּט געוואָרן דער טעאָרעטיקער פון דער קולטור־פעדעראַציע און איר לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר. דעם עפּיטעט „דער וועטעראַן פון ייִדיש" האָט אים ד"ר שלמה ביקל וווּנדערלעך צוגעטראַכט. שוין פון זײַן יינגסטער יוגנט איז קראַפּט געווען פאַרליבט אין ייִדיש. נאָך אַלס סטודענט פלעגט ער אין זײַן גימנאַזיסטן־פאַראיין „פּרחי ציון", דער אייגנטלעכער פּרוזדור פונעם בוקאָווינער אַרבעטער־ציוניזם, אָרגאַניזירן ליטעראַרישע אימפּרעזעס און אַליין פאָרלייענען.

עס געדענקט זיך אַ באַגעגעניש מיט בערל לאָקער, ווען ער איז אין 1937 געקומען קיין טשערנאָוויץ אין קרן־היסוד־ענינים. זענען מיר געזעסן בײַ ד"ר גבריאל ראָזנרויך און אויפגעפרישט חטאת־נעורים־זכרונות. צוו"אַ האָט לאָקער

געזאָגט: „ווען קראַפּט פלעגט פּאַרלייענען די פּאָעמע „אַ ליבע" פון י. ל. פּרץ, פלעגן נישט נאָר די מיידלעך זיך אין אים פאַרליבן, נאָר מיר אַלע האָבן זיך גע־גרויסט מיט אים, און ווען ער האָט אין 1913 פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער אַרבעטער אַן אַרטיקל וועגן דער יידישער ליטעראַטור, האָב איך אים געשיקט אַ באַגריסונג־בריוו און אים דערמאָנט זײַן דעקלאַמאַציע פון פּרצעס „אַ ליבע" אין סערעט.

אָט אַזוי שלענגלט זיך חיים קראַפּטס גאָלדענער קולטור־פאָדעם פון גימנאַ־זיסטן־פאַראיין „פּרחי־ציון" איבער דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, די טרעפונגען מיט בער באָראָכאָוו, „יידישער שולפאַראיין", די פרײַהייט, וועמענס רעדאַקטאָר ער איז געווען, ביז צו דער קולטור־פעדעראַציע, וועלכע ס'האָבן געגרינדעט אליעזר שטיינבאַרג, משה אַלטמאַן, יעקב שטערנבערג, מאיר ראָזנער, ישׂראל שעפלער און חיים קראַפּט.

עס בעט זיך אויך צו דערמאָנען נאָך אַן עפּיזאָד. דעם 24סטן דעצעמבער 1937, דעם צווייטן טאָג פון דעם קולטורפראָנט־צוזאַמענפאָר אין בוקאַרעשט (בעתן לאַנדבאַנקעט פאַרן דיכטער יעקב שטערנבערג) איז אַרײַן אַ פּאַרסאָפּעטער דער יידיש־העברעיִשער דיכטער חיים ראַבינזאָן (איצט אין ישׂראל) מיט אַן עקסטראַ־אויסגאַבע, וועלכע האָט מודיע געווען, אַז די אַנטיסעמיטישע פּירערס קוזאַ און גאָגאַ זענען געוואָרן באַטרויט צו שאַפן די רעגירונג. צווישן די דעלעגאַטן איז אַנטשטאַנען אַ פאַרשטענדלעכע פּאַניק. דער פאָרזיצער ה. געלעשענסקי האָט מקצר געווען זײַן שלוסוואָרט און עולם דעלעגאַטן האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען. חיים קראַפּטן, וועלכער האָט געהאַט אַ וואָגיקע השפּעה אויפן צוזאַמענפאָר, האָט יעדער איינער געוואָלט זאָגן אַ „זײַ־געזונט" און אויך הערן זײַן מיינונג וועגן דער געשאַפענער סיטואַציע. האָט מען טאָקע על רגל־אחת, מיט די רענצלעך אין די הענט, געכאַפּט אַ שמועס, צוו"אַ האָט אַ דעלעגאַט זיך אויסגעדריקט: „מע דאַרף אַנטלויפן פון רומעניע, נישט וואַרטן ביז קוזאַ וועט אונדז טרײַבן, מ'דאַרף זיך צוזאַמענגעמען און פאָרן קיין אַלאַסקאַ". דאָ האָט אים קראַפּט איבערגעשלאָגן און געזאָגט: „איך גלייב נישט אַז אַלאַסקאַ אָדער אַ וועלכער אַנדער אינדזל וועט אונדז באַשיצן פונעם אַנטיסעמיטיזם. אַ טעריטאָריאַלע לייזונג פאַר דער יידי־שער פראַגע קען נאָר קומען דורך דער שאַפונג פון אַ דעמאָקראַטישער יידישער היים אין פּאַלעסטינע, אַזוי לערנט אונדז דער פּועלי־ציוניזם, און אין דער ריכטונג דאַרפן מיר קעמפן".

דעם קאַמף פאַר דער דאָזיקער אידעע האָט קראַפּט ווידער באַנײַט אין 1945־1946, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע פונעם סאָוועטישן

הינטערלאַנד, פון מיטל־אַזיע, קיין טשערנאָוויץ, און דאַן זיך רעפּאַטריִירט קיין רומעניע.

אין אַ מאַרץ־טאָג 1945 זענען מיר געשטאַנען אויפן ראָג פון דער טשערנאָ־וויצער גטעט־גאַס זאַלבע דריט: חיים קראַפט, שמריהו שמידט און דער שרײַבער פון די שורות, און דיסקוטירט האָבן מיר וועגן די פּאַרלאַמענט־וואַלן אין ענגלאַנד. איבערגייענדיק אויף דער טאָגטעמע „יאָ פאָרן צי נישט פאָרן", האָט קראַפט דער־ציילט, אַז ער האָט זיך פאַרשריבן צו פאָרן, און דערבײַ זיך אויסגעדריקט: „1940, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעקומען אין קלאַס אַלס לערער פון דער סאָוועטישער ייִדישער מלוכה־שול, האָב איך שטיל־שווײַגנדיק געמאַכט אַ שהחינו. עטוואָס שפּעטער, ווען איך בין געוווּיר געוואָרן, אַז איבער דער גאַנצער אוקראַיִנע זענען במשך 1937 ביז 1939 אַלע ייִדישע שולן און טעכניקומס געוואָרן ליקווי־דירט, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז מײַן שהחינו איז געווען אַ ברכה־לבטלה".

נישט קוקנדיק דערויף וואָס בעת די פיר יאָר עוואַקואַציע האָט קראַפט פיזיש געדאַרבט און געזעלשאַפטלעך וועגעטירט, האָט ער אַ האָפערדיקער ווײַטער גע־וואַנדערט. ווי נאָר ער איז אַריבער די גרענעץ קיין רומעניע האָט ער זיך מיט יוגנטלעכן ברען און התלהבות אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. עס האָבן זיך אומגע־קערט ייִדן פון טראַנסניסטריע, פון עוואַקואַציע, צווישן זיי חברים פון פּועלי־ציון און סתּם ייִדן וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו קראַפטס רוף. ער האָט צונויפ־געזאַמלט די שארית־הפליטה. ס'איז געוואָרן אויפגעשטעלט די פּאַרטיי „אחדות העבודה ־ פּועלי־ציון לינקע", וואָס איז זיך גיך צעוואַקסן צו אַ באַוועגונג פון טויזנטער מיטגלידער, וועמענס פּאַקטישער אידעאָלאָג איז געוואָרן קראַפט. אין קאָאָרדינאַציע מיט אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען האָט די פּאַרטיי „אחדות העבודה ־ פּועלי־ציון" פאַרשטאַרקט די גרויסע עליה דורך ציפערן, און קראַפט האָט דאָ געשפּילט די דאָמינירנדיקע ראָלע.

איינער פון קראַפטס נאָענטסטע מיטאַרבעטערס פון יענער צײַט, דער אינ־זשעניר יצחק שמידט, דערציילט ווי אַזוי דער „ייִדישער דעמאָקראַטישער קאָמי־טעט", וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער עליה, האָט געשטרעבט אַז וואָס מער לינקע עלעמענטן זאָלן עולה זײַן, און ווען די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, האָט זיך קראַפט אַרויסגעזאָגט קעגן זיי. זײַן דעוויז איז געווען: וואָס מערער ייִדן זאָלן עולה זײַן.

אומדערשראָקן און אומקאָמפּראָמיסלעך האָט חיים קראַפט געקעמפט אין די רייען פונעם אַרבעטער־ציוניזם, ביז דעם 23סטן אויגוסט 1948, ווען דער אַנט־שטאַנענער קאָמוניסטישער רעזשים אין רומעניע האָט געשטעלט די ציוניסטישע

באַוועגונג אויסער דעם געזעץ און דעם גרעסטן טייל פון ציוניסטישע טוערס אַרעסטירט.

קראַפטן האָט אַ שווערע אויגן־קראַנקייט אָפּגעראַטעוועט פון דער קאָמוניס־טישער תּפיסה. 1957 איז דער כּסדר ווײַט־זעענדיקער און איצט אויף דער ראיה געשלאָגענער חיים קראַפּט עולה געווען קיין ישׂראל און זוכה געווען נאָך זיבן יאָר צו פילן דעם אַראָמאַט און אײַנאָטעמען די לופט פון דער ייִדישער מדינה, פאַר וועלכער ער האָט אַ לעבן לאַנג געקעמפט.

צו זײַן צענטער יאָרצײַט דערמאָנען מיר מיט ליבשאַפט און אָפּשײַ דעם טײַערן חבר, דעם נאָבעלן פאָנען־טרעגער פון אַרבעטער־ציוניזם חיים קראַפּט.

„פאָלקסבלאַט“, נומ׳ 6־7, 1974

ד״ר מאיר ראָזנער

9 זענען זיי געווען: זלמן דאַוויד, יודל האַלינגער, בערל לאַקער, חיים לעקער, ישׂראל פורמאַן, חיים קראַפט, יוסף קיסמאַן, גבריאל ראָזנרויך און מאיר ראָזנער. אָט אָ די גרופּע קען מען אָנרופן: דער פאָרפּאָסטן פון ייִדישן סאָציאַליזם, אָדער ריכטיקער — פון אַרבעטער־ציוניזם אין בוקאָווינע.

זייער טעטיקייט הייבט זיך אָן אַרום 1906 ־ 1908, ווען זיי, נאָך ווי שילערס פון די גימנאַזיעס אין טשערנאָוויץ און אין סערעט, זענען אַרײַן אין די ערשטע רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע אונטערערד־קרײַזלעך וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך די אַנטלאָפענע פון די צאַרישע רדיפות קיין עסטרײַך: איציק אהרן ראַכמאַן און שפּעטער אויך דער פּוע״צ־טוער לעאָן חזנאָוויטש (כּתריאל). פאַר אָט דער גרופּע, וואָס האָט זיך געפילט ענג אין די קרײַזן פון דער דעמאָל־טיקער שטײַף געקראַכמאַלעטער עסטרײַכישער מיטלשול־ און סטודענטן־יוגנט זענען אָט די ערשטע שוואַלבן, רוסישע אימיגראַנטן, געווען שליחים פון גע־טרוימטע נײַע וועלטן.

אָבער שוין אין די אונטערערדישע קעמערלעך האָבן געקעמפט צווישן זיך פאַרשיידענע וועלט־אָנשויונגען, וועלכע האָבן בהדרגהדיק זיך אויסקריסטאַליזירט און פונאַנדערגעטיילט.

קיסמאַן איז געוואָרן אַ דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַט פון „משהס גלויבן״ און זיך מיט דער צײַט געייִדישט אויף אַ בונדיסט; ישׂראל פורמאַן איז געבליבן אַ ייִדישער סאָציאַליסט אָן שום פּאַרטיי־עמבלעם. פאַר זײַן „אני־מאמין״ זיך אויסגעקליבן די אוצרות־פאָרשונג פון ייִדישן פאָלקלאָר. האַלינגער האָט זיך געווידמעט דער מעדיצין. די איבעריקע צוויי דריטל פון דער חברותא, בתוכם מאיר ראָזנער, האָבן זיך באַהאָפטן מיטן פּועלי־ציוניזם.

אויף מאיר ראָזנערן איז אויסגעפאַלן די היסטאָרישע מיסיע אויפצושטעלן די פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע אין דער בוקאָווינע און ווערן איינער פון אירע פירערס. דאָס שענסטע קאַפּיטל אין דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אַרבע־טער־באַוועגונג אין דער בוקאָווינע איז אָן ספק פאַרבונדן מיט זײַן נאָמען.

אמת, ער איז נישט געווען דער איינציקער פירנדיקער כּוח. מיט אים איז געווען אַ גאַנצע גרופּע יונגע פּוע״צ־טוערס, צווישן זיי דער טעאָרעטיקער און אָרגאַניזאַטאָר חיים קראַפט, דער יינגסטער אין דער גרופּע לעאָן שעפּלער, דער פון דער מאַרמאַראָשער ישיבה דעזערטירטער און אין טשערנאָוויץ עמאַנציפּירטער ש. ל. שטיינמעץ און אַנדערע. אָבער מאיר ראַזנער, אַ דאַנק זיין איינגעבוירענעם אינטעלעקט, זיין טיפער באַהאַוונטקייט, אייזערנעם ווילן און געזונטער לאָגיק האָט זיך פון זיי אַלע אויסגעטיילט.

זייענדיק נאָך גאָר יונג האָט ער אַנגעהויבן אַרויסווייזן זיין כאַראַקטעריסטישע נייגונג: צו זיין לערער, מדריך, פירער, צו האָבן אַרום זיך תּלמידים, אַ פּאַרטיי, אַ באַוועגונג. דער קוים 20־יאָריקער מאיר ראַזנער האָט מיט אַ מאָל פאַרנומען אַן אַנגעזעענעם אָרט צווישן גרויסע, עלטערע; ער איז געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור, צו וועמענס מיינונג ס'האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט זיינע אידעיִשע חברים און אויך זיינע פּאָליטישע קעגנערס. אַ בולטע באַשטעטיקונג פאַר דעם איז זיין סעריע אַרטיקלען „מיר און די סאָציאַלע רעוואָלוציע״, פאַרעפנטלעכט אין דעם פון אים רעדאַקטירטן פּאַרטיי־אָרגאַן די פרייהייט (טשערנאָוויץ 1921), וואָס האָבן אַרויסגערופן אַנזען ביי אַלעמען.

דער פּועלי־ציוניזם איז פאַר ראַזנערן געווען אַ רעליגיע, און נישט־גלייביקע זענען פאַר אים געווען בלינדע, וועמען מ'דאַרף עפענען די אויגן. אָבער ווי דער פאַנען־טרעגער פון מאַרקסיסטישן ציוניזם אין דער בוקאָווינע האָט ער אויך געשאַפן אַ בריק פאַר געמיינשאַפטלעכער צוזאַמענאַרבעט אויפן געביט פון יידישער קולטור, מיט אַלע די, וואָס יידישע קולטור איז זיי טייער.

יוני 1918, קנאַפּ פאַרן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך דער עסטרייכישער מפּלה ביים טרויעריק באַרימטן טייך פּיאַווע, האָב איך, פאָרנדיק פון דעם איטאַליענישן פראָנט אויף אַ קורצן אורלויב קיין ווין, געוואַרט אין וואָקזאַל פון דעם נידער־עסטרייכישן שטעטל סאַנקט־פּעלטן אויף דעם ווינער צוג. דאָרטן איז אויך געזעסן אַן אָבערלייטענאַנט, וואָס האָט געוואַרט אויף אַנשלוס קיין אינסברוק. זיצנדיק אַזוי האָט דער אָפיציר אַרויסגענומען פון זיין פּאָרטפעל אַ דייטשישע צייטונג, פון וועלכער ס'האָט זיך אַרויסגעגליטשט אַ טייל פון אַ יידישן בלאַט. דער דאָזיקער פאַר מיר אויסטערלישער צופאַל האָט דערפירט צו אַ באַקאַנטשאַפט מיט דעם אָפיציר, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דער יידישער דיכטער און שוישפּילער יעקב מעסטל, און דאָס שטיקל יידישע צייטונג איז געווען אַ טייל פון דער יידישער אַרבייטער. פון אים בין איך אויך

געוויר געוואָרן, אַז די דאָזיקע צײַטונג איז דער אָרגאַן פון פּועלי־ציון, דרוקט זיך אין ווין, און איינער פון די רעדאַקטאָרן אירע איז „אײַערער אַ לאַנדסמאַן, ד״ר מאיר ראָזנער פון טשערנאָוויץ. אויב איר וועט אים זען, גיט אים, איך בעט אײַך, איבער אַ גרוס פון מעסטלען״...

צו מאָרגנס נאָך מײַן אָנקומען קיין ווין איז מײַן ערשטער וועג געווען אין דער ייִדישער „האָכשילער־לעזעהאַלע״. דאָרט האָב איך תּמיד געטראָפן באַקאַנטע פון אונדזערע קאַנטן און דאָ טאַקע האָב איך זיך באַגעגנט און באַקענט מיט ד״ר מאיר ראָזנער.

הײַנט, נאָך 55 יאָר, שטייט נאָך דאָס בילד פאַר מײַנע אויגן ווי לעבעדיק: אַ לאַנגער געדרימער זאַל, עס זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. מענטשן קומען, מענטשן גייען. אין אַ זײַט בײַ אַ טיש זיצן דרײַ, צוויי אין מיליטער־אוניפאָרמען, און דער דריטער — אין ציווילע בגדים. איך בין דירעקט צוגעגאַנגען צו דעם ציוויליסט און מיט אַ זיכערקייט אים געגריסט: „שלום־עליכם, ד״ר ראָזנער... איך ברענג אײַך אַ גרוס פונעם אָבערלייטענאַנט מעסטל״. ראָזנער האָט זיך ראַפּטעם אויפֿ־געהויבן פון בענקל: „יאָ, איך בין ראָזנער. און ווער איז אַ ייִד וואָס האָט זיך פאָרשטעלט פאַר אַ זעלנער און רעדט מאַמע־לשון?״ איך בין אַ רגע געבליבן פאַרגאַפֿט פון דער ראָזנער־געשטאַלט, אַ שלאַנק געבויטער מאַן, אַ לענגלעך פּנים, אַ פעך־שוואַרצע פריזור, גרויסע ווײַנשלאַויגן וואָס דערציילן וועגן ענערגיע און וואַרעמקייט. מיר זענען גיך געוואָרן היימיש, גלײַך אַלטע באַקאַנטע. „אַז איך בין אַ פּועלי־ציוניסט, האָט אײַך מסתּמא מעסטל געזאָגט, באַקענט אײַך מיט נאָך צוויי פּועלי־ציוניסטן: ד״ר ראָזנרויך, אונדזערער אַ בוקאָווינער, און דאָס איז חבר שוסהיים, אַ גאַליציאַנער״. שפּעטער האָבן מיר געגעסן אָוונטברויט אין דער סטודענטן־קיך. די חברים ראָזנרויך און שוסהיים זענען אַוועק, און מיר ביידע, ראָזנער און איך, זענען פאַרבליבן נאָך אַ ווײַלע און אײַנגעטענהט. אײַגנטלעך האָט גערעדט מאיר ראָזנער, דערציילט ווי אַזוי ציוניזם איז בהדרגהדיק געוואָרן זײַן וועלטבאַנעם, זײַן וועג אין דער פּאַרטיי, דער שפּרונג פון דער שולבאַנק צו די ייִדישע אַרבעטער־קרײַזן, זיי דערציילט פון זײַן דערקענטעניש, געלערנט מיט זיי הערצלס יודנשטאַט און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, און פאַרשטייט זיך, מיט זיי אײַנגעקנעלט די פּועלי־ציוניסטישע טעזיסן פון מאַרקסיסטישן ציוניזם. אויך אויפן וועג צו זײַן וווינונג אין דער אונטער־אַוגאַרטענשטראַסע, וווהין איך האָב אים באַגלייט, האָט ער פאַרגעזעצט מיר בילדעריש צו שילדערן דעם ניט־לײַכטן קאַמף וואָס ער האָט צו פירן מיט די בירגערלעכע ציוניסטן פון איין זײַט, און פון דער אַנדערער זײַט מיט די בונדיסטן. „נאָר דאָס שענסטע קאַפּיטל פון מײַן

ביז איצטיק לעבן — האָט ראָזנער ממשיך געווען — איז די באַקאַנטשאַפט מײַנע מיט חבר באַראַכאָוו. דאָס איז געווען בעת מײַן שטודיום אויף דעם ווינער אוניווער־סיטעט. מיר, דרײַ טשערנאָוויצער חברים, לעקער, קראַפּט און איך האָבן געהאַט די גרויסע זכיה במשך אייניקע חדשים מיט אים זיך צו באַגעגענען פּנים־אל־פּנים. די שמועסן וואָס דער גרויסער וויסנשאַפטלער האָט מיט אונדז געפירט אין זײַן קליין ווינער צימערל האָבן קלאָר געמאַכט פאַרהוילענע פּאַר אונדז פּראָבלעמען״. צו מאָרגנס, ווען מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן, האָט מיר ראָזנער געבראַכט צוויי עקזעמפּלאַרן, נאָר וואָס געדרוקטע דער יידישער אַרבייטער און אַן עקזעמ־פּלאַר אונדזער פּלאַטפאָרם, געשריבן אויף אַ שרײַבמאַשינקע מיט לאַטײַנישע אותיות.

אין די לעצטע טעג פון חודש דעצעמבער 1918, שוין אין טשערנאָוויץ, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מיט דער האַנט געמאָלענעם אַפיש, וואָס האָט גע־מאָלדן וועגן אַ געדענק־אָוונט צו דער ערשטער יאָרצײַט פון בער באָראָכאָוו, בײַ דער באַטייליקונג פון די חברים ד״ר מאיר ראָזנער, פּראָפ׳ חיים לעקער און ד״ר לייב שעפלער. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין אַהין נישט געגאַנגען, נאָר... געלאָפן.

דער פאַראיין־לאָקאַל פון פּועלי־ציון איז געווען איבערפולט. חבר שטיינמעץ עפנט דעם אָוונט, פאַרבעט די חברים סעגאַל, יאַנקעלע שאַפּירא, ח׳טע שולמית און די אַנאָנסירטע רעפערענטן צום פּרעזידיום. נאָכן אָפּזינגען די פּועלי־ציון־שבועה הייבט ראָזנער אָן זײַן פאָרטראָג, פון וועלכן ס׳האָט זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון פאָלגנדיקער זאַץ: „פּועלי־ציון ביז באָראָכאָוון איז געווען אַ נאָמען מיט אַ פאַרנעפּלטן אינהאַלט, ערשט באָראָכאָוו האָט אונדז געגעבן דעם אינהאַלט וואָס באַרעכטיקט דעם נאָמען פּועלי־ציון״. פון דעמאָלט אָן פלעגן מיר זיך אָפט באַגעגענען בײַ פאַרטייישער אַרבעט, הויפּטזאַכלעך בײַם אָרגאַניזירן די יוגנטלעכע, וווהין די פּאַרטיי האָט מיך אויף דער רעקאָמענדאַציע פון ראָזנערן געשיקט.

פרילינג 1919 בין איך געקומען ראָזנערן מבקר־חולה זײַן. ער איז געווען נאָך אַ קליינער אָפּעראַציע. אין זײַן וווינונג אויף פראַנצנס־גאַס נר׳ 30 האָבן מיר אָנגעטראָפן מערערע חברים, בתוכם די נאָר וואָס געקומענע פון ליפּקאַן אליעזר שטיינבאַרג און משה אַלטמאַן. ס׳האָט זיך געפירט אַ לעבהאַפטער שמועס וועגן קולטור־ענינים. ראָזנער, נאָך דעם ווי ער האָט אונדז פאָרגעשטעלט די חשובע געסט, האָט זיך צו מיר געווענדט און זיך נאָכגעפרעגט בײַ מיר ווי עס גייט צו די אַרבעט אין דראַמקרײַז, ווו ער איז געווען רעזשיסאָר. און אַז איך האָב אים

געענטפערט, אַז עס פילט זיך זײַן אָפּוועזנהייט און ער דאַרף זיך באַמיִען געזונט צו ווערן, האָבן די אָנוועזנדיקע אים מיט פאַרווונדערונג געפרעגט, ווי אַזוי ער באַוויַיזט עס אויסצופירן אַזוי פיל פונקציעס, ווי אָנפירער פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, זײַן אַ רעדאַקטאָר, לעקטאָר פון פאַרשיידענע קורסן און פאַרנעמען זיך נאָך אויך מיט טעאַטער?.. דערויף האָט ראָזנער געענטפערט: „נישט נאָר איך פאַרנעם זיך מיט אונדזער דראַמקרייַז, דאָס מאָל העלף איך מיט אונדזערע אַמאַטאָרן אײַנצולערנען און שטעלן אַ פּיעסע. אַ צווייט מאָל פאַלט דער גורל אויף אַן אַנדערן חבר, ביז ס׳וועט זיך באַוויַיזן אַ מומחה, אַ ספּעץ, מוזן מיר פאַרקאַטשען די אַרבל. איז דאָך טעאַטער איינע פון די וויכטיקע קולטור־קאָמפּאָנענטן מיט וועלכע מיר קומען צו אונדזערע מאַסן. האָט דאָך באַראָכאָוו, דער שאַפער פון דער קאָנצעפּציע פון פּועלי־ציוניזם אײַנציַיטיק געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין דער יידישער שפּראַך־ און ליטעראַטור־פאָרשונג״.

אין די קריטישע יאָרן פאַר און נאָך דער שפּאַלטונג פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, בעת די הייסע דיסקוסיעס צווישן די אָנהענגערס פון צווייטן און דריטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט בולט אַרויסגעשיַינט די מיט מענטשלעכער עטיק באַשאַנקענע פּערזענלעכקייט מאיר ראָזנער. ממש ווונדערלעך איז געווען די עלאַסטישקייט מיט וועלכער ראָזנער האָט זיך באַנוצט בײַם באַקעמפן קעגנערס. בשעת דעם שאַרפסטן וואָרטגעפעכט האָט ער תמיד אין זינען געהאַט, אַז הינטער דער ליניע וואָס ער באַקעמפט שטייט קודם־כל אַ מענטש.

נישט פאַרגעסלעך איז ראָזנערס זאָג אויף דער לאַנד־באַראַטונג פון דער פּוע״צ־יוגנט, קורץ נאָך דער שפּאַלטונג פון דער בוקאָווינער פּאַרטיי. מאָנענדיק פון די יונגע חברים זיך צו האַלטן קאָרעקט אין זייער פּאָלעמיק מיט די חברים פונעם רעכטן לאַגער, חלילה נישט באַנוצן זיך מיט אַ טאָן פון ביטול, האָט ער זיך צווישן אַנדערן אויסגעדריקט: „שווער, זייער שווער איז געווען זיך צו ראַנגלען מיט מײַנע יוגנט־חברים ש. סאָקאָל און פ. שטערנבערג, אָבער נאָך שווערער איז פירן אַ קאַמף קעגן אונדזער ליבן און חשובן חבר שטיינמעץ, וועמענס קרישטאָלרייגע ערלעכקייט וואָלט באַדאַרפט זײַן אַ מוסטער פאַר אונדז אַלעמען״...

איינס פון די שענסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג אין בוקאָווינע האָט אַריַינגעשריבן מ. ראָזנער.

ווי איינער פון די הויפּט־איניציאַטאָרן צונויפצורופן די אַלרומענישע קולטור־קאָנפערענץ, איז ער אויך געווען דער גרינדער פון דער באַזע פאַר צוזאַמענ־

אַרבעט פון אַלע שאַטירונגען, וואָס שטייען אויפן באָדן פון יִדיש־וועלטלעכער קולטור.

דעם 7טן יאַנואַר 1921, אַז זי איז פײַערלעך געעפנט געוואָרן, האָבן אַחוץ די גרויסע צאָל דעלעגאַטן באַשײַנט די דאָזיקע קאָנפערענץ מיט זייער אַקטיווער באַטייליקונג — אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן. נאָך אַ דרײַטאָגיקער באַראַטונג איז אויף דער לעצטער זיצונג, אונטערן פאָרזיץ פון מאיר ראָזנער, פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַלרומעניִשע יִדישע קולטור־פעדעראַציע. אויפן אָרט האָט מען אויסגעקליבן אַ צענטראַל־קאָמיטעט בראש מיט אליעזר שטיינבאַרג און מאיר ראָזנער.

נאָך דעם ביטערן גורל האָט זיך פאַרוואָלט אַז אין אייניקע חדשים אַרום זאָל אים אַוועקגערויבן אַ טיפוס־עפּידעמיע. דעם 4טן אַפּריל 1921 האָט דער קוים 33־יאָריקער חבר און פירער פון דער פּועלי־ציון, דער ריטער פון דער יִדיש־וועלטלעכער קולטור אין רומעניע מאיר ראָזנער אויסגעהויכט זײַן איידעלע נשמה. דעם 5טן אַפּריל 1921 האָבן מיר, זײַנע תּלמידים און חברים, אים געבענטשט צו אייביקער רו אין זײַן געבוירן־שטעטל דאָרנאַ־וואַטראַ.

מיט גרויס יִראת־הכבוד און ליבשאַפט געדענקען מיר אונדזער לערער און חבר מאיר ראָזנער און דערמאָנען אים אין זײַן 85סטן געבוירן־טאָג.

„ישׂראל־שטימע“, 1974.1.23

פראָפ׳ חיים לעקער

איינער פון די ערשטע בויערס פון דער ייִדישער וועלטלעכער פּראָגרעסיווער קולטור אין דער בוקאָווינע, פאַרמאָגט חיים לעקער סײַ אין זין פון געזעלשאַפט־לעכן אַקטיוו, סײַ אין זײַנע פּערזענלעכע מעלות אַזוי פיל אייגנשאַפטן, אַז ס׳איז שווער צו באַשליסן, אויף וועלכע פריִער זיך אָפּצושטעלן.

חיים לעקער דער פּעדאַגאָג איז גוט באַקאַנט. חיים לעקער דער פילאָלאָג און לינגוויסט איז ווײַט מפורסם. אַז חיים לעקער איז אַ מאַרקסיסט פון גרויסן פאַר־נעם און מיט פיל ערודיציע איז צו ווייניק געזאָגט. נאָר חיים לעקער דער ענוו (באַשיידענער מאַן) שטײַגט אַלץ אַריבער. זײַן באַשיידנקייט גייט אַזוי ווײַט, אַז כאָטש קער מיזרח צו מערב, וויל ער גאָרנישט דערציילן פון זײַן אַזוי רײַכן, פילפאַרביקן און אינהאַלטספולן לעבן.

אַלזאָ, מוזן מיר זיך באַנוגענען בלויז מיט אַרכיוואַרע און לעקסיקאָגראַפישע מקורות, ווי אויך מיט פּערזענלעכע זכרונות, כּדי אָפּצומערקן דעם 15טן יולי 1964, ווען ער יאָרט זיך צום 75סטן מאָל, ביז הונדערט און צוואַנציק.

לעקערס ייִחוס־צעטל הייבט זיך אָן אין 1905 ־ 1906, ווען ער איז ווי אַ 15־16־יאָריקער גימנאַזיסט אַרײַן אין די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אונטערערד־קרײַזלעך, אָנגעפירט דורך די פון צאַרישע טורמעס קיין עסטרײַך אַנטלאָפענע רעוואָלוציאָ־נערן איציק אַהרן ראַכמאַן און משה רובשטיין.

פאַר לעקערן, וועלכער האָט זיך געפילט ענג אין די קרײַזן פון דער דעמאָל־טיקער שטײַף געקראָכמאַליעטער עסטרײַכישער בירגערלעכער מיטלשול־יוגנט, זענען אָט די ערשטע שוואַלבן פון דער רוסישער ס״ד ראַכמאַן און רובשטיין געווען שליחים פון אַ געטרוימטער, אָבער פאַרשלייערטער וועלט.

פון אָט די רעוואָלוציאָנערע אונטערערד־קעמערלעך האָט לעקער, צוזאַמען מיט זײַנס גלײַכן, די שפּעטערדיקע גרינדערס און אָנפירערס פון די ערשטע ייִדישע אַרבעטער־פאַראיינען אין בוקאָווינע: מאיר ראָזנער, חיים קראַפט, גבריאל ראָזנרויך א״אַ, דורשטיק געצויגן זײַן יניקה פון ייִדישן סאָציאַליזם און פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

1908, ווען ס'זענען געגאַנגען די פיבערהאַפטע צוגרייטונגען צו דער היסטאָרישער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, האָט שוין ד"ר נתן בירנבוים געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַ שטאַב פון „יידישיסטיש" געשטימטע סטודענטן און מיטלשול־שילערס, בתוכם חיים לעקער.

מיט יאָרן צוריק, רעדנדיק וועגן דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, האָט מיר לעקער געזאָגט, אַז צוויי פּערזענלעכקייטן האָבן אויף אים געמאַכט אַזאַ איינדרוק, וואָס איז געבליבן נישט בלויז איינגעקריצט אין זיין זכרון, ביי ערט ער האָלט זיי פאַרן עמוד־האש אויף זיינע ווייטערדיקע וועגן פון יידישער קולטור־בויונג.

אויף זיין גורל — דערציילט לעקער — איז אויסגעפאַלן צו אָרגאַניזירן אַ סטודענטן־באַגעגעניש מיט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אייניקע שעה צו רעדן מיט דעם גרויסן יידישן דענקער. בעת דער באַגעגעניש גופא איז ער געזעסן אין פּרעזידיום און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך איינגעהערט אין זשיטלאָווסקיס פאָרטראָג: „דער יידישער סטודענט און די יידישע שפּראַך".

די צווייטע פּערזענלעכקייט איז דער טעאָרעטיקער פון גערמאַניסטישער, ראָמאַניסטישער און יידישער פילאָלאָגיע מתתיהו מיזעס, וועלכער האָט געהאַלטן זיין — לויט י. ל. פּרץ — היסטאָרישן, וויסנשאַפטלעכן פאָרטראָג וועגן דער יידישער שפּראַך. אָט די צוויי פּערזענלעכקייטן פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, זשיטלאָווסקי און מיזעס, האָבן לעקערן באַווירקט.

נאָכן פאַרענדיקן דעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט אין טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט שטודירט לעקער אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט פון דעם ווינער אוניווערסיטעט, וועלכן ער פאַרענדיקט מיטן זעלביקן דערפאָלג. אין אָט דער צייט באַקענט זיך לעקער מיט באָראָכאָווס אַרבעט „די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע", ווערט אַן אָפּטער אַריינגייער צו באָראָכאָוון, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין ווין. באָראָכאָוו איז דעם יונגן לעקער מקרב.

אַ דיפּלאָמירטער דייטש־ און לאַטיין־קענער, ווערט ער באַשטימט ווי פּראָפעסאָר אין טשערנאָוויצער מלוכהשן לערער־סעמינאַר. גלייכצייטיק איז לעקער אַקטיוו אין דער יידישער קולטור־און־שולבויונג אין בוקאָווינע.

ווי איינער פון די איניציאַטאָרן און גרינדערס פון „יידישן שולפאַראיין פאַר דער בוקאָווינע", שטעלט ער צונויף און גיט אַרויס די יידישע „כרעסטאָמאַטיע פאַר מיטל־ און פאָלקס־שולן" (טשערנאָוויץ 1919).

ווי דער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער ייִדיש־וועלטלעכער ליטעראַטור עפנט לעקער דאָס ערשטע פענצטערל אין דער וועלט אַרײַן דורך דער ליטעראַרישער בײַלאַגע צו דער פרײַהייט (1919). ער באַקענט די ברייטע עפנטלעכקייט מיט דעם ליפּקאַנער טריומוויראַט א. שטיינבאַרג, מ. אַלטמאַן און י. שטערנבערג.

1921 איז לעקער איינער פון די גרינדערס און אָנפירערס פון דער „ייִדישער קולטור־פעדעראַציע", אָרגאַניזאַטאָר פון אָוונטשולן פאַר אַרבעטערס, פון קינדער־היימען, באַזונדערס געדענקען זיך זײַנע פאָרטראַגן אין פאָלקס־אוניווערסיטעט.

לעקער באַטייליקט זיך, ווי אַ דעלעגאַט פון דער פעדעראַציע, אין דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן. ער איז מיטגליד פון דער אָרטאָגראַפישער קאָמיסיע פון צוזאַמענפאָר, וואָס האָט אָנגענומען די פון זלמן רייזען אויסגעאַרבעטע תקנות פון ייִדישן אויסלייג. אין זעלביקן יאָר פאַר־עפנטלעכט ער אין זאַמלבוך קולטור אַ וואָגיקע פילאָלאָגישע אָפּהאַנדלונג „צו דער פראַגע וועגן דיאַלעקט און אָרטאָגראַפיע", וואָס האָט באַקומען ביז גאָר וואַרעמע אָפּרופן פון דער קריטיק.

די רומענישע מושלים אָבער האָבן נישט זייער טאָלערירט אַ מענטש מיט פּראָגרעסיווע אָנשויונגען און האָבן אים פאַרשיקט אין אַ פאַרוואָרפענעם העק אויף דער דאָברודזשאַ־גרענעץ, אַ שטעטל מיט אַן אויסגעשפּראָכן רומענישער באַפעלקערונג. דאָ איז לעקער אייניקע יאָר אָפּגעקומען גלות ביז די זון האָט אָנגעהויבן שײַנען — —

1940, ווען איבער טשערנאָוויץ האָט זיך צעפלאַטערט די סאָוועטישע פאָן, האָט לעקער איבערגעלאָזט זײַן האָב־און־גוטס, און אונטער לעבנס־געפאַר זיך אומגעקערט אַהיים — אין סאָוועטישן טשערנאָוויץ.

איצט האָט זיך לעקער געפילט ווי נײַ־געבוירן, געוואָרן לערער אין אַ מלוכה־שער ייִדישער מיטלשול, פון וועלכער ער האָט אַזוי פיל יאָרן געטרוימט, אין וועלכער ער האָט געהאַט אַ סך צו געבן.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז לעקער געוואָרן עוואַקויִרט קיין קירגי־זיע, וווּ ער האָט געאַרבעט אין אַ מיטלשול אַלס לערער פון דײַטש און פראַנצייזיש.

אין 1944, נאָך דער באַפרײַונג פון טשערנאָוויץ, באַגעגענען מיר דאָרט לעקערן בראש פון דער 18טער ייִדישער מיטלשול, און אַחוץ דער שול איז ער אינטענסיוו טעטיק אין אַלע אַנדערע צווײַגן פון דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור.

אין גיכן נעמט אים די מעדיצינישע הויכשול צו ווי אַ פּראָפעסאָר פון לאַטיין און גערמאַניסטיק.

נישט געקוקט דערויף וואָס די מלחמה האָט, ווי אויף יעדערן, אַזוי אויך אויף לעקערן איבערגעלאָזט אירע שפּורן, פילט זיך לעקער יונג. צו 65 יאָר זעצט ער זיך אַוועק, מיט זעלטענער יוגנטלעכער התמדה, אָנשרייַבן אַ דיזער־טאַציע: „קווינטיליאַן ווי דער קריטיקער פון דער רוימישער ליטעראַטור", אַ דאַנק וועלכער ער באַקומט דעם טיטל „קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן" און ווערט באַשטימט ווי דער פּאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע פון אויסלענדישע שפּראַכן ביי דער טשערנאָוויצער מלוכהשער מעדיצינישער הויכשול, וווּ ער אַרבעט ביז נישט לאַנג, ווען ער איז געגאַנגען אויף עמעריטור.

לעקער איז נישט קיין „סקווערניק" (אַזוי רופט מען ביי אונדז די פּענסיאָנערן, וועלכע זיצן אין די סקווערן). מיט דעם זעלביקן יוגנטלעכן שווונג, מיט וועלכן מיר פלעגן זיך אָפּט אַרויפכאַפּן (הייַנט דראַפּען מיר זיך) אויף איינעם פון אונ־דזערע ליבע קאַרפּאַטן־בערג, מיט דער זעלביקער ליבע, שווונג, אייפער און צו גלייַך רויִקייט גראָבט זיך הייַנט לעקער אין עטימאָלאָגישע פּרינציפּן, שטודירט ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל די דיפערענציאַציעס פון געשריבענער און גערעדטער שפּראַך, נישטערט אין נייַע שטאַמקוואַלן, פּאָרעט זיך אין שווער דעשיפריר־באַרע טעקסטן, און — דאָ טרעטן מיר אַריבער זייַן באַשיידנקייט — לעקער אַרבעט איצט פלייַסיק איבער נייַע ווערק.

מיר ווינטשן אים ער זאָל זיי ברענגען צו דער ליכטיקער שייַן.

„נייַע פּרעסע", 1969.7.20

מיט אַרטור קאָלניק אין רומעניע

אַרטור קאָלניק איז היינטיקס יאָר אַנטשוויגן געוואָרן אויף אייביק. געבליבן איז זיין רייכע ירושה פאַר דורות; זיינע איילבילדער, סובטעלע אַקוואַרעלן, פּאָר־טרעטן, לאַנדשאַפטן, צייכענונגען און — זיין באַליבטער מיזיניק־זשאַנער — זיינע האָלצשניטן.

זיינע אילוסטראַציעס צו אליעזר שטיינבאַרגס „אַלף־בית", צוזאַמען מיט זיינע פענדזל־קאָלעגעס רובין זעליקאָוויטש און סאָלאָמאָן לערנער (פאַרלאַג „קולטור", טשערנאָוויץ 1921), זיינע ערשטע האָלצשניטן צו שטיינבאַרגס משלים „דורך די ברילן" (צוועלף האָלצשניטן צו משלים פון אליעזר שטיינבאַרג, פּראַכט־אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פונעם טשערנאָוויצער יידישן שולפאַראיין, 1928), דער אַלבאָם „אונטערן צילינדער" (24 האָלצשניטן מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון אַנרי באַרביס, פאַרלאַג שריפטשטעלער־פאַראייניקונג, פּאַריז 1934), די האָלצשניטן צום ערשטן באַנד פון שטיינבאַרגס משלים (טשערנאָוויץ 1932) און 109 צייכענונגען צום באַנד „מעשהלעך" (טשערנאָוויץ 1936), שפּעטער די אַלבאָמען גראָסבאַרדס „געשטאַלטן" און די אילוסטראַציעס צו י. ל. פּרץ „אַ גילגול פון אַ ניגון" און נאָך און נאָך.

אָט דאָס אַלץ איז אונדז געבליבן פונעם קינסטלער אַרטור קאָלניק, פאַרבליבן איז אויך אין זכרון דער צאַרטער, קרישטאָלענער מענטש און טייערער חבר.

איך געדענק קאָלניקן פונעם יאָר 1919 ווען ער האָט, זיך אומקערנדיק פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ. דער אין סטאַניסלאַוו געבוירענער, נאָך קוים דרייסיק־יאָריקער שלאַנקער, בלאָנדער און שטאַלטנער מאַן האָט דאָ געפונען דעם וועג צו די פּראָגרעסיווע קרייזן, זיך צוגעטוליעט צו די דעמאָלטיקע טוערס פון יידישער קולטור־בויונג פייוול שטערנבערג, מאיר ראָזנער, גבריאל ראָזענרויך, שלמה ביקל און אַנדערע. אין גיכן איז צוגעקומען די באַרימטע ליפּקאַנער „טרויקע": אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן, מיט וועמען אַרטור קאָלניק האָט פאַרקניפּט אַ שעפערישע און אויך

פערזענלעכע פרײַנדשאַפט. עטוואָס שפּעטער האָט זיך צו זיי מצרף געווען איציק מאַנגער.

איך געדענק די ערשטע אויסשטעלונג פון אַרטור קאָלניקס בילדער אין טשערנאָוויצער האַנדלס־קאַמער, ווו דער באַוווּסטער קונסטקענער פּראָפ׳ עמיל צאַפּלער האָט אָנגעהויבן זײַן דערעפענונגס־רעדע מיט די ווערטער: „קאָלניק שווײַגט מערער ווי ער רעדט, דערפאַר דערציילן אונדז זײַנע בילדער אַזוי פיל״...

איך געדענק אויך אליעזר שטיינבאַרגס אַ וואָרט בעת אַ שפּעטערדיקער אויס־שטעלונג פון קאָלניקס בילדער: „בײַ אונדזער גאָר ליבן ענוו קאָלניק איז אַ רענדל אַ וואָרט, און פון זײַנע בילדער שימערירן גאָלדענע רענדלעך ווי די שטערן אין הימל, אין אַלערליי פאַרבן און קאָלירן״.

איך געדענק ווען קאָלניק האָט מיך גרימירט צו אליהו הנביא אין א. שטיינ־באַרגס קינדער־פּיעסע „יוסף מוקיר שבת״. ווען דער גרים איז שוין געווען פאַרטיק, האָט ער זיך ערשט אַוועקגעזעצט אויף אַ קני, צוגעמאַכט איין אויג, און זיך אײַנגעקוקט אין דער מאַסקע און יעדעס מאָל עפּעס פאַרבעסערט. דאָ האָט זיך באַוויזן דער בינע־מײַסטער שטעפאַן. דערזעענדיק ווי קאָלניק קניט מיט איין פוס, האָט ער זיך אָנגערופן: „הער קאָלניק! נאָך וואָס קניִען, איך וועל אײַך געבן אַ קליין בענקעלע״. דערויף האָט קאָלניק געענטפערט: „דאַנקע, הער שטעפאַן, ס׳מאַכט ניט אויס, פאַר אליהו הנביא מעג מען קניִען״...

איך געדענק ווען דער טעאַטער־כאַראַקטעריזירער גרינבערג האָט מיך פאַר־גרימירט אין לייזער בדחן צו י. גאָרדינס „גאָט, מענטש און טײַוול״, האָט זיך באַוויזן אין גרימיר־קאַבינעט קאָלניק, אייניקע מינוטן מיך באַטראַכט, דערנאָך מיט זײַן עכטער קאָלניקישער העפלעכקייט זיך געוואָנדן צו גרינבערגן: „כ׳וואָלט אײַך זייער געבעטן מיר צו דערלויבן עפּעס אויסצובעסערן״. און ווען יענער האָט מסכּים געווען, האָט קאָלניק אויף גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם רעקל, פאַר־קאַטשעט די אַרבל, אַראָפּגענומען פון מיר דעם גרים און אויף ס׳נײַ מיך גרימירט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער צוגערופן גרינבערגן און צו אים געזאָגט: „אַזוי זע איך לייזער בדחן, בשעת אין אײַער גרים וואָלט סורקיס געשפּילט גאָרדינס לייזער בדחן מיט אַ צורה פון אַ פּראָוואָסלאַוונעם פּאָפּ״.

איך געדענק קאָלניקן אין זײַן אַטעליע אויפן 5טן שטאָק פון קאַפע „אַסטאָריאַ״. איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט זענען מיר געזעסן דרײַ אין אַטעליע: קאָלניק, דער דײַטש־יִידישער דיכטער אַלפרעד מאַרגול־שפּערבער, און דער שרײַבער פון די שורות.

שפּערבער האָט גאַנץ שטיל דעקלאַמירט זײַנע לירישע לידער, קאָלניק האָט

אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט, אַפּט מאָל זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום מאַלבערט, עפּעס צוגעגעבן, עפּעס אָפּגעווישט פון דער נאָך רויער צייכענונג, ווידער זיך אַוועקגעזעצט, ניט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פון זײַן מאָדעל.

דערווײַל האָט דער טאָג זיך געזעצט, דורך קאַלניקס אַטעליע־פענצטער האָט זיך באַוויזן אַן אָפּגלאַנץ פון אַ רײַכן, פּילפאַרביקן זון־אונטערגאַנג. ס׳האָט אָנגעהויבן טונקלען. אין צווישן האָבן זיך דערטראָגן פון שכנותדיקן צימער אַקאָרדן פון בעטהאָווען, וואָס פרוי קאַלניק האָט רעפּעטירט מיט אירער אַ שילערין. אַלע דרײַ זענען מיר געזעסן ווי צוגעקאָוועט און זיך צוגעהערט צו די טענער פון קלאַוויר־צימער. דאָ האָט זיך קאַלניק דערנענטערט צו זײַן מאַלבערט און געמאַכט איניקע שטריכן. אין דעם מאָמענט האָט שפּערבער איבערגעריסן אונדזער שווײַגן און פאַרווונדערט געפרעגט קאַלניקן: „ס׳איז דאַכט זיך שוין טונקל". קאַלניק האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו זײַנע ליפּן, געגעבן אַ צייכן מ׳זאָל ווײַטער שווײַגן. קאַלניקס פרוי האָט אין צווישן פאַרענדיקט די רעפּעטיציע. מיר אָבער זײַנען לאַנגע, לאַנגע מינוטן געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, אונטערן אײַנדרוק פון די אַקאָרדן.

פאַרלאָזנדיק די אַטעליע האָט קאַלניק, ווענדנדיק זיך צו שפּערבערן געזאָגט: „ס׳ניט געווען טונקל, מײַן ליבער שפּערבער. מוזיק גיט שײַן, מוזיק איז אַ לײַכטטורעם".

איך געדענק קאַלניקס אַ בריוו צו גבריאל ראָזענרויך שוין פון פּאַריז. ס׳איז אַן ענטפער ראָזענרויכן ווי אַזוי ס׳לעבט זיך אים (קאַלניקן). אין זײַן ענטפער האָט קאַלניק אָנגעצייכנט אַ בילדעלע פון צווײ פאַרשידענע טיילן. אַ קינסטלעריש געמאָלענעם קאָפּ און אַ פּאָר דאַמענפּיס אין זײַדענע זאָקן. בײַם קאָפּ האָט ער צוגעשריבן: „דאָס וויל איך", און בײַ דער זאָקן־רעקלאַמע: „דאָס פאַרלאַנגען מײַנע באַלעבאַטים".

מיט אַ 6־7 יאָר צוריק האָט מיר אונדזער געמיינזאַמער פרײַנד ד״ר יוליאַן האַלינגער צווישן אַנדערן געשריבן: „ס׳איז אַ מחיה צו זען ווי אַזוי אונדזער זקן קאַלניק קעמפט און איז מנצח דעם מלאך־המוות. ער מאָלט איצט אַ סך לעבעדיקער, יוגנטלעכער און שענער ווי אַ מאָל, אין אונדזערע יונגע יאָרן".

ניטאָ מער קאַלניק, דער קינסטלער און די פאַרקערפּערונג פון גוטסקייט, באַשיידנקייט און מענטשלעכקייט, געפּלאַצט האָט אַן איידעלע סטרונע, אַנטשוויגן געוואָרן אויף אייביק אַ פידעלע פון אַ גרויסן אָרקעסטער, איבערגעריסן געוואָרן אַ סימפאָניע, וואָס הייסט אַרטור קאַלניק.

„נײַע פּרעסע, 1971.9.19

צו איציק שוואַרץ (אי. קאַראַ)

(אַ בריוול צו זײַן 65סטן געבוירן-טאָג)

ליבער גוטער ברודער איציק!

פאַראַן אַ ווערטל אַזאַ: „עקשן, צוואָג זיך. ניין, נאָר אויף פּסח״. ווען איך טראַכט, אַז דו יאָרסט זיך צום 65סטן מאָל, ביז הונדערט און צוואַנציק, פרעג איך זיך (איינע פון די שווערסטע פראַגעס איז די, וואָס מ׳פאַרגיט זיך אַליין): ווער איז אַזוינס איציק שוואַרץ? וואָס איז ער פאַר דער פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור אין רומעניע? דאָ בעט זיך צו עפענען דעם ספר־הזכרונות און אַ בלעטער טאָן אין נאָענטן אַמאָל, אין די צײַטן פון אונדזערע יוגנט־יאָרן, און סומירנדיק זיי באַקומט זיך דער אויספיר: עקשנות. פאַראַן קולטור־טוערס, שרײַבערס, וויסנ־שאַפטלערס, וואָס גייען מיטן שטראָם, און אַזעלכע, וואָס לאָזן זיך קעגן די כוואַליעס. דו ביסט געבוירן מיט דער אייגנשאַפט פון אייזערנער עקשנות, האָסט זיך דווקא אײַנגעשפּאַרט — דו מוזסט דינען דער ייִדישער קולטור מיט וואָרט און שריפט, און אויף צו להכעיס נישט־פאַרגינערס האָסטו אַריבערגעשפּאַנט נישט איין אבן־נגף און פאַרנעמסט דאָס געהעריקע אָרט אינעם היכל פון דער פּראָגרע־סיווער ייִדישער קולטור.

איך זע דיך! מיט פאַרמאַכטע אויגן זע איך דאָס פאַדולויער* בחורל אין דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן, געקומען באַלייגן עקזאַמענס אין טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט. דו האָסט שוין דעמאָלט געהאַט אַ היפּשן סטאַזש אין דער יאַסער קולטור־ליגע, געפונען דעם וועג צום טשערנאָוויצער שולפאַראיין. אויפן ערשטן אויגנבליק האָט זיך באַמערקט אויף דיר דער חותם פון פאַדולוי, די ליבשאַפט און דער עקשנותדיקער טעמפּעראַמענט צו פאָלקישער וועלטלעכער ייִדישקייט.

---

* פאַדולוי, אַ שטעטל אין אַלטרומעניע, ווו שוואַרץ איז געבוירן געוואָרן און פאַרבראַכט די קינדער־יאָרן.

איך זע דיך ווי אַ דעלעגאַט אויף די יובל־פּײַערונגען פֿון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ; איך זע דײַן באַהעפֿטונג מיט די יונגע, באַגײַסטערטע און פֿאַרליבטע ייִדיש־קעמפֿערס — הירש סעגאַל, חיים גינינגער א״אַ, בײַ דער גרינ־דונג פֿונעם ייִדיש־סעמינאַר בײַם טשערנאָוויצער שולפֿאַראיין. איך דערמאָן זיך אין דײַנע ערשטע לעקציעס פֿאַר יוגנטלעכע אַרבעטערס: „חיים זשיטלאָווסקי״ און „פֿאַר וואָס ייִדיש״; איך הער דיך זיך אַמפּערן מיט דײַנע אידעען־חברים וועגן די מקורות פֿון ייִדיש און ייִדישקייט. אָפֿט מאָל האָבן זיי דיך מיט זייער סאָלידער לאָגיק גובר געווען, און טייל מאָל האָסטו מיט עקשנות און באַהאַוונטקייט דערוויזן, אַז זייער לאָגיק איז לגמרי נישט־לאָגיש.

ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ, זע איך פֿאַר מײַנע אויגן אונדזער פּראָפּאַגאַנדע־טורנע איבער בוקאָווינער שטעטלעך, מיט ליטעראַרישע פֿאָרטראָגן און פֿאַרלעזונגען; באַזונדערס פֿאַרגעדענקען זיך אונדזערע צוויי אָונטן אין וואַשקעוויץ; דאָרט האָב איך דיך געזען אין אַ נײַעם ליכט, אין דײַן שאַרפֿער פּאָלעמיק מיט אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן, פּסעוודאָסאָציאַליסטן און שׂונאים פֿון אונדזער מאַמע־לשון. מיט דײַנע רויִקע, ניט־הויך שרײַענדיקע ענטפֿערס, אָבער אײַזערנע אַרגומענטן האָסטו פּאָלעמיזירט און געטראָפֿן אין פּינטל.

איך געדענק דיך אויך בבחינת „אַ גאַסט אויף אַ ווײַל״. איך בין בטבע ווײַט פֿון קינאה, נאָר איין מאָל האָב איך דיך מקנא געווען; איך האָב עס געטראָגן אין זיך, קיין מאָל נישט גערעדט דערפֿון. איצט, אין דײַן יובל־יאָר, געפֿין איך פֿאַר נייטיק דיר צו דערמאָנען וועגן וויזשניצער פּינקס. שטעל דיך פֿאָר, אַליין פֿון בערהאָמעט, וואָס רעכנט זיך מיט וויזשניץ ווי אַ קיך מיט אַן אַלקער, דאָרטן פֿאַר־בראַכט די ערשטע יוגנט, די ערשטע דערציִונג, דאָרט אײַנגעזאַפּט אַ שלל מיט מעשׂיות און לעגענדעס וועגן דעם באַרגשטעטל וויזשניץ מיט זײַן רבישן הויף, געבלעטערט אין די חיבורים פֿון די וויזשניצער רבנים — בעלי־מופֿתים, און ס׳מיר ניט אויסגעקומען זיך אָנצושטויסן אויף אַזאַ אוצר, וואָס דיר איז געלונגען.

דו, דאָס בחורל פֿון פּאָדולוי, האָסט זיך גיך אַקלימאַטיזירט, געוואָרן אַ „וואַשעכטער״ בוקאָווינער טוריסט און פֿאַרשטאַנען צו פֿאַרבינדן דאָס נוצלעכע מיטן אָנגענעמען, פֿאַרשנורעוועט דעם רוקזאַק און אויף אײַנלאַדונגען פֿונעם וויזשניצער שולפֿאַראיין געפֿאָרן אַהין מיט אַ פֿאָרטראָג און מצליח געווען. אַחוץ אײַנדרוקן, וואָס דו האָסט דערציילט אויף די שפּאַלטן פֿון די „טשערנאָווי־צער בלעטער״, האָסטו מיט זיך מיטגעבראַכט דעם וויזשניצער פּינקס, אין וועלכן האָסט געגומען נישטערן, און מיט אים אויך אָנגעהויבן דײַנע וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישע אַרבעטן. דעמאָלט בין איך דיך מקנא געווען.

איך זע דיך אויך אין דער ניי־אויסגעבויטער זומער־קאָלאָניע א״נ פון אליעזר שטיינבאַרג אין טשעטשינאַ אַ פליִענדיקן, פלאַטערנדיקן באַגלייך מיט די קינ־דערלעך, ווי אַ שמעטערלינג.

אין 1940 איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דיין חלום. איך זע דיך איינגעגלי־דערט אין לערער־באַשטאַנד פון דער ערשטער אין טשערנאָוויץ סאָוועטישער יִדישער מיטלשול בראש מיט חיים לעקער ע״ה.

די פאַטערלענדישע מלחמה האָט אונדז צעשיידט, און קאַרגע פינף יאָר האָבן מיר איינער פונעם אַנדערן ניט געוווּסט. דיך האָבן די מלחמה־כוואַליעס אַוועק־געטראָגן, איך בין בימי עוואַקואַציע מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרבעטער־אַרמיי אין טיפן הינטערלאַנד. ערשט נאָכן גרויסן נצחון פון דער סאָוועטישער אַרמיי איבער היטלערן, זיך אומקערנדיק קיין טשערנאָוויץ, האָב איך ווידער באַ־געגנט דעם עקשן איציק שוואַרץ.

אין אַ פראָסטיקן ווינטערטאָג פון 1945 קומען מיר אַנטקעגן „דריי מוסקע־טערן״, אונדזערע פראַנטאָוויקעס, די אַמאָליקע סעמינאַריסטן בערל רויזן, אַברהם צימערמאַן און איציק שוואַרץ. די ערשטע צוויי אַנגעטאָן אין לאַנגע סאָוועטישע שינעלן, בשעת דו ביסט געווען אין דער בלויזער גימנאַסטיאָרקע.

— סטייטש, איציק, אין אַזאַ פראָסט אָנעם שינעל?! דו האָסט אים שוין באַוויזן אויסצובייטן אויף אַן אַנטיקל, אַן אַלט ספרל?

— חלילה! — האָסטו מיר געענטפערט, ווייזנדיק אויף דיין ברוסט, צו וועלכער ס׳זענען צוגעפעסטיקט אָרדנס און מעדאַלן. — זיי וואַרעמען בעסער ווי דער שינעל; זאָל די וועלט זען מיינע באַלוינונגען, אַז נישט אומזיסט האָב איך געגעסן סאָוועטיש ברויט.

נישט לאַנג האָבן מיר זיך אָנגעזעטיקט מיט אונדזער ווידערזען. אין גיכן האָסטו געפאָלגט דעם רוף פון דער אַנטשטאַנענער סאָציאַליסטישער פאָלקס־רומעניע, וווּהין ס׳האָט דיך געפאָדערט די דאָרטיקע „איקוף״־אָרגאַניזאַציע. מיר באַגעגענען דיך אין די „איקוף־בלעטער״, דיינע ליטעראַרישע עסייען וועגן דער יִדישער דיכטונג אין בוקאָווינע, מיר לייענען דיינע וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אַרבעטן, פאַרעפנטלעכטע אין דער היגער פרעסע און אין די ניו־יאָרקער מאַרק־סיסטישע „איקוף״־אַלמאַנאַכן און אין אַנדערע פּראָגרעסיווע צייטונגען און צייט־שריפטן פון אומעטום. מיר נעמען אָפּ גרוסן פון דיר — דעם ליטעראַרישן פאַרוואַל־טער פונעם יִדישן מלוכה־טעאַטער אין יאַס, וווּ דו באַנוגנסט זיך נישט מיט בלויזער קאַבינעט־אַרבעט; דאָס טעאַטער־בלוט לאָזט דיך נישט צו רו (אַן אַלטער משפחה־פעלער פון דער משפחה שוואַרץ), און אָט לייענען מיר רעצענזיעס וועגן

דײַנע אינסצעניזאַציעס פאַרן טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון באַגאַבטן רעזשי־סאָר איזי שאַפּיראָ.

וואָלט, דאַכט זיך, דאָס אַלץ אויסגערעכנטע פאַר אַ בשׂר־ודם געווען גענוג. פאַר דיר איז עס קאַרגלעך. דאָס עקשנות טרײַבט דיך און מאַכסט אַן אַרכעאָלאָגישן השיבנו צום עבר, און פון דאָרטן קלײַבסטו פּערל פאַר דער ייִדישער קולטור אין רומעניע. דו נישטערסט אין אַלטע ספרים און — עיקר־העיקרים — פאַר־קלײַבסט זיך אויף אַלטע בית־עלמינס און טראָגסט צו ציגל צום אויפשטעלן די ייִדישע געשיכטע אין רומעניע; דו פּרוווסט דערגיין ביז דײַנע „גרויסן איבער יאָרהונדערטער״.

גוטער ברודער איציק שוואַרץ! אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „ניטאָ קיין צדיק אויף גאָטס ערד, וואָס זאָל טאָן בלויז גוטס און נישט זינדיקן״. שוין אָפּגערעדט פון אונדז, זינדיקע בני־אָדם; מיר זענען זיכער ניט אײַנגעטונקען אין הוילער רעכטפאַרטיקייט, אָבער מיר זענען נאָך „יונג״ און ווילן זיך סטאַרען צו פאַרריכטן דאָס, וואָס מיר האָבן געגרײַזט אין שווערן באַרג־אַרויף פון דער ייִדישער קולטור.

איך האָב דיר צוגעשטעלט אַ צעטל מעלות, איז דאָס נישט קיין פולס; פעלערן זאָלן אַנדערע, באַרופענערע זוכן.

באַגריסנדיק דיך ווי דעם בעל־היובל, וואָס האָט ערשט דערגרייכט די ציפער „65״, פאַרלאָז איך זיך אויף דיר, אַז דו וועסט זיך אַליין אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, וואָס דו האָסט מתקן געווען פאַר דער ייִדישער קולטור־בויונג און וואָס ביסט איר נאָך שולדיק; דערויף ביסטו גענוג ערלעך און אָביעקטיוו צו זיך.

איך ווינטש דיר נאָר, טײַערער קאַמפּס־חבר, אַז די 55 יאָר, וואָס זענען דיר נאָך געבליבן, זאָלן זײַן זוניקע, געזונטע, שאַפערישע, לטובת דער פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור אין פאָלקס־רומעניע און אומעטום!

„פאָלקס־שטימע״, 1972.3.25

יידישער ניגון

וועגן ד״ר עמנואל האַקען און זײַן בוך
„ניגונים צו יידישער דיכטונג״

אויב מײַן זכרון פאַרפירט מיך ניט, איז ערגעץ אין יאָר 1925, נאָך זײַענדיק אַ שילער פון די העכערע גימנאַזיע־קלאַסן, ד״ר מוניו האַקען אַרויסגעטראָטן אויף אַ „מכבי״־פײַערונג אין דער טשערנאָוויצער טוינבי־האַלע, שפּילנדיק אויפן פידל אייניקע יידישע פאָלקסלידער, צווי״אַ וואַרשאַווסקיס „אויפן פּריפּעטשיק״. דער שוין דעמאָלט באַרימט געוואָרענער זינגער יוסף שמידט האָט אים אַקאָמפּאַנירט אויפן קלאַוויר. נאָך דעם וואָס שמידט האָט מיר בסוד געזאָגט, אַז דער בחור קאָמפּאַנירט אויך, האָבן מיר פאַרפירט אַ קליינעם שמועס, בעת וועלכן האַקען האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט שוין פאַרטאָנט אייניקע דײַטשישע און אויך רומענישע לידער. אויף מײַן פראַגע צי ער שאַפט אויך מעלאָדיעס צו יידישע לידער, האָט ער מיר שעמעוודיק געענטפערט: איך קען נאָך זייער ווייניק יידישע לידער, אָבער איך האָב אַ זעלישע באַדערפעניש זיך צו באַקענען מיט ווערק פון יידישע פּאָעטן. אָט אַזוי האָבן מיר זיך באַקענט.

1931, אין קאַרפּאַטן־דאָרף וויזשענקאָ, אין דער קינדער־קאָלאָניע פון טשערנאָוויצער „יידישן שולפאַראיין״ אונטער דער אָנפירונג פון אליעזר שטיינבאַרג, האָט האַקען וואָלונטירט אַלס קינדער־דאָקטער, בעת אבנר באַראַק ע״ה און אני הקטן האָבן אָנגעפירט מיט די קינדער־פאַרשטעלונגען. אין די אָפט גרעסערע קינדער־ספּעקטאַקלען האָט האַקען געהאַט אַ גרויסן חלק, דערמיט וואָס ער האָט אײַנגעלערנט מיטן קליינוואַרג די פון שטיינבאַרגן געשאַפענע לידעלעך, זיי באַאַרבעט און טאַקע מיט זײַן פידעלע באַגלייט.

בײַ מוניו האַקען, דעם װערנדיקן דאָקטער, דעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר, האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט אַ נטיה צו פּעדאַגאָגיק. אײַגנאַרטיק איז געװען זײַן באַציִונג צו קינדער. װי נאָר ער האָט זיך באַװיזן אין װאַלדגאָרטן מיט זײַן פידעלע, האָט חברה קלײנװאַרג ספּאָנטאַן איבערגעריסן אַלע זײערע שפּילערײַען, אַרומגערינגלט דעם דאָקטער און געװאַרט אױף זײַן ערשטן סיגנאַל, װען אָנצוהײבן. האַקען האָט אָבער נישט אָנגעהױבן, אַ פּיר געטאָן מיטן סמיטשיק איבער דעם פידל, און װי מיט דער שאַרף פון אַ מעסער איבערגעהאַקט דעם געפּילדער פון די קינדער. ס'איז אײַנגע־טראָטן אַ שטילקײט, אַז מ'האָט נאָר געקאָנט הערן דאָס קלאַפּן פון יונגעטשקע הערצעלעך און דאָס טרילערן פון פײגעלעך װאָס האָבן זיך פאַרקליבן אױפן שפּיץ פון אַ סאָסנע. חברה האָט זיך אױסגעזעצט אױפן גראָז, מיט זײ — דער תמיד שמײכלענדיקער דאָקטער און באַנײַט די איבערגעריסענע שפּיל. — און אַז די שפּיל איז פאַרגעזעצט געװאָרן און ד״ר האַקען איז אַרײַן אין איר װי אײנער פון דער חברה, איז אליעזר שטײנבאַרג, װאָס איז געזעסן מיט אונדז, אַרײַן אין התפּעלות און צו אונדז געזאָגט: „אַז מ'האָט אַזױ ליב קלײנע קינדער, האָט מען אױך ליב גרױסע". — יענעם זומער האָט אױך מאַנגער אַ װאָך צײַט זיך אָפּגערוט אין װיזשענקאָ, װוּ ער האָט אונדז, אױף אונדזערע געמײנזאַמע װאַלדשפּאַצירן, געלײענט פּערל פון זײַנע באַלאַדעס, פון װעלכע זײַן ליד „איך דער טרובאַדור" האָט האַקענען באַזונדערס באַאײַנדרוקט.

אין אַלע מיזרח־גאַליצישע און בוקאָװינער באַרג־יִישובים, װוּ ס'ריזלען שרײַענדיקע טײַכלעך, האָבן אַלע תּושבים, סײַ ייִדן סײַ ניט־ייִדן, געהאַט אַן אױסדערװײלטע שטעלע, פון װעלכע זײערע זײדעס האָבן זײ דערצײלט, אַז דאָרטן פלעגט זיך בשעתו טובלען דער בעל־שם. אין גאַליצישן קאַרפּאַטן־דאָרף זשאַביע (קאָסאָװער געגנט) האָב איך באַגעגנט ייִדן־זקנים, װעלכע פלעגן זיך נוהג זײַן, אײן מאָל אין יאָר, הושענה־רבה, צו גײן נעמען טבילה אין בעל־שמס מיקװה.

אױך דאָס װיזשענקאָ־טײַכל האָט פאַרמאָגט אַ בעל־שם־מיקװה. דאָ איז אָפט געזעסן האַקען, זיך אײַנגעהערט אין דער אױסטערלישער מוזיק פון קאַסקאַדן־געררויש, און דאָ טאַקע, בײַם באַרגטײַכל װיזשענקאָ, האָט ער באַשאַפן די אַזױ פּאָפּולער געװאָרענע מעלאָדיע צו מאַנגערס „איך דער טרובאַדור".

װעלטלעכע ייִדישקײט און די ייִדישע נגינה האָט האַקען צו פאַרדאַנקען זײַן לעבנס־באַגלײטערין, דער שרײַבערין און דראַמאַטורגין װעראַ האַקען. הגם זי דערצײלט אין אירע „קינדער־יאָרן, יוגנט־יאָרן מיט אליעזר שטײנבאַרג" (י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תּל־אָביב 1969), אַז זי האָט ליב געהאַט ייִדיש, דאָך האָט זי זיך געהאַלטן בײַ דײַטש, אָבער מוניו איז דורך װעראַן געקומען אין אָפטער באַרירונג

מיט אליעזר שטיינבאַרגן; אין דער געזעלשאַפט פון שטיינבאַרגן און זײַן פרוי כּסדר בײַגעווױנט די פּרײַטיקצונאַכט־מסיבות בײַ זײער געמײנזאַמען פרײַנד מיכל ווײַסבערג וועלכער האָט מתיקותדיק געזונגען יידישע פאָלקסלידער. האַקען האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען אין די קרײַזן פון „ייִדישן שולפאַראיין“, דאָ זיך באַקענט מיט איציק מאַנגער און זײַנע וווּנדערלעכע באַלאַדעס, און אַזוי זיך באַהאָפטן מיט וועלטלעכער ייִדישקייט. ווען מיר איז אויסגעקומען שפּעטער מיטצואַרבעטן מיט האַקענען אין אונדזער קליינקונסט־סטודיע „קאָמעלעאָן“, ווו ער האָט באַאַרבעט אויף זײַן שטייגער אַלטע פאָלקסמאָטיוון און איז אויך געווען דער אַקאָמפּאַנירער, האָבן מיר שוין פאַר זיך געהאַט אַ רײַפן קאָמפּאָזיטאָר פון ייִדישן ליד.

דאָס בוך „ניגונים צו ייִדישער דיכטונג“ פאַרמאָגט אַ קליינעם אָפּקלײב פון האַקענס באַאַרבעטע לידער. די 21 לידער — 21 פּערל פון ייִדישער פּאָעזיע אילוסטרירן בולט האַקענס קאָלירדײַכע קאָמפּאָזיציע. מיר האָבן שוין אַ טייל פון די לידער געהערט אין דער באַטעמטער אויספירונג פון נחמה ליפשיץ, וועלכע איז אגב דער פאַרשטענדיקסטער אינטערפּרעטאַנט פון האַקענס ליד, און זיך אַן איבעריק מאָל איבערצײַגט, ווי טרעפלעך ריכטיק די זעלביקע נחמה ליפשיץ דריקט זיך אויס אין אַרײַנפיר־וואָרט צו האַקענס „ניגונים צו ייִדישער דיכטונג“, ווען זי באַצײַכנט אים ווי אַ שותּף צו די מחברים פון די לידער. האַקען איז בלי שום גוזמא אַן אמתער מיטשותּף צו דער — פאַרשיידן אין זייער זשאַנער, פאָרעם און ריטעם, טעמאַטיק און סטיל — פּאָעזיע. צי דאָס איז דער געשעפּטש פון יהואשס „צוויי בלומען“, וואָס מיר הערן אַרויס פון האַקענס אַקאָרדן, צי מ. ל. האַלפּערנס „דער גאַסנפּויקער“, וועמענס בונטאַרישקייט איז אין האַקענס מוזיק אַזוי עכט משה־לייביש; אָדער מאַנגערס „אָוונטליד“, וואָס האַקענס מעלאָדיע לאָזט אונדז ממש באַנעמען די בענקשאַפט פון דיכטער נאָך דעם פאַרשווונדענעם טאָג, צי דאָס איז גאָר יאָסל לערנערס „כּלה שיינע, מאָרגנשטערן“ וואָס בעט זיך בײַ האַקענען תּחנונימדיק „ווען וועל איך אַ כּלה ווערן?“ צי מאיר חרצס פּעסימיסטישע „זעונג“, ווו האַקען האָט דערגרייכט צו די דינסטע סטרונעס פון דיכטערס ליריק; און אַזוי יעקב פרידמאַנס שקיעה־ליד „ס׳איז צײַט“, ווו עס גיסט זיך צונויף האַקענס קלאַנג מיט פרידמאַנס וואָרט צו איין אײנס, און אין ווערא האַקענס „בײַם ווינטערפײַער שטייען מיר“, ווו דער קאָמפּאָזיטאָר איז מזווג דעם אַלטמאָדישן ראָמאַנסמאָטיוו מיט זײַן באָבעס ניגון. אַזוי ליד בײַ ליד, וואָס באַווײַזט און זאָגט עדות, אַז מיט די „ניגונים צו ייִדישער דיכטונג“ האָט האַקען אונטערגעטראָגן אַ פּילפאַרביק שנירל פּערל דער ייִדישער פּאָעזיע.

ד״ר עמנואל האַקען געפינט זיך איצט אין סאַמע בלי פון זײַן געבענטשטן טאַלאַנט. די 21 ניגונים זענען בלויז אַ טראָפּן פונעם ים, בשעת אַ ים יידישע און העברעיִשע לידער וואַרטן אויף זייער מוזיקאַלישן תיקון. ווען מיר אים ווינטשן, אַז די ערשטע זאַמלונג זאָל אים דינען ווי אַ סטימול פאַר ווײַטערדיקע שאַפונגען. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער פאַכמענישער אַראַנזשעמענט פאַרן קלאַוויר פון באַוווסטן פיאַניסט ד״ר חנן ווינטערניץ איז ווערט געלויבט צו ווערן.

„ישׂראל־שטימע״, 22.8.1973

יוסף שמידט

מײַן באַקאַנטשאַפט מיט דעם פענאָמענאַלן זינגער האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1918 און זיך געצויגן ביז זײַן אַרויפקלעטערן אויפן באַרגשפּיץ פונעם אָלימפּ און זײַן טראַגישער אַראָפּנידערונג.

עס שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס קלײנוווקסיקע בחורל, מיט זײַנע גרויסע גרוי־ברוינע אויגן, אינעם גימנאַזיסטן־קאַשקעטל, אין די קורצע קני־הייזלעך, ווען ער פלעגט בגנבה זיך אַרײַנכאַפּן צו די אָוונטקורסן פון די יוגנטלעכע פּועלי־ציון, אַוועקזעצן זיך אויף דער לעצטער באַנק און שלינגען יעדעס וואָרט. נאָך דער לעקציע פלעגן מיר פאַרבלײַבן אין פאַראיין־לאָקאַל און זינגען אַרבעטער־ און פאָלקס־לידער. נאָך אייניקע אויפדערנאַכטן איז שמידט געוואָרן היימישער, זיך באַטייליקט אין די דיסקוסיעס, און דער עיקר — אין זינגען.

אין גיכן איז שמידט געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד פון אונדזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, שפּעטער האָט ער אַ שטיקל צײַט אויסגעפירט די פונקציע פון קאַסירער. זײַן גרויסע לירישע טענאָרשטים האָט ניט געפעלט אויף אַלע אונדזערע ליטעראַרישע אָוונטן. דערנאָך איז מיר אויסגעקומען צוזאַמען מיט שמידטן צו שפּילן אין אליעזר שטיינבאַרגס קינדער־פּיעסעס, וואָס איך האָב באַטראַכט פאַר איינע פון מײַנע זכיות אין לעבן.

יוסף שמידט איז געבוירן געוואָרן דעם 4טן מאַרץ 1904 אין דעם בוקאָווינער האַלב־קאַרפּאַטן האַלב־סטעפּדאָרף דאַווידען, בײַ דעם טײַך סערעט, ווו זײַן פאָטער וועלוול שמידט, אַ פאַרברענטער סאַדיגערער חסיד האָט געהאַלטן די פּאַססיע.

אייגנטלעך איז וועלוול שמידט מער געזעסן איבערן תהילים און איבער דער גמרא, ווי אין זינען געהאַט די פּאַססיע, האָט ער ממילא אויך ניט געהאַט ווען זיך צוצוהערן צו דער גאָלדן־סאַמעטענער שטים פון זײַן יאָסעלען. אָבער להיפוך צו שמידטס פאָטער האָט שמידטס מוטער שׂרה געהאַט אַ פײַן געשליפן אויער

און אַן אײַנגעבוירן געפיל פאַר מוזיק און געזאַנג. פון איר טאַקע האָט שמידט געירשנט זײַן פילזײַטיקע מוזיקאַלישע באַגאַבונג.

אין חדר איז דער שטרענגער רבי צו ערשט ניט געווען שטאַרק צופרידן פון שמידטן: „לא די וואָס ער אַליין חזרט ניט דאָס לערנען, האַלט ער גאָר אין איין זינגען. פירט דערמיט איבער די איבעריקע תּלמידים". נאָר פּאַמעלעך איז דער דאָזיקער מלמד — אגב אַליין אַ שטיקל יודע נגן — באַגײַסטערט געוואָרן פון שמידטס נגינה און פאַרגעלייגט שמידטס עלטערן זײַן גרייטקייט אים צו לערנען בחינם שרײַבן נאָטן. דער מוטער איז די פּראָפּאָזיציע ווויל געפעלן, דאַקעגן בײַם פאָטער האָט דעם מלמדס אָנגעבאָט ניט זייער נושׂא־חן געווען: „זאָל מײַן יאָסעלע בעסער גוט לערנען און מיט גאָטס הילף זיך אויסלערנען אויף אַן אַפּטייקער, צי גאָר אויף אַ דאָקטער, וואָס שרײַבט רעצעפּטן און נישט קיין נאָטן"...

פון טאָג צו טאָג האָט זיך אַלץ מער אויסגעברייטערט די פּאָפּולאַריטעט פון דעם זינגענדיקן יאָזשי (אַזוי האָבן אים זײַנע בני־הכפר פאַרצערטלט), ניט נאָר אין דאַווידען, נײַערט איבער די שכנותדיקע דערפער אַרום. ס'איז ניט פאָרגעקומען קיין שום קינדער־יום־טוב, אָדער אַ פאַמיליע־שׂימחה, אָן דער באַטייליקונג פון זינגענדיקן יאָזשי.

שטאַרק באַליבט איז ער געוואָרן בײַ די מתפּללים פון דאָרפישן שולעכל, ווו ער פלעגט אונטערהאַלטן דעם בעל־תּפילה, טאַקע זײַן רבין פון חדר, וואָס האָט אים געלערנט לייענען און שרײַבן נאָטן, נאָר באַזונדערס האָט ער אויסגענומען ימים־נוראים, ווען ער האָט מיטגעזונגען מיט דעם פון שטאָט אַראָפּגעבראַכטן חזן.

1918, תּיכּף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך די משפּחה אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע פון עסטרײַכישן הינטערלאַנד און זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ. דאָ האָט יוסף שמידט געלערנט אין אַ מיטלשול און אײנצײַטיק געזונגען אין קינדערכאָר פונעם טעמפּל, ווו זײַן אייגנטלעכער געזאַנג־לערער און מבין אויף זײַן אויסטערלישער שטים איז געווען דער הויך באַגאַבטער דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר יוסף טובשטיין.

דאָ האָט שמידט זיך אָנגעטראָפן אויף זײַן אבן־נגף, נעמלעך, זײַן קליינער וווקס. צו יענער צײַט האָט זיך גראָד זײַן אַלט־שטים אַנטוויקלט צו אַ וווּנדערלעכער טענאָר־שטים, און טובשטיין, ווי אויך דער באַסיסט פונעם טעמפּל פאַליקמאַן, האָבן אַלץ אָנגעווענדט מען זאָל שמידטן איבערפירן אין מענערכאָר, און ער זאָל זינגען סאָלאָ־נומערן, אָבער זייערע באַמיִונגען זענען געבליבן אָן דערפאָלג, די צילינדער־באַלעבאַטים פון טעמפּל, בראש מיטן פרנס זעליג וואַגשאַל, איז ניט

אַנגעשטאַנען, אַז אָט דער קליינטשיקער שמידט זאָל שטיין אין פּראָנט פונעם מענערכאָר. „ס'איז ניט עסטעטיש". ערשט ווען דער באַרימטער חזן משה שטיינבערג איז אָנגעקומען ווי אייבערקאַנטאָר פון טעמפּל, און הערנדיק שמידטן זינגען, האָט ער אים תיכּף באַשטימט פאַר דעם ערשטן טענאָר.

יוסף טובשטיין, ווי איינער פון די פּראָמינענטע דיריגענטן אין טשערנאָוויץ, אַליין אַ טענאָר, האָט אויך פון צייט צו צייט אָנגעפירט מיטן כאָר אין שטאָט־טעאַטער, ווו ס'האָט געשפּילט אַ שארית־הפּליטה פון צעפאַלענעם עסטרייך, אַ דייטשע טרופּע. טובשטיין האָט מיט זיך מיטגענומען זיין תּלמיד שמידט, וועלכער האָט אויך דאָ אַרויסגעשיינט. באַזונדערס האָט שמידט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיינע סאָלאָס אין די אָפּערעס „די הוגענאָטן" און „דער וואַנגעליע־מאַן".

באַגלייך מיטן זינגען אין די כאָרן פון טעמפּל און טעאַטער נעמט שמידט אָנטייל אין פאַרשידענע אימפּרעזעס, איז ממשיך דאָס לערנען אין שול, לערנט פידל־שפּילן ביי דעם אין שטאָט באַוווּסטן פּראָפעסאָר קרעמער, און נעמט איינצייטיק געזאַנג־לעקציעס ביי פּראָפעסאָר לערכענפעלד־הרימאַלי.

זיינע אַלזייטיקע מוזיקאַלישע פעיקייטן ווערן מיט ריזן־טעמפּאָ קולטיווירט, ס'וואַקסן אויך זיינע קינסטלערישע אַמביציעס, ער חלומט שוין פון ווערן אַן אָפּערע־זינגער. אָבער זיין קליינע פיגור איז אים אַ גרויסער שטער. דערצו האָט אַ געוויסער דאָקטאָר ביי אַ מעדיציניִשער אונטערזוכונג וויכטיק־טועריש זיך אויסגעדריקט: „איר מיט אייער קאַרליק־פיגורל זענט אַזוי מסוגל צו ווערן אַ זינגער, ווי איך אַ טאַנצמייסטער" — דער גורל האָט עס אָבער געוואָלט, אַז דער „קלוגער" דאָקטאָר איז טאַקע ניט געוואָרן קיין טאַנצמייסטער, אָבער דער קליינער יוסף שמידט איז געוואָרן אַ גרויסער זינגער. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער שרייבט דער באַוווּסטער ציוניסטישער פירער ד"ר מאיר עבנער אין דער „אָסט־יודישער צייטונג" אַן אָפּהאַנדלונג איבער יוסף שמידט און פאַרענדיקט זיין מאמר: „קליין איז ער געבליבן, גרויס איז ער געוואָרן".

אַ דאַנק זיין קליינעם וווּקס, און דער עיקר צוליב זיין גאָלדענער שטים, האָט שמידט אָפט געשפּילט אין קינדער־פּיעסעס, אָנגעפירט פונעם מוזיק־לערער פון דער יידישער שול יוסף עסנער. נאָר אַז דער קליינטשיקער יוסף שמידט פאַרמאָגט אַזאַ זיסן טענאָר, איז דער ברייטער טשערנאָוויצער עולם ערשט געוווירגעוואָרן בעת זיינע אויפטריטן אין אליעזר שטיינבאַרגס קינדער־פּיעסעס „יוסף מוקיר שבת" און „אַברהם אָבינו".

שמידטס צוגעבונדנקייט צו יִדיש, יִדישער קולטור, זײַן נשמהדיקע באַציִונג צו אליעזר שטיינבאַרגן, באַווײַזט פאָלגנדיקער פאַקט: ווען שמידט האָט שוין נאָכן פאַרענדיקן די בערלינער „הויכשול פאַר מוזיק און געזאַנג", מיט סמיכה פון די גרעסטע מוזיק־אויטאָריטעטן, געוויילט אין טשערנאָוויץ, און צו יענער צײַט (מאַרץ 1928) זענען פאָרגעקומען געזעגענונג־אָוונטן צוליב א. שטיינבאַרגס אָפּפאָרן קיין בראַזיל, האָט זיך אויף איינעם פון די קערמישלעך אין הויז פון ד"ר נאָטע ראָזנבלאַט פּלוצעם דערהערט שמידטס לירישער טענאָר, זײַן אַרײַנקומען אומדערוואַרט און זינגען דאָס מכבי־ליד איז געווען אַן אמתער פאַרגעניגן און סורפּריז.

דער קרײַז פון שמידטס אָנהענגערס ברייטערט זיך אויס. צווישן זײַנע פאַר־ערערס פאַרדינען באַזונדערס דערמאָנט צו ווערן דער אין טשערנאָוויץ באַוווסטער מוזיק־קענער יעקב בינער און צוויי יִדן פון אַ גאַנץ יאָר, משה רים און הירש מינצער, וועלכע האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום שוועריקייטן, ביז ס'איז זיי געלונגען אַרויסצורײַסן שמידטן פון די ענגע טשערנאָוויצער טעמפּל־ווענט און אים שאַפן מעגלעכקייטן אַרויסצופאָרן קיין בערלין.

ניט ווייניק האָט דערצו בײַגעטראָגן דער אויף זייער איניציאַטיוו אַראַנזשיר־טער „אַריעס־ און לידער־אָוונט", וואָס איז פאָרגעקומען יולי 1924 אין טשערנאָ־וויצער גרויסן זאַל פון מוזיק־פאַראיין. אַ באַזונדערע חשיבות פאַר דעם קאָנצערט איז געווען וואָס פּראָפעסאָר אַלפרעד אַדלער האָט אַקאָמפּאַנירט. בײַ לאַנגדויערנ־דיקע אָוואַציעס, און אין אַן אויסגעבאַרגטן סמאָקינג האָט שמידט געזונגען רומענישע באַלאַדעס, יִדישע פאָלקסלידער, אַריעס פון פּוטשיני, ווערדי, לעאָנקאַוואַלאָ א"אַ.

דער באַוווסטער קונסט־קריטיקער און מיטרעדאַקטאָר פון דער דײַטש־יִדי־שער טאָגצײַטונג „טשערנאָוויצער מאָרגנבלאַט", ד"ר ראָזענבערג, האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אַ גרויסן אַרטיקל איבער שמידטן און פאַרענדיקט זײַן רעצענזיע מיט די ווערטער: „אָט דער יונגער־מאַן וועט נאָך אַרויפשטײַגן צו דער הויך פונעם אָלימפּ".

מיט 4 חדשים שפּעטער, נאָוועמבער 1924, פאָרט שמידט אַוועק קיין בערלין, פאַרפאָרט צו זײַן פעטער (דער מוטערס ברודער) לעאָ ענגל, וואָס נעמט אויף זיך דעם פּאַטראָנאַט און ווערט שפּעטער דער אימפּרעסאַריאָ פון זיין שוועסטערס זון.

אין דער בכּבודיקער מאָנאָגראַפיע „יאָזעף שמידט, דאָס לעבען אונד שטערבן איינעס אונפערגעסליכן" פון גערטרוד און קאַרל ניי־נאָוואָטני לייענען מיר: „דורך פאַרמיטלונג פון זײַן פעטער לעאָ ענגל איז שמידט איייניקע טעג נאָך זײַן אָנקומען קיין בערלין געוואָרן אויפגענומען פון פרוי ד"ר יאָפּפּאַ, אַ באַקאַנטע מוזיק־קענערין

וואָס האָט אויך ענגע פֿאַרבינדונגען מיט בערלינער מוזיק־אויטאָריטעטן. אויפֿן ערשטן אויגנבליק האָט די קליינע שמידט־פֿיגור אַרויסגערופֿן בײַ דער דאַמע אַ צווייפֿלהאַפֿטע מינע, אָבער ווי נאָר זי האָט אים געהערט זינגען, האָבן זיך באַוויזן גאַנץ אַנדערע פֿאַרבן אויף איר פּנים; זי איז תּיכּף צו צום טעלעפֿאָן און האָט אַרײַנ־גערעדט: „העד פּראָפֿעסאָר — איך הער איצט אַזוינס, וואָס כ׳האָב ביז איצט נאָך קיין מאָל נישט געהערט. איך האָב איצט געהערט אין מײַן וווינונג די שענסטע שטים. בײַ מיר זיצט אַ קליינער מאַן מיט אַ ווונדערלעך קול". דאָס האָט זי זיך פֿאַרבונדן מיטן מוזיק־פּעדאַגאָג פּראָפֿעסאָר ווײַסבאַרן, וואָס איז אויך געוואָרן איבערראַשט, הערנדיק שמידטס טענאָרשטים, און אויף זײַן רעקאָמענ־דאַציע האָט שמידט זיך פֿאַרשריבן אויף דער „בערלינער הויכשול פֿאַר מוזיק און געזאַנג" פֿרײַ פֿון יעדן אָפּצאָל.

טשערנאָוויץ לאָזט ניט אַדורך קיין איין גינסטיקע געלעגנהייט כּדי צו אָראַנ־זשירן שמידטן אויף קאָנצערטן. אויף איינעם פֿון די קאָנצערטן זענען אָנוועזנדיק צוויי טוריסטן פֿון האָלאַנד, זיי זענען אַזוי אַנטציקט געוואָרן, אַז זיי האָבן אים תּיכּף פֿאַרפּליכטעט אויף צוויי קאָנצערטן קיין אַמסטערדאַם און ראָטערדאַם. אָט די צוויי אַרויסטרעטונגען האָבן אַרײַנגעבראַכט די האָלענדישע פּרעסע און דאָס דאָרטיקע פּובליקום אין אַן אומבאַשרײַבלעכער התלהבות. פֿון דאָרט איז ער געוואָרן פֿאַרבעטן קיין בעלגיע, און אין אַנטווערפּן האָט ער געקראָגן, צום דריטן מאָל, דעם טראַדיציאָנעלן גאָלדענעם קראַנץ.

נאָך די קאָנצערטן אין האָלאַנד און בעלגיע קומט ער ווידער קיין בערלין. ווען דער גענעראַל־דירעקטאָר פֿון דער בערלינער מלוכה־אָפּערע לעאָ בלעך האָט שמידטן געהערט זינגען, איז ער, ווי אַלע, געוואָרן שטאַרק באַגײַסטערט און געזאָגט: „אַ שאָד, שמידט, וואָס איר זענט ניט קליין!" ווען שמידט האָט אַ פֿאַרוווּנדערטער געענטפֿערט: „הער גענעראַל־דירעקטאָר, איך בין דאָך אַ קליינ־טשיקער", האָט בלעך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „אַ טעות! איר זענט ניט קליין, ליבער שמידט, איר זענט צו קליין".

כּמעט אַ פֿאַרצווייפֿלטער האָט ער זיך ווידער געוואָנדן צו זײַן ערשטער פּאַטראָנעסע ד"ר יאָפּפּאַ, איר אויסדערציילט זײַן ביטער האַרץ. פֿרוי ד"ר יאָפּפּאַ האָט ניט קיין סך נאָכגעקלערט, אָנגעקלונגען צום לייטער פֿון „בערלינער רונד־פֿונק" (ראַדיאָ) און רעקאָמענדירט אויסצוהערן שמידטן.

שמידט ווערט דער אָפּערע־זינגער פֿון בערלינער ראַדיאָ, ער זינגט ניט נאָר פֿאַר דײַטשלאַנד, מיליאָנען מענטשן פֿון אַלע וועלטעקן זיצן בײַ זייערע

ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און באַוווּנדערן שמידטס אומפאַרגלײַכלעכע שטים. עס קומען אָן אָנפראַגעס פון בריטן אויסלאַנד: ווער איז דער זינגער, פאַר וואָס האָט מען אים ביז איצט נאָך ניט געהערט? בקשות, מ׳זאָל אָפטער איבערגעבן קאָנצערטן פון דעם גאָניאַלן זינגער. די פּרעסע איז פול מיט שבחים פאַר דער פענאָמענאַלער שטים. מ׳פּרייט זיך איבער דעם תחית־המתים פון ענריקאָ קאַרוזאָ.

אויף צו מאָרגנס נאָך דער ערשטער ראַדיאָ־איבערגעבונג שרײַבט די גרויסע „פאָסישע צײַטונג" צוו"אָ: „די פּאָפּולאַריטעט פונעם ראַדיאָ האָט נעכטן פאַרצייכנט אַ גרויסן נצחון. מיר האָבן געהערט אַ טענאָר מיט אַזאַ גלאַנץ, מיט אַזאַ טעמבער, וואָס אַזוינס האָבן מיר נאָך ניט געהערט. יוסף שמידט איז אַ זינגער, וואָס זײַן נאָמען וועט פאַרייביקט ווערן אין אַלעמענס הערצער".

דער באַרימטער קאַמער־זינגער און לייטער פון דעם אָפּערע־אָפּטייל בײַם בערלינער ראַדיאָ קאָרנעליוס בראָנגעסט, וואָס האָט פּערזענלעך געקענט דעם באַרימטן קאַרוזאָ און אויך געווען זײַן פּאַרטנער, שרײַבט: „מ׳האָט שוין אָפט געפּרוווט געפינען ענלעכקייטן צו קאַרוזאָס טענאָר, נאָר ביז יוסף שמידטן האָט קיין איינציקער פאַרגלײַך ניט געפּאַסט".

שמידט ווערט געקרוינט מיטן עפּיטעט: „ראַדיאָ־זינגער נר׳ 1". אין 1930, ווען בערלין מערקט אָפּ מיט אַ פּאָמפּעזער פײַערונג דעם צען־יאָריקן יובילײ פון איר ערשטער מוזיק־עמיסיע דורכן ראַדיאָ, קלויבט אויס די בערלינער מוזיק־וועלט יוסף שמידטן און וועראַ שוואַרץ ווי די הויפּט אָנטייל־נעמערס פון אָט דער גראַנדיעזער פײַערונג. שמידט האָט געזונגען טאַמינאָ אין מאָצאַרטס „צויבער־פלייט", און ווערט דערפאַר באַצייכנט ווי דער בעסטער מאָצאַרט־אינטערפּרע־טירער.

30סטער יאַנואַר 1933. דער פינצטערסטער טאָג אין דער געשיכטע פונעם 20סטן יאָרהונדערט. אַדאָלף היטלער איז דורך דעם דײַטשישן פאָלק אויסגעוויילט געוואָרן. אָבער דאָס זעלביקע דײַטשישע פאָלק איז נאָך געזעסן בײַ די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און פריידיק אויפגענומען די מעלדונג פונעם דיקטאַטאָר: „און איצט ווידער אונדזער ליבלינג יוסף שמידט". אַזוי לאַנג ווי דאָס דײַטשישע פאָלק איז ניט פאַרכאַפּט געוואָרן פון די היטלערישע געזעצן, איז יוסף שמידט געווען זייער ליבלינג.

צו יענער צײַט באַווײַזט זיך דער שמידט־פילם „אַ ליד גייט איבער דער וועלט". דעם 9טן מײַ 1933 קומט פאָר אויפן עקראַן פון בערלינער „אופאַ־פּאַלאַץ" די פּרעמיערע און ווערט באַצייכנט ווי דאָס גרעסטע פילם־געשעעניש. שמידט

זעט פאָרויס אַז ער וועט מוזן טיילן דעם גורל פון די טויזנטער ייִדן און טראָגט איבער זײַן „באַזע״ קיין וויִן, און פון דאַנען קייטלט ער זײַנע גאַסטראָלן אין די הויפּטשטעט פון פראַנקרײַך, בעלגיע, האָלאַנד, סקאַנדינאַווישע לענדער. ער כאַפּט זיך נאָך אַרײַן קיין דײַטשלאַנד אויף איניקע גאַסטראָלן, דערנאָך קיין פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקײַ, פון דאָרטן אויף קאָנצערטן אין די באַלקאַן־לענדער. אין 1934 קומט ער קיין ארץ־ישׂראל. דאָ זינגט ער אין ירושלים, חיפה און אין תּל־אביבֿ, לויטן קאָנטראַקט איז ער געווען אַהער פאַרפליכטעט צו איין איינציקן קאָנצערט אין יעדער פון די דרײַ שטעט, דער דערפאָלג איז אָבער געווען אַזוי איבער־ראַשנדיק, אַז אין תּל־אביבֿ האָט ער געמוזט געבן פיר אויפטריטן.

אין 1935 קומט פאָר אין ווינער לוסטשפּיל־טעאַטער די פּרעמיערע פון זײַן צווייטן פילם „סע פאַלט אַ שטערן פונעם הימל״, וועלכער האָט ניט קיין קלענערן דערפאָלג פון זײַן ערשטן גרויסן פילם.

1936. דער בערלינער „ייִדישער קולטור־בונד״ האָט באַקומען די דערלויבעניש פאַר צוויי שמידט־קאָנצערטן, און דעם 29סטן יאַנואַר 1936, ווען עס האָט געזאָלט פאָרקומען דער ערשטער אָוונט, זענען די פּלאַקאַטן־סטענדן באַקלעפּט געוואָרן מיט שטרײַפן: „יאָזעף שמידט־קאָנצערטן אין בערלין פאַרבאָטן״, און אַלע צײַטונ־גען האָבן אויף דער ערשטער זײַט פאַרעפנטלעכט אָט די מעלדונג.

פעברואַר 1937 לאָזט זיך שמידט מעבר־לים. דעם 7טן מאַרץ זינגט ער אין ניו־יאָרק מיט אַן אומבאַגרענעצטן דערפאָלג, און דעם זעלביקן אָוונט שרײַבט ער אונטער אַ קאָנטראַקט אין וועלכן ער פאַרפליכטעט זיך אויף נאָך אַ קאָנצערט, וועלכער קומט צו שטאַנד אין חודש אָקטאָבער פון דעם זעלביקן יאָר מיט ניט קיין קלענערן דערפאָלג ווי זײַן ערשטער קאָנצערט. און ווידער קיין איראָפּע. גיט קאָנצערטן אין אַלע הויפּטשטעט, ביז זיי ווערן איינע נאָך דער אַנדערער באַזעצט פון די היטלער־חילות.

אין 1938 באַזוכט שמידט זײַן משפּחה אין טשערנאָוויץ און פאַרלאָזט זי סוף אויגוסט 1938. ער וואָגלט פון בעלגיע קיין האָלאַנד, פון האָלאַנד אין אַנדערע איראָפּעיִשע לענדער און האָפט נאָך אַלץ, אַז די לאַגע וועט זיך נאָרמאַליזירן און ער וועט זיך נאָך אומקערן קיין דײַטשלאַנד.

ער איז אָנגעקומען קיין בעלגיע גראָד אין טאָג ווען די היטלערישע באַנדעס האָבן אַרײַנמאַרשירט קיין בריסעל. זײַן לעצטער בריוו אַהיים האָט אויף זיך געהאַט אַ היטלערישן צענזור־שטעמפּל פון דער בעלגישער הויפּטשטאָט — פון דאַנען איז ער אַוועק קיין פראַנקרײַך, אין דער ניט־אָקופּירטער זאָנע. דאָ זיך ניט לאַנג אויפגעהאַלטן, ניט געזען פאַר זיך קיין פּערספּעקטיוו צו קומען צו אַ

זיכערן ברעג, האָט ער זיך פֿאַרבונדן מיט אַ גרופּע פּליטים און מיט זיי — איבער ליאָן, דערנאָך די סאַוואָיען־אַלפּן — דערשלעפּט צו דער שווייצאַרישער גרענעץ, וועלכע ער האָט דערגרייכט דעם 28סטן סעפּטעמבער 1942.

מיד און צעבראָכן פֿון די שווערע וואָכן־לאַנגע וואַגלענישן, אָבער מיט דער האָפֿענונג, אַז די פֿרייַע שווייץ, ווו זייַנע קאָנצערטן זענען כּסדר געווען אַ געשעע־ניש, וועט פֿאַר אים זייַן אַ מקום־מיקלט, איז ער אָנגעקומען צו דער גרענעץ און זיך באַגעגנט מיט אַ ביטערער אַנטוישונג: די גרענעצוואַך האָט אים אויפֿגע־פֿאָדערט תּיכּף צו פֿאַרלאָזן דעם שווייצאַרישן באָדן. שמידטס ווענדונגען, אַז ער איז יוסף שמידט, אַז ערשט ניט לאַנג האָט ער געזונגען אין די גרעסטע זאַלן פֿון דער שווייץ, און אויך אין שווייצער ראַדיאָ, און אין הסכּם מיטן אינטערנאַציאָנאַלן רעכט פֿאַר פּאָליטיש פֿאַרפֿאָלגטע, רעפּלעקטירט ער אויף פּאָליטישן אַזיל — אָט די אַלע אַרגומענטן האָבן ניט געהאָלפֿן, דער שווייצאַרישער גרענעץ־קאָמאַנדאַנט האָט טרוקן און קאַלט געענטפֿערט: „פּליטים וואָס קומען אומלעגאַל, לאָזן מיר ניט אַרייַן, און קיין זינגער באַדאַרפֿן מיר איצט ניט". בלית־ברירה האָט ער זיך געמוזט אומקערן. אַרומגעבלאָנקעט איבער די אַלפּן, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ צווייטן גרענעצפּונקט און ערשט דעם 8טן אָקטאָבער 1942 איז אים געלונגען — שוין אַ קראַנקן — זיך צו דערקלייַבן קיין ציריך.

ער האָט קוים באַוויזן אַ וואָך צייַט צו פֿאַרבלייַבן אין אַ ציריכער פּענסיאָן און קאָנסולטירן זיך מיט אַ דאָקטער, איז ער געוואָרן אויפֿגעפֿאָדערט צו פֿאַר־לאָזן ציריך און זיך פֿאַרנעמען אין פּליטלינגס־לאַגער זשירנבאַך. דער דאָקטער, וואָס האָט אים מעדיציניש באַהאַנדלט, האָט זיך געוואָנדן צו די געהעריקע אינ־סטאַנצן, אָנווייַזנדיק, אַז זייַן שוואַכער געזונט־צושטאַנד דערלויבט אים ניט צו פֿאַרלאָזן דאָס בעט, האָט אָנגעטראָפֿן אויף טויבע אויערן. אַ ציריכער צייַטונג האָט געשריבן: „ראַטעוועט די שטים פֿון יוסף שמידט, די שטים געהערט דאָך ניט בלויז שמידטן, און אויך ניט נאָר דער שווייץ, די דאָזיקע שטים געהערט דער גאַנצער וועלט". אויך דאָס האָט ניט געהאָלפֿן, קראַנקערהייט האָט מען אים עקספּעדירט אין פּליטים־לאַגער זשירנבאַך, וואָס פֿאַרדינט גיכער דעם נאָמען קאָנצלאַגער, און דאָ האָט ער דעם 16טן נאָוועמבער 1942 אויסגעהויכט די נשמה.

שמידט איז דעמאָלט אַלט געווען קוים 38 יאָר.

„ישׂראל־שטימע", 1974.4.29

דינה רויטקאָפּ

בדרך־כּלל קענען מיר צוויי פּאַרלייען־שולן: די סאַלאָן־פּאַרלעזונג, וועלכע טיילט זיך אויס דערמיט, וואָס דער קינסטלער באַנוצט זיך ניט מיט קיין שום אויסער־לעכע מיטלען, ער זיצט ביי אַ טיש, ס׳ליגט פאַר אים דאָס אויפגעמישטע בוך און ער לייענט, אָן שום באַוועגונג, בלויז די אינטאָנאַציע און שטרענגע האַרמאָניש־קייט און זיינע שפּילנדיקע אויגן עמאַציאָנירן אים גופא און באַגייסטערן דעם צוהערער. צו אָט דער קאַטעגאָריע געהערן די כּהנים פון דער פּאַרלייען־קונסט, דער וועלט־באַרימטער דייטשער שוישפּילער אַלעקסאַנדער מויסי, די ווינער אַקטריסע און באַרימטע תּהילים־לייענערין מאַריאַ פיין און אונדזערע גרויסע וואָרטמייסטערס הערץ גראָסבאַרד און יוסף בולאָוו. — די צווייטע קאַטעגאָריע, די אייגנטלעכע טעאַטראַלע רעציטאַטאָרס ווירקן עפעקטיוו דורך דינאַמישקייט, זיי שפּילן אויס לויטן באַגריף „כּל עצמותי תּאמרנה״; פון אָט דער שיטה קענען מיר די פּאַרלייענערס־קאָריפייען: יאָזעף ראָט, דער פון גאָט געבענטשטער „ווילנער״ יוסף קאַמען און דער רוסישער רעציטאַטאָר פון קינסטלערישן וואָרט וו. סאַמאָוו.

דעם סאַלאָן־פּאַרלייענער קען מען הערן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי קלאַסישע מוזיק. דאַקעגן דער רעציטאַטאָר פון דער צווייטער שיטה צווינגט דעם צוהערער אים נאָכצופאָלגן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אָפענע אויגן.

דינה רויטקאָפּ קערט זיך זייער נאָענט אָן מיט דער צווייטער קאַטעגאָריע. — איר געשולטקייט און אינטויִציע, געבוירענע אַרטיסטישע עשירות, סצענישע רוטין און פאַרליבטקייט אינעם קינסטלערישן וואָרט, שטעלן מיט זיך צוזאַמען די הונדערט־פּראָצענטיקע קינסטלערין.

דינה איז אַ זוכה בגורל. איר האָט נאָך אָפּגעגליקט צו אַבסאָלווירן די טעאַטער־שול ביים מאָסקווער „גאָסעט״, אונטער דער אָנפירונג פון שלמה מיכאָעלס, און דעביוטירן ווי אַ פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע פאַרן סגירת הארון,

ד״ה אײדער נאָך די סטאַלינישע האַק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן ייִדישן טעאַטער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

בעתן טרויעריקן בין־הזמנים האָט דינה געאַרבעט איבער זיך. זיך פֿאַרטיפֿט אין די שאַפֿונגען פֿון דער שײנער ליטעראַטור, און ווי נאָר עס באַווײַזן זיך די ערשטע ייִדישע בריגאַדעס, באַגעגנט אונדז דינה מיט אַ סולת־אָפּקלײב פֿון ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע און פּראָזע און אויך פֿון ייִדישער קלאַסיק.

כּמעט אין יעדער ערנסטער קינסטלער־בריגאַדע באַטײליקט זי זיך. זי איז זיך משתתּף אין די קאָנצערטן פֿון דעם הויך באַגאַבטן און, לײדער, פֿרי פֿאַר־שניטענעם בנימין כאַיאַטאָווסקי ז״ל, פֿון נחמה ליפּשיץ, קלעמענטינע שערמעל און אַנאַ שעווליאַוואַ א״אַ. אויך דאָ איז איר סעלעקציע אַ געראָטענע. מיט ליטע־ראַרישן געשמאַק און קינסטלערישער פֿאַרשטענדעניש פּאַסט זי צו איר פּראָגראַם צו די לידערטעקסטן פֿון אירע פּאַרטנערן, אַז עס זאָל זיך באַקומען אַן אײנהײט־לעכע ליניע פֿון צוויי קונסטזשאַנערן.

קײן ישׂראל האָט דינה מיטגעבראַכט אַ היפּשן באַגאַזש, אַז מ׳הערט זי דאָ אײן מאָל, אָדער מער, שטאַרקט זיך דער אײַנדרוק אַז זי איז הײליק מקיים אַ נדר, וואָס זי האָט אַ מאָל מנדר געווען. איז זי טאַקע פֿון די ווײניקע עולים־קינסטלערס, געקומענע פֿונעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס דערפֿילט אַ ביז גאָר וויכטיקע מיסיע מיט איר פּאָפּולאַריזירן פֿאַרן ברײטן ישׂראל־עולם די פּערל פֿון דער סאָוועטישער דיכטונג, ווי שיקע דריז און דוד האָפּשטײן, משה טײף און פּרץ מאַרקיש, עזרא פֿינינבערג און אהרון קושניראָוו, שלמה רויטמאַן און יעקב שטערנבערג א״אַ.

ס׳איז אַן אַקסיאָמע, אַז דער קינסטלער איז דעמאָלט עכט, ווען ס׳פֿאַרשווינדט די מחיצה צווישן אים און דעם צוהערער. אין אַזאַ פֿאַל בלײַבט אויף לאַנג לאַנג דאָס פֿאָרגעטראָגענע אינעם צוהערערס געדעכעניש.

צוקומענדיק אַנומלט צום „לײוויק״־הויז, וווּ ס׳איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאָרלעזונג פֿון דינהן, האָב איך אָנגעטראָפֿן בײַם אַפּיש אַ ייִד אין די מיטעלע יאָרן וואָס האָט מיך געפֿרעגט אין אַ גאַליציאַנער געשמאַקן ייִדיש, צי דינה וועט הײַנט לײענען „קיכאַלאַך מיט זעמאַלאַך״, ווײַל „צוריק מיט אײניקע חדשים האָב איך זי געהערט לײענען די מעשׂה מיט קיכאַלאַך און זעמאַלאַך און קען עס ביז הײַנט נישט פֿאַרגעסן״... אויך איך דערמאָן זיך אַזוי אָפֿט אין משה טײפֿס „קיכעלעך מיט זעמעלעך״, עס קלינגט אין מײַנע אויערן דינהס אויסרופֿן: „קויפֿט פֿאַר אַלע קינדערלעך, קויפֿט קיכעלעך מיט זעמעלעך״, פּונקט אַזוי געדענקט זיך איר אינטערפּרעטאַציע פֿון יעקב שטערנבערגס „קאַטערינע מאַלאַדיצע״, און דער מעלאָדישער עכאָ פֿון „דאָס ליד איז געבליבן, איז לעבט אויך דער ייִד״.

גאָר געראָטן גיט דינה איבער דעם שמועס פון דער מוסר־זאָגערין חנה און דער פאַרביטערטער, רעוואָלטירנדיקער גרונע אין „מוסר" פון י. ל. פרץ. אויב

נאָך אין אַ קלענעם טייל פון איר רעפּערטואַר באַקומט זיך ביי איר דער סינטעז פון סאַלאָן־פאַרלעזונג און טעאַטראַלער געשטאַלטיקונג, איז אַזאַ דערשיינונג אין „מוסר" לגמרי נישט צו באַמערקן. דאָ הערן מיר און זעען אויסשפּילן צוויי פאַר־שיידענע כאַראַקטערן מיט אַלע זייערע פּיטשעווקעס.

געלונגען באַקומט זיך ביי איר די נאָכדערציילונג פון שלום־עליכמס ווונ־דערלעכן „שיר־השירים". אין אַ קאָנדענסירטער פאָרעם גיט זי איבער די שטימונג אַרום דער נאַיִוו־ראָמאַנטישער אידיליע. געפּרעסט איז דער דיאַלאָג צווישן דער צייטיק־געוואָרענער בוזיע און דעם פאַרליבטן, און לסוף אַנטוישטן שימעק. דינהן האָט זיך איינגעגעבן קלוג צו דערוויטערן די דאָ איבערפלוסיקע פאָלקלאָ־ריסטיק און אַנעקדאָטיק פון דעם סיפור־המעשה און דערביי אָפּהיטן דעם ריטעם און די ספּעציפיק פון דער שלום־עליכמדיקער שפּראַך.

שלום־עליכמס „חרוסת" אין דינהס אינטערפּרעטאַציע רופט אַרויס האַרציקע לאַכסאַלוועס ביים עולם.

דעם ערשטן טייל פונעם אָוונט האָט אויסגעפּילט די אין לאַנד שוין באַקאַנטע פידל־שפּילערין עוואַ שטראָוס־מאַרקאָ מיט אייניקע ווערק אויף יידישע טעמעס. זי האָט געשאַפן אַ גוטע שטימונג פאַרן ליטעראַריש־קינסטלערישן טייל פון דינה רויטקאָפּ.

אָט אַזוי געניסט מען און אַזאַ איז זי, די קינסטלערין דינה רויטקאָפּ.

„ישראל־שטימע", 1974.3.20

לייבו לעווין זינגט און זאָגט

אַ בעל־תפילה, וואָס האָט על־פּי נוסח אָפּגעקנאַקט אַ געוויינלעכע שמונה־עשׂרה, האָט געהייסן אַ גוטער זאָגער, און אַז ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ שטיקל שטים און זײַן זאָגן איז אַרויסגעקומען זינגעוודיק, האָט מען אים שוין אָנגערופן „אַ גוטער זאָגער און זינגער". און אָט דעם טאָפּלטן עפּיטעט האָב איך צוגעאייגנט לייבו לעווינען, נאָך בשעת זײַנע ערשטע עפנטלעכע ליטעראַרישע פאָרלעזונגען מיט אַן ערך פערציק יאָר צוריק.

ערגעץ אין מיט פון די דרײַסיקער יאָרן איז דער יוגנטלעכער לייבו לעווין אַרויסגעפלויגן פון דער קאַרפּאַטן־שטאָט גורהומאַראַ, איבערגעלאָזט זײַן באַיאָנער חסידישע עלטערן־סביבה, געלאַנדעט אין אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין טשערנאָוויץ און דאָרט געמאַכט די ערשטע פּרוּוון פון האַלב־עפנטלעכע רעציטאַציעס. געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער יִדישער קולטור־באַוועגונג, די אָנגעפירטע פונעם „יִדישן שולפאַראיין", זיך באַקאַנט מיט די אוצרות פון דער שיינער יִדישער ליטעראַטור, אָנגעהויבן באַרײַכערן זײַן רעפּערטואַר, אויפגעטראָטן בײַ פאַרשיידענע ליטעראַרישע אימפּרעזעס און פאַמעלעך זיך געשאַפן אַן אוידיטאָריע. זײַנע פאָרלעזונגען האָבן אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מבינים, באַזונדערס פון דעם פײַנעם ליטעראַטור־קריטיקער און קונסטקענער פּראָפ׳ הערשל סעגאַל, וואָס האָט אויף זיך גענומען די אַפּוטרופּסות איבער דעם מאָגערן בחורל מיטן שפּילנדיקן פּנים און איז געוואָרן זײַן גײַסטיקער מדריך.

לעווינען האָט די נאַטור געגעבן באַגאַבונג מיט פולע זשמעניעס: אַקטיאָרישע פעיִקייט, ד"ה עלאַסטיש־ריטמישע באַוועגונג, אַ ריינעם טעמבער, אויסגעצייכנטע דיקציע, מוזיקאַלישן חוש, ליבע צום יִדיש־קינסטלערישן וואָרט און פאַרשטענדעניש פאַר אינטערפּרעטאַציע.

בײַ זײַן ערשטער עפנטלעכער פאָרלעזונג האָבן מיר שוין פאַר זיך געהאַט אַן אויסגעפורעמטן קינסטלער־רעציטאַטאָר, מיט אַן אייגענעם פנים, מיט אַן אייגענער לעווינישער וויזיט־קאַרטע.

אָבער זײַן שטים לאָזט זיך נישט קלאַסיפיצירן לויט די מוזיקאַלישע אָנגענומענע קאַטעגאָריעס. מ׳קאָן זי נישט אָנרופן טענאָר, נישט באַריטאָן און באַס. אַ פשוט וויל, ריין שטימעלע וואָס ברענגט אַרויס צאַרטע און אויך הויכע טענער, באַשײַנט און פאַרטײַטשט ליריש־פאָלקסטימלעך די טעקסטן. האָט שוין דעמאָלט, בעת זײַן ערשטן גרויסן קאָנצערט אַ בת־קול אַראָפגענידערט און אויסגערופן: לייבו לעווין איז אַ גוטער זאָגער און אַ גוטער זינגער פון ייִדישער ליטעראַטור.

און טאַקע — לעווינס זאָג־ און זינג־קאָנצערטן געווינען וואָס אַ מאָל מער פּאָפּולאַריטעט, די וואַרעמע אָפרופן פון דער פרעסע און פובליקום דערגייען צו שטאָט און שטעטל פון דעמאָלטיקן גרויס־רומעניע. וווהין נאָר זײַן גאַסטראָלן־טור דערפירט אים, ווערט ער אויפגענומען בסבר־פנים־יפות.

חוץ די אויבן אויפגעציילטע מעלות האָט אויך לעווין אַ נטיה צו קאָמפּאָזיציע. געפעלט אים אַ ליד, וואָס איז נאָך נישט פאַרטאָנט, פאַרפאַסט ער דערצו אַ מעלאָדיע; ניגונים פון פאָלקסלידער, וואָס זייערע מחברים זענען אַנאָנים, ווערן אויף ס׳נײַ דורך אים באַאַרבעט. אין יאָר 1939 טראָגט אונדז לעווין אונטער אַ פון הערש סעגאַל רעדאַגירטן און פונעם מאָלער איזיו שערף מיט געלונגענע צייכענונגען באַצירטן מיניאַטור־אַלבאָם מיט זײַנע ניגונים צו זעקס שלאָפלידער פון מ. ל. האַלפערן, אַ. רייזען, נחום יוד, איציק מאַנגער און ה. לייוויק.

אין 1940, ווען טשערנאָוויץ איז געוואָרן סאָוועטיש, איז מיר אויסגעקומען מיט לייבו לעווינען צו זײַן שותפים צו אַ היסטאָרישן אַקט. אויף אונדז ביידן איז אויסגעפאַלן דער גורל אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דער גרינדונג און דערעפענונג פונעם „ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין טשערנאָוויץ”. פאַר דער פײַערלעכער פרעמיערע איז געוואָרן באַשטימט שלום־עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט”. מיר איז געוואָרן פאַרטרויט די ראָלע פון שימעלע סאָראָקער און לעווין האָט אויסגעצייכנט געשטאַלטיקט דעם שנײַדער־געזעלן מאָטל קאַמזויל.

דערנאָך ווערט ער איבערגעפירט אין אַ געמישטער קינסטלער־בריגאַדע, שפעטער ווערט ער קאָמאַנדירט צו דער בריגאַדע פון באַרימטן רוסישן וואָרט־קינסטלער זשוראַווליאָוו, וועלכער לייענט רוסיש, בעת לעווין האָט געלייענט און געזונגען ייִדיש. דאָס באַאומרויִקט אָבער די „אותיות” (פאָליטישע פאָליציי) מיט איר סטאַלינישן „וואַכזאַמען” אויג, עפעס איז „נישט גלאַטיק”, אַ „זאַפאַדניק” וואָס האָט די העזה צו לייענען ייִדיש, קען דען נישט געמאָלט זײַן ער זאָל זיך

פאַרנעמען מיט קאָנטערעוואָלוציע?! דערצו האָט זיך מסתמא געפונען אַ „זאָגער", וואָס האָט אויסגעזאָגט פונעם חדר, אַז לעווין האָט אַ שייַכות צום ציוניזם, האָט מען אים טאַקע „פאַרבעטן" אין אַ „סאַנאַטאָריע", ערגעץ ביי די ווייַסע בערן...

קאַרגע אָנדערטהאַלבן יאָרצענדליק האָט מען נישט געהערט לעווינען זינגען און זאָגן, ביז ס'זענען מיט אים געשען צוויי נסים. איין נס וואָס ער איז אַרויס פון דער ק.ג.ב.־„סאַנאַטאָריע" בשן ועין, און דער צווייטער נס — וואָס עס האָט זיך אים אייַנגעגעבן זוכה צו זיין זינגען און זאָגן פון די בינעס פון חיפה און תל־אביב, צפת און ירושלים.

זענען מיר טאַקע דאָ נישט לאַנג געזעסן אין איבערפולטן „שרת"־זאַל פון פתח־תקווה און נהנה געווען פון די שייַנדלעך פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור מיט וועלכע דער אסיר־ציון לייבו לעווין האָט אונדז טראַקטירט.

לעווין האָט געוווּנען דעם ישׂראל־עולם, וואָס האָט מיט לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן אים געדאַנקט פאַר זיין זינגען און זאָגן.

דער יידישער שולפֿאַראיין אין טשערנאָוויץ

(דערמאָנונגען וועגן דעם אייגנאַרטיקן
יידישן קולטור-ווינקל אין רומעניע)

יאָר 1919. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט קוים אויפגעהערט, און ווי אומעטום, הייבט זיך אָן אין דער בוקאָווינע דער אָ״ג קולטור־רענעסאַנס אין יידישן לשון. עס דערוואַכן און לעבן אויף די יידישע פּאַרטייען, בתוכם די „פּועלי־ציון״ און דער „בונד״. זיי הייבן אָן אַרויסצוגעבן זייערע אָרגאַנען: די „פּועלי־ציון״ — די פרייהייט, דער „בונד״ — דאָס נייע לעבן. די אַקאַדעמישע חברה „יידישע קולטור״ — אַן ערשטלינג נאָך דער היסטאָרישער שפּראַך־קאָנפערענץ (1908) — באַנייט איר טעטיקייט צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט. אָבער כדי צו האַמעווען דעם דייטשישן אַסימילאַציע־שטראָם, אַן איבערבלייב פון דער עסטרייכישער תקופה, און פון דער אַנדערער זייט — זיך אַנטקעגן צו שטעלן דער רומעניזאַציע, וואָס די נייע מושלים, די רומענער, פּרווון איינפירן, האָט זיך געפאָדערט, פאַר־שטייט זיך, אַ געמיינזאַמער פראָנט פון אַלע וויטאַלע יידיש־כוחות. אַזוי איז אַנט־שטאַנען דער „יידישער שולפאַראיין״ לויטן מוסטער פון די דייטשישע שולפאַר־איינען (שפּעטער: קולטורבונד).

די אויפגאַבע וואָס דער ש״פ האָט פאַר זיך דאַן געשטעלט: קומען צום פאָלק, דערהייבן אים דורך זיין אייגענעם לשון, שאַפן קינדער־גערטנער, שולן, ביבליאָ־טעקן, קעמפן פאַר אַן ערנסטן יידישן טעאַטער אאַז״וו.

זיינע גרינדערס זענען געווען: (לויטן א״ב) פון „פּועלי־ציון״ — שלמה ביקל, י. גרודער, שולמית ווורמבראַנד, יצחק זינגער, שמואל טוכמאַן, פראָפ׳ חיים לעקער, ד״ר שמואל מאָזנער, ש. אַ. סופר, משולם סורקיס, ד״ר אליהו פעלדער,

טשערנאָוויץ 1928. אויף דער פּײַערונג לכּבוד 20 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ

ד״ר מאיר ראָזנער, ד״ר גבריאל ראָזנרויך, ד״ר פייוול שטערנבערג, ש. ל. שטײַנמעץ, ד״ר לייב שעפּלער, פישל שערף; די אומפּאַרטייִשע — ד״ר ישׂראל פורמאַן, אליעזר שטיינבאַרג, ד״ר ישׂראל שעפּלער; די בונדיסטן: באַלטוך, מרדכי און שׂרה כּתבן, ד״ר יעקב פּיסטינער און ד״ר בערל פרידמאַן. דער ערשטער פּאָרזיצער איז געווען פּראָפ׳ חיים לעקער, מיט דעם סעקרעטאַריאַט האָט אייניקע יאָרן אָנגעפירט ד״ר א. פעלדער.

ווי נאָר ס׳איז געבוירן געוואָרן די איניציאַטיוו האָט זיך אין טשערנאָוויץ באַזעצט אליעזר שטיינבאַרג און אַ דאַנק דעם דאָזיקן גאָלדענעם צופאַל איז דער

שולפּאַראיין געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע קולטור־אינסטיטוציעס אין יענעם לאַנד, און טשערנאָוויץ איז געוואָרן די יבנה פון ייִדישער קולטור אין דעמאָלטיקן גרויס־רומעניע.

די ערשטע פּעולה, מיט וועלכער דער ש״פ האָט זיך פּרעזענטירט, איז געווען די זומער־קאָלאָניע פאַר קינדער. בערך 150 קינדער (אין דרײַ טורן) זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון דער אָרעמקייט, פון פײַכטע און האַלב טונקעלע קעלער־ווינונגען, און אויף די זומער־וואַקאַציעס זיי אַרויסגעפירט אין קאַרפּאַטן־דאָרף וויזשענקאָ, ווו אַחוץ גוטער דערנערונג האָט אַ שטאַב פון קוואַליפיצירטע פּעדאַגאָגן (עטלעכע יאָר אונטער דער לייטונג פון אליעזר שטיינבאַרג) מיט זיי פאַרבראַכט אין געזאַנג און שפּיל. דאָרטן, אין דעם קינדערוואַלד, האָט שטיינבאַרג פאַר זיי געשאַפן לידלעך, קינדער־פּיעסעס, געשריבן און אויפגעפירט. בהדרגהדיק האָט זיך די קינדער־קאָלאָניע וויזשענקאָ אײַנגעפונדעוועט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אינסטיטוציע פון דערציִונג, איבער וועלכער ס׳וועט אויסקומען באַזונדער צו דערציילן.

אין גיכן האָבן זיך די רייען פון ש״פ אויסגעברייטערט. עס האָבן זיך צו אים באַהאָפטן די מאָלערס אַרטור קאָלניק און שלמה לערנער, אַ ביסעלע שפּעטער — איציק מאַנגער, חיים קראַפט, ד״ר משה פערנהאָף, אבנר באַראַק. ס׳האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון ייִדישער קולטור; אַחוץ דער פאַרהעלטעניש־מעסיק רײַכער ביבליאָטעק, וואָס האָט פונקציאָנירט טאָג־טעגלעך און זיך דערוואָרבן אַ סך לייענערס, האָט דער ש״פ געשאַפן אַ ייִדישן קינדער־גאָרטן, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון אויסגעבילדעטע פרעבליסטינס, בראש מיט דער באַוווסטער ייִדיש־ און העברעיִש־לערערין שולמית וווּרמבראַנד (היינט אַ וותיקה אין ישׂראל); אבנר באַראַק און דער שרײַבער פון די שורות האָבן אָנגעפירט מיטן דראַמקרײַז, וועלכער האָט נישט נאָר געשפּילט טעאַטער, נאָר אויך גענומען אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף קעגן שונד און הפקרות, וואָס האָבן געוועלטיקט דאַן אין דער ייִדישער טעאַטער־וועלט. באַזונדערס האָט זיך אײַנגעגעבן דער פאָלקס־אוניווערסיטעט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ שטאַב פון געניטע לעקטאָרן, בראש מיט א. שטיינבאַרג, משה אַלטמאַן, איציק מאַנגער, חיים לעקער, חיים קראַפט, ד״ר ישׂראל שעפלער, ד״ר מאַרקו שאַפער א״אַ.

דער ש״פ האָט געקעמפט פאַר אײַנפירן די ייִדישע אונטערריכט־שפּראַך אין דער אַ״ג ייִדישער שול פון דער קהילה, ווו מ׳האָט געלערנט אויף דײַטש, און ווען דער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט אָן רעזולטאַט, האָט דער ש״פ געעפנט נאָכמיטאָג־ און אָוונטקורסן פאַר יוגנטלעכע און דערוואַקסענע.

ס'האָבן זיך געעפנט אָפּטיילונגען פונעם ש"פּ אין די בוקאָווינער פּראָווינצ־שטעט: וויזשניץ, ראַדעוויץ און וואַשקעוויץ. באַזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט דער וויזשניצער שולפאַראיין, וועלכער האָט געעפנט אַ ייִדישע 4־קלאַסיקע פאָלקסשול.

איינצײַטיק פאַרנעמט זיך דער ש"פ מיט פאַרלעגערישער אַרבעט. אין יאָר 1919 דערשײַנט אַ "ייִדישע כרעסטאָמאַטיע פאַר מיטל־ און פאַך־שולן", צונויפגעשטעלט פון פּראָפ' חיים לעקער; אין 1920 — ש. א. סופרס "קליין ווערטערבוך פון העברעיִשע, אַראַמעיִשע און סירישע ווערטער, וואָס קומען אַרײַן אין ייִדיש"; אין 1924 גייט אַרויס אין פאַרלאַג פון ש"פ אַ גרויסאַרטיקע קונסטמאַפּע מיט אליעזר שטיינבאַרגס 12 משלים, אילוסטרירט מיט האָלצשניטן פון אַרטור קאָלניק.

און עס צעוואַקסן זיך די רײַכע אימפּרעזעס פון ייִדישן שולפאַראיין. ליטעראַרישע פּרימאָרגנס, אָוונטן און סימפּאָזיומס, ליטעראַרישע מישפּטים א"אַ. אין געדעכעניש איז אײַנגעקריצט דער גרויסער עפנטלעכער קבלת־פּנים פאַר דעם ליפּקאַנער דרײַלינג: א. שטיינבאַרג, י. שטערנבערג און משה אַלטמאַן, וואָס האָבן זיך באַהאָפטן (י. שטערנבערגס אויסדרוק) מיט טשערנאָוויץ.

דער ש"פ האָט אַ דאַנק זײַן פאַרצווײַגטער קולטור־טעטיקייט זיך איבערגערופן מיט די נײַ־צוגעקומענע ייִדיש־ייִשובים פון בעסאַראַביע און אַלט־רומעניע. און אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו רופן אַן אַלרומעניש ייִדישע קולטור־באַראַטונג.

זונטיק, דעם 9טן יאַנואַר 1921 בײַ נאַכט האָט זיך די קאָנפערענץ געשלאָסן מיט שלוסרעדעס פון א. שטיינבאַרג און ד"ר י. שעפלער. דער צוזאַמענפאָר האָט געשאַפן די "אַלרומענישע ייִדישע קולטור־פעדעראַציע" מיטן ציל צו פאַרשפּרייטן און פלעגן ייִדיש־וועלטלעכע קולטור.

די פּראָקלאַמירונג פון דער "קולטור־פעדעראַציע" איז אייגנטלעך פאָרגעקומען אויפן פאָלקסמיטינג, שבת, דעם 8טן יאַנואַר, אין זאַל פון קאָמי־ און בוכהאַלטער־פאַראיין, אַ ריזיק־גרויסער עולם איז געקומען הערן די וואָרטזאָגערס פון ייִדישער פאָלקסקולטור: ביקל, ווײַנער, טויבערמאַן, קיסמאַן, שיינבוים, יעקב שטערנבערג און אליעזר שטיינבאַרג.

נאָך דער קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע אַרבעט אין צענטער און אויף די ערטער. רירעווודיק האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט דער אויף דער קאָנפערענץ געגרינדעטער פאַרלאַג "קולטור". שוין אין 1921 איז אַרויס שטיינבאַרגס וווּנדערלעכער אָריגינעלער "אלף־בית" אילוסטרירט פון אַרטור קאָלניק, רובין זעליקאָוויטש (דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער ישׂראלדיקער

קינסטלער־וועטעראַן ראובן רובין) און שלמה לערנער, דאָס זאַמלבוך „קולטור" אין 1923, שטיינבאַרגס „מעשׂהלעך פון בראשית", און „ווי אַזוי פייגעלעך האָבן געלערנט חומש", דאָס ליטעראַרישע זאַמלבוך „שויבן" (1924) א"אַ.

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט דער שלום־בית אין שויס פון דער קולטור־פעדעראַציע, נישט לאַנג האָט זיך איַנגעגעבן די „פועלי ציון" צו וווינען אונטער איין דאַך מיטן „בונד". גראָד אין אַ צײַט פון שאָוויניסטישער רומעניזאַציע, ווען דאָס געבאָט פון דער שעה האָט געפאָדערט אַ געאייניקטן פראָנט, האָט דער בונדי־שער פליגל געבראָכן דעם דזשענטלמען־אַגרימענט, און שטילשווײַגנדיק דעזער־טירט פון דער צווישן־פּאַרטייִשער קולטור־פעדעראַציע, געטרײַ זײַן אַלטן באַגער, צו בלײַבן דער „איינציקער פאָרשטייער" אויף דער ייִדישער גאַס.

דאָך איז דער טעמפּ נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פאַרקערט, מיט פאַרטאָפּל־טער ענערגיע האָט מען ממשיך געווען דאָס אָנגעהויבענע און געבויט נײַע קולטור־פּאָזיציעס. דער ש"פ עפנט אויך אַ פענצטערל צו דער אויסנוועלט. צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין פוילן ווערט דעלעגירט פּראָפ' חיים לעקער, וואָס איז אויך אַ מיטגליד פון דער אָרטאָגראַפּישער קאָמיסיע פון אָט דער קאָנפערענץ. אויף אַ צווייטן פּעדאַגאָגישן סימפּאָזיום אין וואַרשע באַטייליקט זיך פּראָפ' חיים קראַפט. זײַנע מיטגעבראַכטע גרוסן פונעם ייִדישן קולטורלעבן אין שכנותדיקן פוילן דינען פאַר אַ סטימול צו ווײַטערדיקע דערפאָלגרײַכע אַרבעטן.

ס'ווערט אָרגאַניזירט אַ לעקציע־טור איבערן גאַנצן לאַנד מיט א. שטיינ־באַרג און משה אַלטמאַן. אונטערן פּאַטראָנאַט פון ש"פ ווערט געשאַפן אַ געזעל־שאַפטלעכער קאָמיטעט לטובת דער דאַן גאַסטראָלירנדיקער „ווילנער טרופּע". אונטער דער רעזשי פון אבנר באַראַק, בײַ דער מיטהילף פון אַרטור קאָלניק און כאָר־דיריגענט יוסף טובשטיין, און דער עיקר אונטער דער השגחה פון א. שטיינבאַרגן, ווערן אויפגעפירט זײַנע קינדער־פּיעסעס „יוסף מוקיר שבת", „אַברהם אָבינו", „מכירת יוסף", „בום און דריידל", אַברהמעלע מלמד". אין דעם רוב פּיעסעס שפּילט דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער זינגער יוסף שמידט די הויפּטראָלעס.

איינציַיטיק אַרבעט אינטענסיוו דער דראַמקרײַז און ברענגט אַרויס יעדע צווייַ חדשים אַ נײַ ספּעקטאַקל. אַחוץ אַ סעריע גאָרדין־פּיעסעס פאַרגעדענקען זיך די פאָרשטעלונגען: „מנשה" פון ראָנעטי ראָמאַן אין י. שטערנבערגס איבערזעצונג, ד. פּינסקיס „יעקל דער שמיד", הירשביינס „גרינע פעלדער", דימאָווס „שמע ישׂראל", נאָמבערגס „משפּחה", „טביה דער מילכיקער" פון שלום־עליכם א"אַ.

אַ שטיקל צײַט פירט אָן מיטן דראַמקרײַז דער אַרטיסט פון דער „ווילנער טרופּע" שמואל שעפּטל.

דער שולפּאַראיין האָט אויך פּאָפּולאַריזירט ייִדישע קונסט, אײַנאָרדענענדיק יעדעס יאָר בילדער־אויסשטעלונגען פון די מאָלערס אַרטור קאָלניק, שלמה לערנער און, אים צו לענגערע יאָר, יעקב אײַזנשער (אַ וותיק אין ישׂראל).

פון דער יוגנט וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דעם ש"פּ בראש מיטן חבר נח ווייסנבערג, האָבן זיך אויסגעטיילט די ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קרײַזן, באַזונדערס דער „פּרץ־קרײַז" וואָס איז איניציִירט און אַ צײַט לאַנג אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם הײַנטיקן ייִדישן ישׂראל־פּאָעט יעקב צבי שאַרגעל, וואָס איז אין יאָר 1925 געקומען קיין טשערנאָוויץ מיטן חלוצים־שטראָם וואָס איז דאַן געגאַנגען פון פּוילן איבער רומעניע קיין ארץ־ישׂראל. שאַרגעל, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין טשערנאָוויץ בײַ אַן אָנדערהאַלבן יאָר, האָט אַרויסגעוויזן זייער פיל ווילן און ענערגיע, און אָט דאָס יונגע בחור האָט זייער פלײַסיק אָנטייל גענומען אין די קולטור־טעטיקייטן פונעם שולפּאַראיין. מיר פלעגן אים באַגע־גענען בעת זײַן לייענען דעם קורס וועגן באַראָכאָוויזם בײַ די יוגנטלעכע פון „פּועלי־ציון", אויף זײַנע קורסן וועגן ייִדישער ליטעראַטור און דער עיקר בײַם כאָוועך דעם אויבן דערמאָנטן פּרץ־קרײַז. מיר האָבן צוזאַמען מיט אים געמאַכט טעאַ־טער, שאַפערישע אויספלוגן אין צעצינאַ־וואַלד, דורכגעפירט „לעבעדיקע צײַטונ־גען", ליטעראַרישע אָוונטן מיט אליעזר שטיינבאַרג, איציק מאַנגער, ווו דער יונגער חלוץ איז געווען דער אַרײַנפירער, דער פאָרזיצער אאַז"וו.

זייער פּאָפּולער און באַליבט זענען געווען אונדזערע פּורים־קאַרניוואַלן. לויטן נוסח פון די אַמאָליקע פּורים־שפּילערס, מיט די זעלביקע טראַדיציאָ־נעלע פּערסאָנאַזשן, האָט אליעזר שטיינבאַרג פאַרפאַסט נײַע, אַקטואַליזירטע טעקסטן, אָנגעפּיקעוועטע מיט סאַטירע און הומאָר, צו וועלכע אַרטור קאָלניק האָט סטיליזירט מאַסקעס און בונטע קאָסטיומען. דאָס איז געווען אַן אָריגינעל־אייגנאַרטיק מיטל צו שאַפן מאַטעריעלע שטיצע פאַרן ייִדישן שולפּאַראיין.

דער טשערנאָוויצער שולפּאַראיין איז אויך געוואָרן דאָס אַרײַנפאָר־הויז פאַר שרײַבערס, קינסטלערס און קולטור־טוערס פון אויסלאַנד. חוץ מערמאָליקע אימפּרעזעס מיט די געסט אין טשערנאָוויץ גופא, פלעגט דער ש"פּ אײַנאָרדענען פאַר זיי טורנייען איבערן לאַנד. עס געדענקען זיך אַזעלכע פּראָמינענטע געסט ווי זרובבל, יואל מאַסטבוים, אַלטער קאַציזנע, לייב מלאך, משה גראָס־צימערמאַן, בער האָראָוויץ, נחמן מייזיל, דער טונקעלער, ד"ר ישׂראל רובין און נאָך און נאָך.

אין יאָר 1928 האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון ייִדישן ש"פּ אין טשערנאָוויץ אַ בכבודיקע דאַטע: 20 יאָר זינט דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. דער

ש"פ, זעענדיק זיך ווי אַ לעגיטים קינד פון אָט דער קאָנפערענץ, האָט זיך דער־
פילט באַרופן און בכּוח אָפּצוצייכענען די דאָזיקע דאַטע אויף אַ געהעריקן אופן.
און ווײַל מיר האָבן זיך דאָך געפילט אַ ביסל געענגט, מחמת דעם וואָס די פּני
אונדזערע זענען נישט געווען אין שטאָט, — שטיינבאַרג אין בראַזיל, שטערנבערג
אין בערלין (זיך פאַרנומען מיט אַ פילם־סצענאַר), האָט דער ש"פ דעלעגירט דעם
שרײַבער פון אָט די שורות קיין בוקאַרעשט מיט דעם אויפגאַב צו פאַרזיכערן די
מיטבאַטייליקונג פון די דאָרטיקע ייִדישע שרײַבערס און קולטור־טוערס.

אויף אונדזער אויפרוף מכּוח דער יובֿיליי־פײַערונג האָבן זיך אָפּגערופן
קולטור־אינסטיטוציעס און פערזענלעכקייטן אין אַלע ייִדישע ייִשובֿים, בתוכם
אויך געוועזענע דעלעגאַטן און אָנטייל־נעמערס אויף דער היסטאָרישער קאָנפע־
רענץ, ווי ד"ר נתן בירנבוים, משה לייב האַלפּערן, נח פּרילוצקי, אַברהם רייזען,
ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און אַנדערע.

געטרײַ דער טראַדיציע פון 1908 זענען די פײַערונגען פאַרגעקומען אין
כּמעט אַלע זאַלן פון שטאָט און עס זענען געבליבן אומפאַרגעסלעך די יום־טובֿדיקע
און וואָכעדיקע זיצונגען, די מיטינגען און די באַנקעטן אין וועלכע עס האָבן זיך
באַטייליקט אָרטיקע שרײַבערס און קולטור־טוערס און אויך אויסלענדישע, קינדער־
כאָרן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען און אַחרון אַחרון חבֿיב — די וואָרטקאָנצערטן
פונעם גרויסמײַסטער הערץ גראָסבאַרד, וואָס האָט זיך דאַן באַהאָפטן צום ייִדישן
שולפאַראיין אין טשערנאָוויץ, אונטער וועמענס פּאַטראָנאַט עס זענען יאָר־יערלעך
אַראַנזשירט געוואָרן זײַנע וואָרטקאָנצערטן אין גאַנץ רומעניע.

אין 1930 האָט באַזונדערס די זון פאַר אונדז אַ שײַן געטאָן. אליעזר שטײנ־
באַרג האָט — נישט קענענדיק פאַרטראָגן די בראַזיליאַנישע טראָפּישע היצן —
זיך אומגעקערט אַהיים — אַהיים, צו זײַן ייִדישן שולפאַראיין.

די אַקציעס פון ש"פ האָבן זיך באַדײַטנדיק געהויבן. שטיינבאַרג, נישט באַ־
ווײַזנדיק זיך אָפּצורוען פון דער ווײַטער נסיעה, האָט מיט לײַב און לעבן זיך
איבערגעגעבן דער וויבֿרירנדיקער קולטור־אַרבעט. שאַפערישע אימפּרעזעס, זיצונ־
גען, נײַע פּלענער.

אָבער נישט לאַנג איז באַשערט געווען דער ייִדישער קולטורוועלט און אין
דער ערשטער ריי דעם טשערנאָוויצער ייִדישן שולפאַראיין, הנאה צו האָבן פון
דער לויטערקייט, פון דער גרויסער פערזענלעכקייט אליעזר שטײנבאַרג.

אומגעריכט, אין אַ טאָג נאָך אַן אַפּענדיקס־אָפּעראַציע האָט אים דער אומ־
ברחמנותדיקער טויט אַוועקגעריסן, ווען ער איז אַלט געווען בלויז 52 יאָר.

מאָנטיק, דעם 28סטן מאַרץ 1932, האָט זיך פון אליעזר שטײנבאַרגן אָפּגע־
שיידט זײַן גרויסע, איידעלע נשמה.



יעקב זרובבל (ערשטע ריי, אין מיטן) צו גאַסט אין טשערנאָוויצער שולפאַראיין.
משולם סורקיס — צווייטע ריי, אויפן פאַן פון פענצטער

כּדי ווערדיק צו פאַראייביקן שטיינבאַרגס נאָמען האָט דער ש"פ באַשלאָסן אויפצובויען אין דעם שכונותדיקן וואַלדדאָרף צעצינאַ אַ קינדערהיים א"נ פון אליעזר שטיינבאַרג, און אַהין אַריבערפירן די קינדער־קאָלאָניע, מיט וועלכער דער דיכטער האָט אַ ריי יאָרן אָנגעפירט אין וויזשענקאָ.

פּאַר די קינדערלעך וואָס האָבן געזומערט אין דער פעריען־קאָלאָניע איז געשאַפן געוואָרן אַ קינדערקלוב אונטער דער לייטונג פון די פּעדאַגאָגן לייזער פּאָדריאַטשיק און ה. נודלמאַן.

אויך די ספּעקטאַקלען פון דעם קליינקונסט־טעאַטערל „קאָמעלעאָן", וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך שׂמחה שוואַרץ זענען דאָ געגאַנגען מיט דערפאָלג.

נישט געקוקט אויף דעם פריִער האַלב־אָפיציעלן און שפּעטער אָפיציעלן רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געבושעוועט אין רומעניע, האָט דער ש"פ

געזוכט פאַרשיידענע וועגן און מיטלען כּדי צו דערהאַלטן די שווער דעראָבערטע פּאָזיציעס, ווײַטער געפירט די לעקציעס פון דעם פריִער פונאַנדערגעלאָזטן פאָלקס־אוניווערסיטעט מיט די לעקטאָרן: ד״ר בערנפעלד, א. ש. סופר, ד״ר ג. ראָזנבלאַט, ד״ר האַלינגער און ד״ר י. שעפלער — אויף פאַרשיידענע אופנים.

אין 1937, ווען איבער מיזרח־אייראָפּע האָט שוין געשוועבט היטלערס פאַר־טיליקונגס־שווערד און די רומענישע פאַשיסטן האָבן שוין געשאַרפט זייערע ציין, אין אָט די גורל־שווערע טעג האָבן די חברים פון דער קולטור־פעדעראַציע גערופן אַ קולטורפראַנט־באַראַטונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין בוקאַרעשט דעם 23סטן אָדער 24סטן דעצעמבער 1937, אין וועלכער דער ש״פ האָט זיך באַטיי־ליקט מיט אַן אָנזעעוודיקער דעלעגאַציע. און בעת מען האָט גערעדט וועגן דער פראַגע: „אונדזער אָנטייל־נעמען אין דער קהילה״, האָט אונדז געטראָפן די טרויע־ריק־באַרימטע מעלדונג, אַז די אַרכי־אַנטיסעמיטן קוזאַ און גאָגאַ איז אָנגעטרויט געוואָרן דאָס בילדן אַ נײַע רעגירונג.

די געשאַפענע פּאָליטישע לאַגע האָט אונדז געשטעלט פאַר אַ נײַער אויפגאַבע, ווי צו ענדערן דעם סטיל פון אונדזער טעטיקייט. דערבײַ איז געשאַפן געוואָרן אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט צו העלפן אויסבויען די „שטיינבאַרג־היים״, וואָס האָט זיך אײַנגעגעבן אויף אַ פאַסיקן אופן צו עפענען אין זומער 1939.

אַחוץ דער האַלב־אונטערערדישער אַרבעט (קורסן, פאַרטראַגן) זענען אויפ־געקומען „היים־אָוונטן״: יעדן מוצ״ש האָט מען אין אַן אַנדער שטוב, בײַ אַ „גלעזל טיי״ זיך עוסק געווען בצרכי יידישע קולטור. אַזוי האָט דער יידישער שולפאַראיין אין טשערנאָוויץ געלעבט און געשאַפן ביז דעם 28סטן יוני 1940 — ביזן אַרײַנמאַרש פון דער רויטער אַרמיי — ווען מיר זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „פּראָוויזאָרישער ראַט פאַר יידישע ענינים״.

צום פּראָטאָקאָל־בוך פונעם יידישן שולפאַראיין איז צוגעלייגט אַ העפטל „פּראָטאָקאָל פון דער ערשטער זיצונג״ און דאָרטן לייענען מיר: „ס׳דערשײַנט חבר אויערבאַך, וואָס דערקלערט, אַז דער פּראָוויזאָרישער שטאָטישער סאָוועט פון טשערנאָוויץ האָט אים געגעבן די דירעקטיוון פאַרן יידישן שולפאַראיין, איבערצונעמען די ענינים פון דער פריִערדיקער יידישער קהילה און מיט זיי אָנפירן ביז צו נײַע דירעקטיוון״. ס׳ווערט אויסגעקליבן אַ פּראָוויזאָרישער קאָמי־טעט, צונויפגעשטעלט פון די חברים: י. זינגער, מ. סורקיס, ש. שמידט, נ. סעגאַל, ב. רויזן, אי. שוואַרץ, י. שמידט און די חברטע אסתּר סורקיס. דער קאָמיטעט קאָנסטיטויִרט זיך אויף פאָלגנדיקן אופן: פאָרזיצער — י. זינגער, וויצע־פאָרזי־צער — מ. סורקיס, סעקרעטאַר — שמריהו שמידט.

דער פּראָוויזאָרישער ראַט האָט עקסיסטירט אַ קורצע צײַט, ער האָט ליקווי־דירט קודם די ייִדישע קהילה, און באַלד נאָך דעם — זיך אַליין. אַ שטיקל צײַט זיך געבאָדן אין „אויפגעריכטקייט", ייִדישע מלוכה־שולן, ייִדיש מלוכה־טעאַטער, ייִדישע ליטעראַטור, נאָר פּאַמעלעך האָט זיך דער פריידיקער רויש אויסגעוועפּט. מיר האָבן זיך באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט דער סטאַליניִשער „פעלקער־פרײַנד־שאַפט", וואָס האָט דערפירט די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט, בתוכם דעם ייִדישן שולפאַראיין, צו אַ „ביי לעבן" פון מאַראַנען.

מײַן זכרונות־אָפּקלײַב פונעם טשערנאָוויצער ייִדישן שולפאַראיין וואָלט ניט געווען פול, ווען איך זאָל ניט דערמאָנען זײַנע פאָרזיצערס.

דער אייגנטלעכער ערשטער פאָרזיצער איז געווען פּראָפ' חיים לעקער, אָבער נאָר אויף אַ קליינעם צײַטאָפּשניט, מחמת ווי אַ לערער אין אַ מלוכהשער גימנאַזיע האָט ער ניט געטאָרט אָנפירן מיט אַ פּריוואַטער אינסטיטוציע, דערצו נאָך אַ ייִדישע, האָט די פונקציע איבערגענומען ד"ר ישׂראל שעפלער (וווינט איצט אין ווין). אַ מענטש מיט זעלטענע מעלות, אַן ערודירטער פילאָלאָג, אַ רוטינירטער קולטור־טוער, האָט ד"ר ישׂראל שעפלער אַרײַנגעלייגט אַלע זײַנע כּוחות אין דעם ייִדישן שולפאַראיין, וואָס איז געוואָרן דער גרונטשטיין־לייגער פון ייִדיש־וועלטלעכער קולטור אין רומעניע.

ווען ד"ר שעפלער האָט איבערגענומען די דירעקציע פון די פּראָפעסיאָנעלע שולן ביי „מאָרגנרויט", איז געקומען די ריי אויף זײַן פּאַרטרעטער ד"ר ישׂראל פורמאַן.

ד"ר ישׂראל פורמאַן איז פון פאַך געווען אַדוואָקאַט, און פון באַרוף — אַ פאָלקלאָריסט. פאַרליבט אין די אוצרות פון פאָלק, אין די ייִדישע פאָלקסווערטלעך, האָט ער זיי ביי יעדער מעגלעכקייט, דאָס גאַנצע לעבן, געזאַמלט, געקליבן, ביז ער האָט זיי אײַנגעשײַערט אין זײַן ווערטפּול בוך „ייִדישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן", וואָס איז דערשינען קנאַפּ נאָך זײַן פּטירה, אין 1968 אין ירושלים, מיט אַן אַרײַנפיר פון פּראָפ' דב סדן.

צו יענער צײַט איז זינגער שוין געווען אַקטיוו אין די רייען פון „פּועלי־ציון" און ווי אַזאַ געווען מיטגרינדער פון שולפאַראיין, זיך אַרויסגערוקט ווי אַן אימפּעט־פולער און דינאַמישער קולטור־טוער מיט אַ ברייט פאַרמאָסטענער טעטיקייט ביי אַלע אונטערנעמונגען. אַ צוריקגעהאַלטענער און באַשיידענער האָט אָבער געזעל־שאַפטלעך זײַן טעמפּעראַמענט ניט געקענט קיין גרענעצן.

אויסצובויען די „שטיינבאַרג־היים" האָט זינגער באַטראַכט ווי אַ קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו. און ווען ס'האָבן זיך אַרויסגעוויזן פינאַנסיעלע שוועריקייטן, איז

אים געלונגען, אַ דאַנק זײַן אומדערמידלעכער אָנשטרענגונג, צו פּאַראינטערעסירן דערמיט די ברייטע יִידישע עפנטלעכקייט, און דערגרייכט דעם געוווּנטשענעם ציל.

אַ בולטער באַווײַז פון זינגערס אָרגאַנישער צוגעבונדנקייט צום יִידישן שול־פאַראיין איז דאָס פּראָטאָקאָל־בוך, וואָס ער האָט פאַרהיט, און נאָך דער שואה מיט־גענומען ווי אַ רעליקוויע קיין ישׂראל.

אַגב באַשטעטיקט דאָס פּראָטאָקאָל־בוך די פּינקטלעכקייט פון די דאַטעס אין מײַן זכרונות־אָפּקלײַב.

„ישׂראל־שטימע“, 12.9, 3.5, 1975.4.9

50 יאָר „ווילנער טרופּע"

אייגנטלעך זענען שוין אַדורך 55 יאָר זינט די ווילנער טרופּע פּאַד"אַ (פּאַראיין פון יידישע דראַמאַטישע אַרטיסטן אין ווילנע) איז געבוירן געוואָרן. לויט זלמן זילבערצווייגס לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער האָט די ווילנער טרופּע געגעבן איר ערשטן ספּעקטאַקל דעם 18טן פעברואַר 1916.

מיר הייבן אָבער אָן די ציילונג פון 1920, ווען די „ווילנער" האָבן איבערראַשט דעם יידישן און אויך ניט־יידישן פּובליקום מיט זייער אויפפירונג פון ש. אַנ־סקיס דער דיבוק אונטער דער באַרימט געוואָרענער טעאַטער־פירמע „ווילנער טרופּע".

דעם 8טן נאָוועמבער 1920 איז געשטאָרבן ש. אַנ־סקי. דעם 9טן דעצעמבער 1920, צום טאָג פון זיינע שלושים, האָבן די „ווילנער" — אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאַן אויפגעפירט זיינע „צווישן צוויי וועלטן" (דער דיבוק). דער ערשטער נאָמען „פּאַידאַ" האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט דעם נייעם נאָמען „ווילנער טרופּע".

דאָס איז געווען אַן ערך אין 1915, ווען די צאַרישע חיילות האָבן באַלאַגערט אונדזערע קאַנטן, דערונטער טשערנאָוויץ. אין איינעם אַ טאָג האָט מיך באַגעגנט מיינער אַ חבר אליעזר שעכטער, דער זון פון טשערנאָוויצער שוחט און שפּעטער־דיקער דיין און פאַרבעטן מיך צו זיך.

— קום, זאָגט ער, וועסטו זען אַ יידישן אָפיציר פון רויטן קרייץ, וועלכער האָט זיך ביי אונדז איינגעקוואַרטירט.

מיר האָבן קוים באַוויזן אַריבערצוטרעטן די שוועל, איז אונדז אונטערגעקומען דער אָפיציר מיט אַן עטוואָס גראָלעך שפּיץ־בערדל, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן צאַרישן שינעל און אויפן אַרבל אַ רויטער קרייץ. אונטער ביידע אָרעמס האָט ער געהאַלטן אין פּאַפּיר איינגעוויקלט צוויי ראָלן, ווי מגילות. ער האָט זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש, עפּעס שטילערהייט געזאָגט דעם שוחט. ביידע זענען אַוועק אין קיך, האָבן געוואַשן די הענט, אויפגעוויקלט די ראָלן און אָנגעהויבן אַריינקוקן אין זיי.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס זענען ניט קיין מגילות, נײַערט אַ ספר־תּורה איבערגעריסן אויף צווייען, וואָס דער אָפּיציר האָט געקויפט בײַ אַ קאָזאַק.

ביידע, סײַ דער אָפיציר, סײַ דער שוחט האָבן שווער אָפּגעזיפצט און ממשיך געווען דאָס פאַרלייענען. אייגנטלעך האָט איצט נאָר געלייענט דער שוחט, מיט אַ ניגון פון מעביר זײַן די סדרה, און דער אָפיציר האָט צוגעלייגט די האַנט צום אויער, זיך אײַנגעהערט און געפירט זײַן פינגער איבער די שורות, וואָס דער שוחט האָט געלייענט.

באַלד איז אַרײַנגעקומען אַ ייִדישער סאָלדאַט, וועלכער איז אויך געווען אַן אַרײַנגייער צום שוחט אין שטוב אַרײַן, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער פּאָסט־גאַס. מײַן חבר האָט אונדז באַקענט: „דאָס איז ווישנאָפּאָלסקי; אָט ווען זען, ווי איך וועל אים געבן אַ מאַט". ווי נאָר זיי האָבן זיך גענומען צום שאַך האָט אונדז די שוחטקע משלח געווען אין אַן אַנדער צימער. ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די שאַך־פּאַרטיע איז שוין דער ייִדישער אָפיציר ניט געווען.

מער האָב איך אים ניט געזען.

מיט יאָרן שפּעטער, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך זיך דערוווּסט אַז דער „ייִדישער אָפּיציר", וועמען איך האָב זוכה געווען כאָטש איין מאָל צו זען, איז געווען ש. אַנ־סקי.

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט האָט זיך, ווי אומעטום, אַזוי אויך אין טשערנאָוויץ אָנגעהויבן דער אַזוי גערופענער „רענעסאַנס" פאַר ייִדישער קולטור. אויף אומלעגאַלע וועגן פלעגן מיר באַקומען ליטעראַטור פונעם ראַטן־פאַרבאַנד, פון וואַנען מיר זענען געוואָרן אינפאָרמירט וועגן אויפבלי פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור. גלײַכצײַטיק האָבן מיר געלייענט יעדן טאָג די ייִדישע פּרעסע פון פּוילן פון אַלע שאַטירונגען. אַזוי אַרום איז דאָס דעמאָל־טיקע צוגיפגעשטיקטע רומעניע געווען דירעקט און אומדירעקט פאַרבונדן מיט די צענטערס פון דער ייִדישער קולטור.

זינט 1921, נאָך דעם ווי די „ווילנער טרופּע" האָט באַוויזן די פּרעמיערע פון „דער דיבוק", האָבן די ייִדישע צײַטונגען פון פּוילן כּמעט צוויי יאָר נאָך אַנאַנד ניט אויפגעהערט צו פאַרעפנטלעכן אָפּשאַצונגען, פון פאַרשידענע קוקווינקלען, איבער דעם דאָזיקן טעאַטער־דערפאָלג.

זומער 1922 באַקומען אַ דעפּעשע פונעם רעדאַקטאָר פון דער לעמבערגער „כווילאַ", אונדזער אַלטן פרײַנד העשעלעס, אין וועלכער ער גיט אונדז צו וויסן, אַז אין אייניקע טעג אַרום הייבן אָן די „ווילנער" זייערע גאַסטראָלן אין לעמבערג

(לוואָו). ס׳האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן אַ לויפעניש, אַ יאָגעניש, ביז ס׳איז אונדז געלונגען צו באַקומען אַ פּאַסיר־שיין, און אַ גרופּע פון 8־10 טעאַטער־פריינד, בראָש מיטן פאָרזיצער פון טשערנאָוויצער „יידישן טעאַטער־פאַראיין" ד״ר מאַקס דיאַמאַנט, איז אַרויסגעפאָרן קיין לעמבערג. אַהין אָנגעקומען, איז די שטאָט געווען באַקלעפּט מיט אַפישן פון דער „ווילנער טרופּע". ס׳איז אונדז נאָר אויפגעפאַלן די עמבלעמע פאד״אַ. ערשט ווען העשעלעס האָט אונדז באַקאַנט געמאַכט מיטן זייער ענערגישן, הויך קולטורעלן און בכלל אינטערעסאַנטן אַדמי־ניסטראַטאָר מאַזאַ, האָט אונדז דער לעצטער דערקלערט, אַז מיט די איניציאַלן „פּאַידאַ" האָבן די „ווילנער" אָנגעהויבן זייער קאַריערע.

מיר, טשערנאָוויצער, האָבן שוין געהאַט געזען דעם „דיבוק" אין מישע פיש־זאָנס נישט קיין שלעכטער שטעלונג. אָבער ווען ס׳איז טונקל געוואָרן דער זאַל און ס׳האָט זיך דערהערט די אָוועקטורע „מחמת וואָס", זענען מיר אַלע אויפגע־טרייסלט געוואָרן. היינט, נאָך קאַרגע 50 יאָר, הער איך און זע די געשטאַלטן: אַלעקס שטיין אין דער ראָלע פון חנן, אָרלעסקאַ אין דער ראָלע פון לאה, יוסף קאַמיען און יוסף בולאָוו ווי די בטלנים, לייב קאַדיסאָן ווי סענדער בריניצער, נח נאַכבוש — דער משולח, יעקב וויסליץ — דער רב, י. לאַרעס אַלס פּראַדע און אחרון אחרון — אברהם מאָרעווסקי — אין דער ראָלע פון מיראָפּאָלער צדיק.

כאָטש אַ. מאָרעווסקי דערציילט אין זיינע מעמואַרן „אַהין און צוריק", אַז ער האָט דעם „דיבוק" אויסגעשיילט פון דוד הערמאַנס מיסטיציזם, איז מיר פאַרבליבן דער איינדרוק, אַז דוד הערמאַנס מיסטישע קאָנצעפּציע האָט באַזיגט מאָרעווסקין. ניט אַכטנדיק דערויף איז מאָרעווסקיס מיראָפּאָלער צדיק אַ זעל־טענע געשטאַלט. איך בין מסופק צי אַנ־סקי האָט אַפילו געחלומט פון אַזאַ צדיק, ווי מאָרעווסקי האָט געשאַפן. ביז היינטיקן טאָג איז מיר פאַרדריסלעך, וואָס אונדזערע פּאַסיר־שיינען זענען געווען גילטיק נאָר אויף 48 שעה, און מיר האָבן ניט באַוויזן צו זען אַ. מאָרעווסקין אין לייוויקס „שמאַטעס".

מיט אייניקע חדשים שפּעטער, דעם 9טן סעפּטעמבער 1923, האָט די „ווילנער טרופּע" אויפגעשטעלט אירע געצעלטן אין רומעניע. דער באַשטאַנד פון דער טרופּע איז שוין געווען אַ געענדערטער. מאָרעווסקי און נאַכביש זענען ניט מיט־געקומען. אין באַשטאַנד פון דעם טייל, וואָס איז געקומען קיין רומעניע, זענען געווען (מיט די צוגעקומענע): לייב, חנה און ליובאַ קאַדיסאָן, אַלעקס שטיין, זיין ברודער יוסף קאַמיען, יוסף בולאָוו, יהודית לאַרעס, מרים אָרלעסקאַ, חנה בראַז, יעקב וויסליץ, אייזיק סאַמבערג, שמואל שעפטל, י. טאַרלאָ א״אַ.

ס׳איז מיר אויסגעקומען צו זען די „ווילנער" אין מערערע שטעט פון דער דעמאָלטיקער רומעניע. נאָר באַזונדערס בולט האָט זיך איינגעקריצט אין מיין

זכּרון דער אויפֿנעם פֿאַר די „ווילנער" אין טשערנאָוויץ.

דעם טאָג פֿון דער פּרעמיערע האָט געהערשט אַן אויסגעשפּראָכן יום־טובֿ־דיקע שטימונג, מען האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן דעם פֿאַרנאַכט, ווען ס׳וועט זיך אויפֿהייבן דער פֿאָרהאַנג.

עס פֿאַרגעדענקט זיך אַן אינטערעסאַנטער קוריאָז: אַרײַנקומענדיק אין טעאַטער זענען מיר איבערראַשט געוואָרן, דערזעענדיק גאַנצע גרופּעס אולטראַ־אַסימילאַנטן, פֿאַרביסענע שונאים פֿון ייִדיש. זיי האָבן, נעמלעך, געלייענט אין דער רעקלאַמע ציטאַטן פֿון ווינער דײַטשע צײַטונגען, אַז די „ווילנער טרופּע" באַנוצט זיך מיט אַ ליטעראַרישן דיאַלעקט, וועלכער „קערט זיך אָן" מיט דער דײַטשער שפּראַך... אָט די „תּורה" האָט זיי געבראַכט אין טעאַטער אַרײַן און אַ טייל פֿון זיי זענען שפּעטער געוואָרן — ליבהאָבערס פֿון ייִדיש.

אויסגעשפּילט דעם רעפּערטואַר, וואָס זיי האָבן געהאַט אין פּאָרטפֿעל, האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, געמוזט שאַפֿן אַ פֿרישן. די ביזאיצטיקע דערפֿאָלגן פֿון דער „ווילנער טרופּע" אין רומעניע האָבן זיך אויסגעווירקט אויף דער ברייטער עפֿנט־לעכקייט. אין די גרעסערע שטעט האָבן זיך געשאַפֿן ברייט פֿאַרצווײַגטע קאָמיטעטן אויפֿצוהאַלטן די „ווילנער טרופּע". ס׳האָבן זיך געפֿונען מעצענאַטן, וועלכע האָבן נישט געקאַרגט קיין מי, און דער עיקר קיין מאַטעריעלע מיטלען, כּדי צו העלפֿן דער באַליבטער געוואָרענער טרופּע, כּדי זי זאָל שטײַגן אַ שטאַפּל העכער אויף דעם לייטער פֿון ייִדישער טעאַטער־קונסט.

טעאַטער איז אָבער ווי אַ קינד, וואָס מען קען זײַן מזל קיין מאָל נישט פֿאַר־זאָגן. די „ווילנער" האָבן זיך מיט אימפּעט אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, מען האָט געגרייט אַן אויפֿפֿירונג, וואָס אַלע טעאַטער־קאָנסומענטן, סײַ ייִדישע, אַזוי אויך נישט־ייִדישע — האָבן זיך אַרום איר געראַשט און אין גרויס שפּאַנונג געוואַרט אויף דער פּרעמיערע.

מען האָט צוגעצויגן די בעסטע רעזשיסאָרן און דעקאָראַטאָרן פֿון דער דעמאָל־טיקער רומעניע. די רומענישע פּרעסע האָט כּמעט יעדן טאָג אונטערגעטראָגן אָפּשאַצונגען, שמועסן מיטן רעזשיסאָר און אַקטיאָרן. מיט איין וואָרט: אַלע האָבן געפֿיבערט. סוף־כּל־סוף איז געקומען דער טאָג פֿון דער פּרעמיערע — גאָגאָלס „חתונה" — וועלכע האָט געבראַכט אַ ביטערע אַנטוישונג. די פּיעסע האָט שוין בײַ איר ערשטער אויפֿפֿירונג געליטן אַ שרעקלעכן דורכפֿאַל, סײַ בײַ דער פּרעסע און נאָך מערער בײַם צושויער. אויף אַזוי ווײַט, אַז אַחוץ די מענטשן, וועמען ס׳איז געלונגען צו קריגן אַ בילעט צו דער ערשטער אויפֿפֿירונג, האָט

קיינער מער דעם ספּעקטאַקל נישט געזען. די „חתונה" האָט צום גרויסן באַדויערן קיין איבערחזרונג נישט דערלעבט.

נישט קוקנדיק דערויף וואָס די אויפפירונג, איינשלינגענדיק גרויסע מאַטע־ריעלע רעסורסן, האָט געליטן אַזאַ שווערן קראַך, זענען די „ווילנער" ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן און האָבן אין גיכן זיך רעהאַביליטירט, און נאָך ווי אַזוי זיך רעהאַביליטירט!

עס קומען פאָר געוויסע רעפאָרמען אין באַשטאַנד פון דער טרופּע. אייניקע אַקטיאָרן פאַרלאָזן מיט אַ שווער האַרץ רומעניע, ווער קיין פוילן, ווער אין די מרחקים. דער הויפּט־באַשטאַנד לאָזט זיך איבער די רומענישע פּראָווינצן מיטן אַלטן רעפּערטואַר.

דער קאָשמאַר פון דעם נישט־געלונגענעם אויפנעם פון דער „חתונה" צע־שטרייט זיך פּאַמעלעך. און אין אַ שיינעם טאָג האָבן די טעאַטער־פּלאַקאַטן אונדז אָנגעקינדיקט אַ נייע פּרעמיערע: „דער זינגער פון זיין טרויער", באַאַרבעט פון יעקב שטערנבערג און יוסף בולאָוו.

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן מיט אַן אומבאַשרייבלעכן דערפאָלג.

די „ווילנער טרופּע" איז אַריין אין אַ נייעם גלאַנץ־פּעריאָד. „דער זינגער פון זיין טרויער" איז קאַרגע צוויי יאָר נישט אַראָפּ פון אַפיש. מענטשן האָבן געזען די פּיעסע צו צוויי און צו דריי מאָל.

ניט קיין קלענערן דערפאָלג האָט די פּיעסע געהאַט אין פוילן, וווהין די „ווילנער" האָבן זיך אָפּט מאָל אַריבערגעכאַפּט אויף אייניקע חדשים און זענען ווידער צוריקגעקומען קיין רומעניע מיט פרישן רעפּערטואַר און אויך מיט נייעם אַרטיסטן־צוּוווקס, וועלכער האָט זיך רעקרוטירט פון געוועזענע און צוריק באַ־נייטע „ווילנער". עס גלידערן זיך איין אין דער „ווילנער טרופּע" אַזעלכע גע־זאַלבטע, טאַלאַנטירטע קינסטלערס ווי שׂמחה און נעמי נאַטאַן, ש. איריס א"אַ.

קאַרגע 5 יאָר, ביז אַרום 1928, האָט אונדז די „ווילנער טרופּע" געשפּייזט אין רומעניע מיט עכטער טעאַטער־קונסט.

מיין קאַפּיטל זכרונות וועגן דער „ווילנער טרופּע" אין רומעניע וואָלט געווען ניט פול, ווען איך זאָל ניט דערמאָנען די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער די קעפּ פון די „ווילנער" אין יענע יאָרן.

דער ערשטער קרבן איז געווען די ווונדערבאַרע אַקטריסע יהודית לאַרעס. אַרומפאָרנדיק איבער די רומענישע פּראָווינצן איז זי שווער קראַנק געוואָרן. דער קאָלעקטיוו, בראָש מיטן דירעקטאָר מרדכי מאַזאָ, ווענדן אַלץ אָן, נייגן הימל צו

דער ערד, כּדי זי צו ראַטעווען. ס׳ווערן צוגעצויגן די גרעסטע מעדיצין־פּראָפע־סאָרן. אָבער לײדער האָט מען זי ניט געקענט אַרויסרײַסן פון די נעגל פון מלאך־המוות. זומער 1926 (לויט זלמן זילבערצווײַג, דעם 24סטן יולי 1926) האָט דער נאָבעלער מענטש און רײַך טאַלאַנטירטע אַקטריסע יהודית לאַרעס אין דער שטאָט אַראַד (טראַנסילוואַניע) אויף די הענט פון ליובאַ קאַדיסאָן אויסגעהויכט איר אײדעלע נשמה.

צו גלײַך מיט אירע בינע־קאָלעגעס האָבן אַלע ייִדישע טעאַטער־ און קולטור־פרײַנד באַוויינט דעם טויט פון יהודית לאַרעס. אירע קרעאַציעס, ווי פראַדע אין „דיבוק״, די רביצין אין „אין טאָג און נאַכט״, די הינער־פּאַרקויפערין אין „דער זינגער פון זײַן טרויער״ און אַ סך, אַ סך אַנדערע בינע־געשטאַלטן, וואָס זי האָט געשאַפן, וועלן קיין מאָל ניט אויסגעמעקט ווערן פונעם זכרון בײַ די וואָס האָבן געהאַט די זכיה זי צו זען.

ווי שוין דערמאָנט, האָבן די „ווילנער״ אַרום 1925־1928 פאַרלאָזט רומעניע, אויפגעשטעלט זייער בויד אין וואַרשע, גאַסטראָלירט איבער דער פּוילישער פּראָ־ווינץ, פון צײַט צו צײַט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אונדז אויף אַ קורצן גאַסטראָל און ווידער אַוועק. מיר האָבן אָפּגענומען גרוסן פון נײַע שטעלונגען, זיך געפרייט מיט יעדער זייער נײַער דערגרייכונג, מיר האָבן זיי שוין געהאַט אַדאָפּטירט ווי אייגענע, אונדזערע, און זענען כּסדר געווען מקנא דעם פּוילישן ייִדנטום, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט די „ווילנער״.

אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן האָט דער שרײַבער פון די שורות באַקומען אַ בריוו פון טעאַטער־דירעקטאָר און אַקטיאָר מאָריס זיגלער, וועלכער האָט דעמאָלט גאַסטראָלירט מיט זײַן טרופּע אין ווין, אַז אין אַ דאָרטיקן שפּיטאָל ליגט יוסף קאַמיען מיט אַן אַמפּוטירטן פוס. מיר האָבן תּיכּף אַלאַרמירט די געזעל־שאַפטלעכקייט און „עמך״ האָט זיך באַשטײַערט, ווער מיט אַ טאַגלוין, ווער מיט עפּעס מערער. מען האָט אַוועקגעשיקט אַ געוויסע סומע, וועלכע איז פאַקטיש געווען אַ טראָפּן אין ים לגבי די הוצאות, וואָס די אָפּעראַציע און די היילונג האָט אײַנגעשלונגען. דער זשעסט פון די טשערנאָוויצער אַרבעטערס קען בלויז באַ־טראַכט ווערן ווי אַ סימבאָל פון וועלן העלפן זייער ליבלינג, דעם ערשטראַנגיקן אַקטיאָר און פאַרלייענער יוסף קאַמיען.

די אָפּעראַציע איז געלונגען. כּמעט צום יאָר האָט מען אים שוין אָנגעטאָן אַ פּראָטעזע, אייניקע חדשים האָט ער רעקאָנוואַלעסצירט אין אַ סאַנאַטאָריע אין די עסטרײַכישע אַלפּן. אין צוויי יאָר אַרום איז קאַמיען שוין ווידער געווען אויף

דער בינע, פֿאַרשטייט זיך, אָן גרים און קאָסטיום. קאַמיען איז, נעמלעך, געווען אַ ווונדערלעכער פּאַרלייענער פֿון קינסטלערישן וואָרט.

אין אַ בריוול פֿון פּוילן שרײַבט ער צו מיר צווישן אַנדערן:

„איך בין שוין צו מזל ווידער אין דער היים, דאָס הייסט, אויף דער בינע. און ס'האָט זיך מיר פֿאַרבענקט נאָך אײַך. איך בעט אײַך צו כאַפּן אַ שמועס מיט די ברידערלעך מעט[1] און אויב זיי וועלן זיך דערקלערן מרוצה מיר צו אָרגאַנזשירן אַ קליינעם טורנע איבער רומעניע, וועל איך תּיכּף אָריבערקומען. איך האָף, אַז די ברידערלעך וועלן צו מײַנע קאָנצערטן נישט דערלייגן".

אין צווײ וואָכן אַרום האָט אַ גרויסער עולם קאַמיען־פֿאַרערערס מיט בלומען אים באַגעגנט אויפֿן טשערנאָוויצער וואָקזאַל.

זײַנע רעציטאַציעס האָבן סײַ אין טשערנאָוויץ גופא, אַזוי אויך אין די אַנדערע שטעט פֿון בוקאָווינע, בעסאַראַביע און אַלט־רומעניע געגעבן גרויסע „אָנשלאָגן".

ס'זענען ביז הײַנטיקן טאָג פֿאַרבליבן אין מײַן געדעכעניש די זונטיקן, וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט מיט אים אין דעם בוקאָווינער לאַנדווירטשאַפֿטלעכן גוט אַשעכליב, וווּהין די אייגנטימערין מאַדאַם סוכעסטאָוו, אַ באַוווּסטע מעצענאַטקע פֿון ייִדישער טעאַטער־קונסט און הייסע אָנהענגערין פֿון דער „ווילנער טרופּע", האָט אים פֿאַרבעטן אויף דאַטשע.

זיצנדיק אַזוי אויף סנאָפּעס פֿון פֿריש אָנגעשניטענער תּבֿואה, רופֿט זיך קאַמיען אָן: „מען וואָלט באַדאַרפֿט די פּויערן לייענען שלום־עליכמען, וואָלטן זיי נאָך פֿלינקער געפֿלאָכטן"...

נישט וואַרטנדיק אויף אונדזער ענטפֿער הייבט ער אָן פּאַרטיסימאָ צו לייענען אַ קאַפּיטל פֿון „טבֿיה דער מילכיקער". פּאַמעלעך העכערט ער זײַן שטים, ביז ער איז אַרײַן אין עקסטאַז, ווי ער וואָלט געשטאַנען פֿאַר די ראַמפּע־לעמפּלעך פֿון דער סצענע.

פֿאַר מיר איז ביז הײַנט אַ רעטעניש צי איז ער מיט דעם זשעסט אויסן געווען אונדז, זײַנע געסט, מהנה צו זײַן מיט אַזאַ אומדערוואַרטן כּבֿוד, אָדער ער האָט געוואָלט זען די רעאַקציע פֿון די פּויערן־שניטערס, ווײַל יעדן טאָג, אויף זײַנע שפּאַצירן איבערן טויג, פֿלעגט ער פֿאַרפֿירן שמועסן מיט די פּויערן, געוואָרן מיט זיי גוט־ברודער. אייניקע פֿון זיי האָבן גוט גערעדט ייִדיש.

---

[1] אַ טשערנאָוויצער טעאַטער-אַגענטור.

די פויערן האָבן אויפגעהערט צו פלעכטן זייערע סנאָפּעס, זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, און פון מאָל צו מאָל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

ווי נאָר קאַמיען האָט פאַרענדיקט האָט זיך אויפגעהויבן אַן עלטערער שניטער, זיך דערנענטערט צו קאַמיענען מיט פאָלגנדיקער פראַגע: „פּאַניטש! באַלאַקאַטי פּאָ וואַשעמו יאַק ווי, יאַ נע אומיו, נאַ זראָזומיטי ווסע זראַזומיל, טאַק פּריבאַטשטע זוויטקעליי ווי זנאַלי נאַשעהאָ פּאָפּאַ אַלעקסייאַ?“ (רעדן אַזוי ווי איר אויף אייער לשון, קען איך ניט, נאָר פאַרשטאַנען האָב איך אַלץ. איז זאָגט מיר, איך בעט אייַך, פון וואַנען האָט איר געקענט אונדזער גלח אַלעקסיי?...) דעמאָלט האָב איך צום לעצטן מאָל געזען און געהערט יוסף קאַמיענען, איינעם פון די זייַלן פון דער „ווילנער טרופּע“.

ס׳האָבן אָנגעיאָגט די וויסטע היטלער־ווינטן, און מיר האָבן פאַרלוירן יעטווידן קאָנטאַקט.

בשעת דער מלחמה, זייַענדיק מאָביליזירט אין דער אַרבעט־אַרמיי אין טאַש־קענט, האָב איך באַגעגנט אַ טשערנאָוויצער חבר, וועלכער האָט מיר דערציילט, אַז דורכפאָרנדיק די שטאָט אוראַלסק איז ער געווען אויף יוסף קאַמיענס קבר. איך האָב זיך אַלץ געקליבן אַרייַנצופאָרן קיין אוראַלסק, כּדי געוווּיר צו ווערן נענטערע פּרטים וועגן זייַן טויט, אָבער ס׳האָט זיך מיר ניט אייַנגעגעבן.

אַחוץ אַ פּאָר איינציקע אַרטיסטן, זיי זאָלן אונדז זייַן געשענקט נאָך אויף לאַנגע יאָרן, איז הייַנט קיינער מער נישטאָ פון די בלאָנדזשענדיקע „ווילנער שטערן“. אַ קלייַנער טייל איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. דאָס רוב פון זיי איז פאַרשניטן געוואָרן פון היטלערס ביקסקוילן און גאַזקאַמערן.

אָפּמערקנדיק די היסטאָרישע דאַטע דעפּילירט פּאַר אונדז פאַרבייַ די גאַנצע גאַלעריע טיפּן פון דער „ווילנער טרופּע“. ווי דורך אַ שלייער־פאָרהאַנג זע איך זיי אַלעמען פאַר מייַנע אויגן און פון ווייַטע ווייַטקייטן דערטראָגן זיך צו די אויערן די דבקותדיקע טענער פון „מחמת וואָס“.

„נ.פ.“, 1971

„טשערנאָוויצער בלעטער"
און רעדאַקטאָר שמואל אַבא סופר

דעם 1טן יאַנואַר 1929 האָט זיך באַוויזן דער ערשטער נומער טשערנאָוויצער בלעטער און פרילינג 1939 האָט די באַיאַרישע רומענישע רעגירונג די צײַטונג אָפּגעשטעלט.

ש. אַ. סופר, דער רעדאַקטאָר פון די טשערנאָוויצער בלעטער, איז געבוירן דעם 16טן נאָוועמבער 1897 אין גאַליצישן שטעטל האָראָדענקאַ. נאָכן אומקערן זיך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה קיין טשערנאָוויץ פאַרענדיקט ער דעם היסטאָרישן פאַקולטעט פון היגן מלוכה־אוניווערסיטעט און מיט גרויס אימפּעט הייבט ער אָן זײַן געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע טעטיקייט אין דעם ייִדישן סאָציאַליסטישן סטודענטן־פאַראיין „ייִדישע קולטור". סײַ זײַנע לעקציעס פאַר דער אַרבעטער־ און מיטלשול־יוגנט, סײַ זײַנע ליטעראַרישע אָנהייבן אין דעם וואָכנבלאַט די פרײַהייט און זשורנאַל קולטור, ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט חסידישע לעגענדעס, איבערזעצונגען פון אַנרי באַרביס (פײַער) און פייפער־ליכקעלס (פאַנטאַזיעס פון אַ רעאַליסט), האָבן עדות געזאָגט, אַז סופר איז אַ קולטור־טוער און ליטעראַט מיט ערודיציע. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ „קליין ווערטערבוך פון אַלע אַראַמעיִשע, העברעיִשע און סירישע ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט אין ייִדיש".

דער אייביק זוכנדיקער סופר האָט במשך פון עטלעכע יאָר געהערט צו די פּועלי־ציון, געווען רעדאַקטאָר פון פּאַרטיי־אָרגאַן אַרבעטער־צײַטונג. אָבער ער פאַרלאָזט זייערע רייען. ער ווערט טרייף פאַר דער מאַכט, פאַרלירט די שטעלע פון אַ מיטלשול־לערער און ווערט אַ באַנק־אָנגעשטעלטער.

סופר אַרבעט אַ סך איבער זיך, שרײַבט גרעסערע אַרבעטן וועגן טעאָדאָר לעסינגס זעלבסטהאַס דער יודען און וועגן שפּענגלערן, אַ גרעסערע און וואָגיקע אָפּהאַנדלונג „דער סאָציאַלער עלעמענט און שטיינבאַרגס משל" (פּובליקירט אין זשורנאַל סאָוועטיש, קיִעוו 1940). ער טרעט אַרויס מיט לעקציעס אויף סאָציאַלע און סאָציאָלאָגישע טעמעס פאַר דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־יוגנט, אויך מיט

עפנטלעכע פאָרטראָגן, איַינגעאָרדנט דורכן טשערנאָוויצער ייִדישן טעאַטער־פאַראיין. באַזונדערס פאַרגעדענקען זיך זיַינע פאָרטראָגן: „די ליכט און שאָטן־זיַיטן פון חסידיזם״; „פרידריך ניטשעס ,אויבערמענטש׳״.

דאָ באַגעגענען מיר שוין סופרן אַן אויסגעלייַטערטן, אַ פּראָגרעסיוו־דענקע־דיקן, וואָס הערט זיך צו צום עכאָ פון דער ציַיט — ער באַהעפט זיך וואָס אַ מאָל ענגער מיט די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן, ער ווערט איינער פון זייערע באַליבט־סטע טריבונען.

ס׳איז 29/1928, די רומעניש־באָיאַרישע סיגוראַנצאַ (געהיים־פּאָליציי) בושע־וועט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אויסערן געזעץ. די טורמעס פון זשילאָוואַ און דאָפטאַנאַ זענען אָנגעפולט מיט בעסאַראַבער און בוקאָווינער אונטערערד־קעמפערס. אַ טייל פון דער פּראָגרעסיווער פּרעסע, פון דער אַלגעמיינער און ייִדישער, איז פאַרמאַכט.

דער ייִדישער אַרבעטער און פאָלקסמענטש גאַרט נאָך אַ וועלטלעך־ראַדיקאַל וואָרט, און דאָ געלינגט סופרן, מיט דער הילף פון פאַרויס געשאַפענע אַבאָנענטן צו פאַרווירקלעכן זיַין פּלאַן, אַרויסצוגעבן אַן אומאָפּהענגיקע וואָכן־ציַיטונג די טשערנאָוויצער בלעטער.

די טשערנאָוויצער בלעטער, וואָס זענען דערשינען יעדע וואָך קאַרגע 10 יאָר (1929־39) האָבן זיך בהדרגהדיק אַנטוויקלט ווי די איינציקע טריבונע פון ייִדיש־וועלטלעכן וואָרט אין רומעניע (בלויז אין 1933 האָט די פּראָגרעסיווע שריַיבער־גרופּע בראש מיט משה אַלטמאַן און יעקב שטערנבערג אַרויסגעלאָזט די פּראָקאָמו־ניסטישע ציַיטונג די וואָך, וועלכע איז אין 1934 מצד דער מאַכט אָפּגעשטעלט געוואָרן).

די טשערנאָוויצער בלעטער, ווי אַן אומאָפּהענגיקע ציַיטונג, איז (באַזונדערס אין די ערשטע ציַיטן) געווען אַ ביסל צו פיל „אומאָפּהענגיק״. אָבער ביַי די דעמאָלטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען איז די אַזוי גערופענע אומאָפּהענגיקייט געווען זייער נוצלעך. אין זכות פון פאַרעווער ייִדישער פּובליציסטיק איז געלונגען אַדורכצושמוגלען מאַטעריאַל פון אויסגעהאַלטענעם פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער.

אין דער ערשטער ריי פאַרגעדענקען זיך סופרס לייט־אַרטיקלען, וואָס האָבן געשטעלט צום שאַנדסלופּ די אָליגאַרכישע צאַראַניסטיש־קוזיסטישע פּאָליטיק. מיט קראַפט און שאַרפזין האָט סופר דורך זיַינע טשערנאָוויצער בלעטער דעמאַס־קירט די שטריַימל־ און צילינדער־פּאָליטיק פון די צעיושעטע קהילה־סטראַפּטשעס.

ניט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס די ציַיטונג איז אָפט מאָל דערשינען מיט וויַיסע צענזורפלעקן, האָט מען ניט אויפגעהערט דאָרט צו דרוקן אַרטיקלען

און קאָרעספּאָנדענצן פון שטאָט און שטעטל איבער מעשׂים־תּעתּועים פון דער סיגוראַנצאַ און זשאַנדאַרמעריע.

ווי ס׳פּירט זיך, איז אויף דער 4טער זײַט פון דער צײַטונג געווען אָנגעגעבן דער אַדרעס פון דער רעדאַקציע, אייגנטלעך דער אַדרעס פון דער דרוקערײַ. פּאַקטיש איז די רעדאַקציע געווען — בײַ טאָג אין ביוראָ וווּ סופר האָט געאַרבעט, און אין אָוונט — בײַ אים אין דער היים.

ניט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען סופרן אין באַנק, וווּ ער האָט געאַרבעט. ער איז כּמעט תּמיד געווען אַרומגערינגלט מיט מענטשן. צי זענען דאָס געווען יונגע מחברים מיט זייערע כּתבים, צי גלאַט אַרבעטערס אַנטלאָפענע פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל, וווּ דאָס אויג פון דער סיגוראַנצאַ האָט זיי פאַרפאָלגט — צו אַלעמען האָט זיך סופר צוגעהערט און זיך געסטאַרעט יעדן צו העלפן, ווען מיט אַ טאַלאָן אין דער פאָלקסקיך, ווען מיט אַ רעקאָמענדאַציע, וווּ איבערצונעכטיקן אַ נאַכט.

ווער ס׳האָט זיך באַקענט מיט סופרס שטרענגן קוק, וועלכער האָט דורך די שפּאַקולן נאָך שטרענגער אויסגעזען, האָט זיך איבערצײַגט מיט וואָס פאַר אַ חברישער ליבע און וואַרעמקייט ער האָט באַגעגנט זײַנע מיטמענטשן.

ניט זײַענדיק צוגעבונדן צו קיין אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט האָט סופר פאַרנומען אַן אָרט פון איינעם פון די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע טוערס.

אַ געהעריקן אָנשפּאַר אין די טשערנאָוויצער בלעטער האָט געפונען די דעמאָל־טיקע ייִדיש־שרײַבערישע יוגנט־גרופּע, וועלכע האָט דאָרט פּרעזענטירט אירע וויזיט־קאַרטן, ווער מיט לידער, ווער מיט פּראָזע.

אין סופרס ניט זייער גערוימער דירה אויף ווינצער־גאַס נומער 17 האָט מען אין די אָוונט־שעהען זייער אָפט געקענט באַגעגענען איינעם, אַ מאָל אויך מערער, פון די יונגע מחברים. מ׳איז געזעסן בײַ אַ גלעזל טיי און עוסק געווען בדרכי ליטעראַטור. דאָ אַרויסגענומען אַ שורה, דאָרטן צוגעשריבן אַ סטראָפע, דעם אומגעקערט אַ דערציילונג, וועלכע דער אויטאָר האָט אין אייניקע טעג אַרום צוריקגעבראַכט דרוקפעיִק — —

דאָס מערקווערדיקסטע איז סופרס צוגאַנג צו מענטשן, בפרט צו זײַנע מיט־אַרבעטערס. פאָדערנדיק פיל פון זיך, זענען אויך געווען זײַנע פאָדערונגען צו זײַנע מיטאַרבעטערס, דער עיקר צו די יונגע, גאָר האַרב. אָבער ער האָט געפאָדערט אויף אַזאַ אופן, אַז מ׳האָט די האַרבקייט נישט געפילט. מ׳איז תּמיד אַוועק פון סופרן מיט דער איבערצײַגונג, אַז מ׳האָט עפּעס געלערנט.

אין די טשערנאָוויצער בלעטער האָבן דעביוטירט: זעליג באַרדיטשעווער, יוסף בורג, יונה גרובער, נחמה גאָלדשטיין, קובי וואָל, יוסף טראַכטענבערג, מאיר

כאַראַץ, יאָסל לערנער, יעקב פרידמאַן, הערש לייב קאַזשבער־ווײַנשטיין, אפרים רויטמאַן, יחזקאל רינג, איציק שוואַרץ (י. קאַראַ) און אַנדערע.

צו אונדזער גרויסן ווייטיק זענען כּמעט אַ העלפט פון די אויסגערעכנטע פּאַרשוניטן געוואָרן בעת דער מלחמה.

די לעבן־געבליבענע, פון וועלכע אַ טייל זענען שוין באַקאַנטע פּאָעטן, דער־ציילערס און פאָרשערס, דערמאָנען מיט דאַנקבאַרקייט און ליבע זייער ערשטן רעדאַקטאָר.

פרילינג 1939 איז אויף דעם באַפעל פון רומענישן אינערן־מיניסטער אָפּגע־שטעלט געוואָרן דאָס דערשײַנען פון די טשערנאָוויצער בלעטער. זומער 1941 האָבן די היטלערישע תּליינים דערמאָרדעט דעם רעדאַקטאָר שמואל אַבאַ סופר מיט זײַן פרוי און צוויי טעכטערלעך — די 15־יאָריקע בריטאַ (געשריבן לידער אויף דײַטש) און די 12־יאָריקע אסתּרל און אויך זייערע נאָבעלע באַלעבאַטים, אַ פּוילישע פאַמיליע, וואָס האָט זיי אַ שטיק צײַט אויסבאַהאַלטן בײַ זיך אין קעלער און זיי געשפּײַזט אויף די וועגן צווישן זאַלעשטשיק און טשאָרטקאָוו.

1964

פון רעכטס: משולם סורקיס, שמואל אַבאַ סופר, יאָסל לערנער

אינהאַלט

9 אַנשטאָט אַ הקדמה
27 26סטער אַפּריל 1976

עסייען

41 מאַרמאַראָש, ווו יידן האָבן ניט אָנערקענט דעם
ווערסאַלער טראַקטאַט...
48 דער לעבעדיקער אָפּיש
פאָלקלאָר-אָפּקלייב פונעם בעסאַראַבער „שרייער"
57 א. שטיינבאַרג שבעל-פּה (צו זיין 95סטן געבוירן-טאָג)
66 מיט אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן
75 יעקב שטערנבערג
82 מיט איציק מאַנגער
92 דוד האָפּשטיין (צו זיין 85סטן געבוירן-טאָג)
98 יאָסל לערנער — דער זינגער פון דער „9טער גובערניע"
(צום 35סטן יאָרטאָג פון זיין ליטעראַרישן שאַפן)
103 חיים קראַפט (צו זיין 10טער יאָרצייט)
109 ד"ר מאיר ראָזנער
115 פּראָפ' חיים לעקער
119 מיט אַרטור קאָלניק אין רומעניע
122 צו איציק שוואַרץ (אי. קאַראַ)
(אַ בריוו צו זיין 65סטן געבוירן-טאָג)
126 יידישער ניגון
וועגן ד"ר עמנואל האַקען און זיין בוך
„ניגונים צו יידישער דיכטונג"
130 יוסף שמידט
138 דינה רויטקאָפּ
141 לייבו לעווין זינגט און זאָגט
144 דער יידישער שולפאַראיין אין טשערנאָוויץ
(דערמאָנונגען וועגן דעם אייגנאַרטיקן יידישן
קולטור-ווינקל אין רומעניע)
155 50 יאָר ווילנער טרופּע
163 „טשערנאָוויצער בלעטער" און רעדאַקטאָר שמואל אַבא סופר